הערשל פּאָליאַנקער

# דער אויצער

פּרייִלעכע און אומעטיקע מייסעס



Київ
Головна спеціалізована редакція
літератури мовами
національних меншин України
1996

Григорій Полянкер

# СКАРБ

*Веселі та сумні історії*

הערשל פּאָליאַנקער

# דער אויצער

פּריילעכע און אומעטיקע מייסעס

ББК 84.4УКР6-ЄВР
П54

На замовлення Міністерства України
у справах національностей та міграції

**Полянкер Г.І.**
П54 Скарб: Веселі та сумні історії.—К.: Голов. спеціаліз. ред. літ. мовами нац. меншин України, 1996. — 336 с. — Їдиш.

ISBN 5-7707-9816-5

Збірка розповідає про всесвітньо відомих жартівників, героїв народного гумору — Гершеле з Остропілля, холмських мудреців. До видання також увійшли цікаві єврейські афоризми, прислів'я, анекдоти, дотепи.
Для масового читача.

П $\frac{4702210201 — 004}{259 — 96}$ **Без оголошення** **ББК 84.4УКР6-ЄВР**

**ISBN 5-7707-9816-5**

© Г.І. Полянкер, 1996
© Ж.Г. Присяжна, художнє оформлення, 1996
© Голов. спеціаліз. ред. літ. мовами нац. меншин України, 1996

# ווענן אריצער

ביטער און פינצטער איז יענעם, וועמען עס איז פרעמד דער געפיל פון הומאָר!

אַז אַך און ווי איז דעם, ווער עס קאָן זיך ניט פרייען מיטן לעבן, ניט שמייכלען, לאכן, האנאָע האָבן פון דער ארומיקער שיינער וועלט!

די איינציקע לעבעדיקע באשעפעניש אף דער ערד, וועמען דער אייבערשטער האָט אמאָל צוגעשריבן די גרויסע מיילע, די אייגנשאפט לאכן, שמייכלען זיך פרייען, גיין מיט א הויכפארהויבענעם קאָפּ, זיך ניט בלאָזן, ווי אן הינדיק, ניט ארומגיין מיט אן אראָפּגעלאָזטער נאָז, זיך ניט בייזערן, ווי א כמארע, ניט צופרידן זיין אייביק מיט זיך און מיטן שיינעם ארום, איז בלויז דער מענטש.

דערמיט שיידט ער זיך אונטער פון אלע לעבעדיקע באשעפענישן אף דער ערד. דערמיט איז ער דער אויסדערוויילטער צווישן אלע באשעפענישן, דער פריווילעגירטער אף דער ערד!

די מענטשן, אפילו נאַנצע פעלקער, וועלכע האָבן ניט פאַרלוירן דעם געפיל פון הומאָר, דעם געפיל פון האָפענונג, יענע וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן אַלע צאָרעס און ווייטעקן, רעדיפעס און אומגליקן, זיינען אַריין אין דער אייביקייט, אָדער לעבן זייער לאַנג און, פאַרקערט, יענע וואָס זיינען אַראָפּגעפאַלן בא זיך, געוועזן פאַרכווישעכט, אין גאָרניט ניט נעגלויבט, ניט נעוווסט דעם טאַם פון פרייד, נעלעכטער, זיינען פרי געגאַנגען פון דער וועלט, אָפּגעמעקט נעוואָרן פון דער ערד, ניט איבערגעלאָזט אויף דער ערד קיין שפּור!

דאָס יידישע פאָלק דאַווקע געהער צו יענע פעלקער, וואָס האָט איבערגעלעבט בייזע שווערע צייטן, דורכגעגאַנגען אַסאַך אומגליקן, צאָרעס און ווייטיקן, ווי מע זאָגט עס, נעפּאַקט, און נעמאַזלט, געווען אויף פערדל און הינטערן פערדל, נאָר קיינמאָל ניט פאַרלוירן די האָפענונג, דעם מוט, ניט אָנגעווירן דעם נעפיל פון הומאָר, אויסגעהאַלטן אַלע ניסוינעס פון עם גוירל, זיך באמיט זיין לעבעדיק און פריילעך, אָפּט געלאַכט, געשמייכלט, און דאָס האָט דעם צוגעגעבן פרישע קויכעס שטייען פעסט אויף דער ערד.

ניט אומזיסט זאָגן כאַכאָמים:
– דאָס פאָלק איז אויסנעשטאַנען, האָט געזיגט, ווייל עס האָט געלאַכט!

און געלאַכט האָט עס ניט קלאָל א זוי. – מע האָט דעם געוויזן א פינגער, זיך א קרים געטאָן, און מע האָט געלאַכט!

נייך! עס האָט געלאַכט, אויסגעלאַכט ווילדקייט און נאַרעשקייט, בייז און אומגערעכטיקייט. און דער געלעכטער האָט געהאָלפן!

א כאַכמע קאָן דערהויבן. א וויץ קאָן דערמאָרדן. געלעכטער קאָן דערוואַרעמען, נאָר אויך אומברענגען. עס איז געווענדט ווען דו לאַכסט און פון וועמען.

קוק אריין אין געשיכטע, אין טאַנאַך, אין טאַלמוד, און קוק זיך צו וויפל כאָכמע, הומאָר, געלעכטער איז דאָרטן פאַראַן. באַנאַנד מיט טראַניזם, כאַפּט א קוק אין דער יידישער ליטעראַטור. פריילעכע שרייבער זיינען פאַראַן! גאַלדפאַדען מיט זיין טעאַטער, וויפל פרייד, געלעכטער האָט איר דאָרטן! טוט א לייען עטינגערס פּיעסן: קאָמעדיעס, שאָלעם-אַלייעמס מענאַכעם מענדל און טעוויע, זיינע אייזנבאַן-געשיכטעס און מאָנאָלאָגן, בערל - אייזיק און קאַסרילאָווקע, מענדעלעס מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי, פישקע דער קרומער. עס איז דען מעגלעך אַלץ און אַלעמען דערמאָנען!

נו, און דער יידישער פאָלקלאָר! הערשעלע אָסטראָפּאָליער און די כעלעמער כאַכאָמים...די יידישע ווערטלעך, אַפּאָריזמען, וויצן - דאָס איז דאָך בעעמעס א רייכקייט פון געלעכטער, סאַטירע. דאָס איז אַן עמעסער אוצער! זיינע בעסטע קינסטלער, דאָס פאָלק האָט דאָס געשאָפן אין מעשעך פון דורעס. עס געשאַפן, און דאָס פאָלק באַנוצט זיך מיט דעם, דאָס פאָלק קוויקט זיך, גרויסט זיך, פרייט זיך, לאַכט און ווערט שיר ניט צעשמאָלצן פון געלעכטער! און פרייד, געלעכטער איז די בעסטע רעפּוע פאַרן מענטשן. עס איז דען מעגלעך אַרומכאַפּן דעם אומגעאַייער גרויסן אוצער, וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן אין מעשעך פון לאַנגע דורעס!

וועלן מיר אייך היינט באַקאַנען מיט דעם באַרימטן יידישן לעץ

הערשעלע אָסטראָפּאָעליער, די כעלעמער כאַכאָמים, עטלעכע הונדעט ווערטלעך, אַפּאָיזמען, וויצן, אַנעקדאָטן...לאָמיר זיך אַ ביסל באַקענען מיטן גרויסן אויצער אונדזערן. ווייל איינער אַ כאָכעם האָט אַמאָל געזאָגט:

– בעסער איז צען מינוט לאַכן, איידער דאָס גאַנצע לעבן וויינען!..

# כעלעמער כאכאָמים

# א װאָרט װעגן די כעלמער כאַכאָמים

פון דאָ ר צו דאָר, פון לאַנד צו לאַנד גייט די לעגענדע װעגן די באַרימטע כעלעמער כאַכאָמים.

װיאַזוי, הייסט עס, איז כעלם, דאָס פריילעכסטע שטעטל אַף דער װעלט, געװאָרן דאָס אָרט, װו עס האָבן זיך באַזעצט די כאַכאָמים. און ניט נאָר זיך דאָ באַזעצט, נאָר עס באַרימט געמאַכט אַף דער גאַנצער ערד.

מענטשן, ריכטיקער געזאָגט, בייזע צינגער, ניט פאַרגינער, טיפּשים ברייען גראַדע, אַז דאָס זיינען ניט קיין כאַכאָמים, נאָר פאַרקערט, נאַראָנים!

דער סיכסעך װעגן דעם, צי זיינען די כעלעמער כאַכאָמים, אָדער נאַראָנים פירט זיך שוין אַ כעזשבן פון אַסאַך יאָר, אַפילע דװירעס. און סע איז נאָך פינקטלעך ניט פעסטגעשטעלט, ניט דערװיזן, װו שטעקט דאָ דער עמעס.

טאַקע דערפאַר ברענגען מיר די פריילעכע, און אָפּטלעך טרויעריקע געשיכטעס װעגן די כעלעמער, און זאָלן מענטשן אַליין באַשטימען, צי דאָס זיינען בעעמעס כאַכאָמים אָדער נאַראָנים. װייל װער זשע איז אַ בעסערער מייװן, אַ בעסערער ריכטער – דאָס פאָלק, לייענער, װעלכע קלייבן זיך גוט פאַנאַנדער אין די קליינע אױסיעלעך.

װיבאַלד אַזױ װעלן מיר זיך לאַנג ניט פאַרהאַלטן, און זיך לאָזן אין װעג, אָדער, װי מע זאָגט עס אַנערש – מיר װעלן פאָרן װייטער!

די לעגענדע הייבט זיך אָן פון יענער צייט, פון דער װייטער, װייטער פאַרגאַנגענהייט, װען דער אייבערשטער האָט זיך

געגומען באַשאַפן די וועלט. אַנדזער שיינע. פּראַקטישע, אומרויִקע און זינדיקע וועלט.

געבויט האָט ער זי, די, גרינטלעך, ברייט, גרויסאַרטיק, ווי אַן עכטער מייסטער דאַרף בויען זיך באַמיט אַלץ פּאַרזעצן, אַלץ זאָל שטייען אויף זיין אָרט, גאַרניט, כאָלילע, ניט דורכלאָזן, ניט פאַרגעסן, ניט פאַרפעלן די מענטשן זאָלן זיין צופרידן און אָנקווועלן.

נאָר זאָלסט אַפילע זיין מיט אַכצן קעפּ, ווי דו זאָלסט זיך ניט סטאַרען וועסטו דאָך עפּעס דורכלאָזן, ניט באַמערקן.

און ווען עס האָט שוין געהאַלטן באַם סאָף, ווען אַ לץ איז שוין געווען פאַרטיק – דער הימל מיט דער ערד די זון און די לעוואָנע, די כמאַרעס און די שטערן, די טייכן מיט די יאַמען, די וועלדער מיט די פעלדער, די גראָזן מיט די ביימער, די די קוואַלן מענטשן און באַלעכייעס – אַלץ גוט און פיין, מאַמעש אַ מעכייע, אַ פאַרגעניגן צו קוקן, לעב און ברענג דעם באַשעפער די שענצטע טפילס פאַר זיין נרויסער טירכע. נאָר מענטשן-די סאַמע קלוגסטע און טרעבאָוואַטעלנע באַשעפענישן אויף דער ערד האָבן זיך אַרומגעקוקט און דאָך געפונען אַ בלויז אין דער אַרבעט פון דעם מייסטער.

וואָס איז? גאָרניט! אַלץ איז טאַקע גוט און פיין געמאַכט געוואָרן, מיט קאָפּ, מיט נעשאָמע, און מיט געדאַנק, נאָר איין זאַך איז שלעכט. עס איז צו אומעטיק אויף דער ערד. ווייניק פרייד, געלעכטער. און מע האָט זיך גענומען קלאָגן, שרייבן אַנקלאָגעס אין די הויכע פענצטער. סטייטש, ווי קאָן מען אַזוי לעבן? פון אומעט קאָן, כאָלילע, די וועלט אומקומען! מע דאַרף זי ראַטעווען!

און וואָס מיינט איר, דאָס איז צום אייבערשטן דערגאַן, און ער

האָט לאַנג געטראַכט, וואָס טוט מען, וויאַזוי מאַכט מען, אַז אויף דער ערד זאָל זיין פריילעכער?

ער איז געקומען צום געדאַנק, אַז ווייניק כאַכאַמים און ווייניק נאַראַנים האָט ער געלאָזט אויף דער ערד. אַלע מענטשן–אויף איין שניט, ווי זשע קאָן זיין פריילעך? און טאַקע, מענטשן זיינען גערעכט!

ווייל אָן אַן איבעריקן מאַלבעש, אָן אַ איבעריקן ביסן, אַ טרונק בראַנפן, אַ קוועטל וויין, קאָן זיך דער מענטש יאַקאָס באַגיין. נאָר אָן פרייד, אָן געלעכטער, קאָן טאַקע דיוועלט אונטערגיין!

דאַרף מען עס זאָלן זיך אויף דער ערד יאַוועון וואָס מער פריילעכע, לעבנסלוסטיקע, קלוגע מענטשן, ווי אויך אַ ביסל נאַראַנים. נודניקעס, זאַנודעס, סקאַנדאַליסטן, און זיי וועלן זיך שוין געבן אַן אייצע!

אַרויסגערופן דעם מאַלעך גאַוורילן, האָט אים דער אייבערשטער דערקלערט זיין פּלאַן, וויאַזוי ער האָט באַשטימט אויסבעסערן די וועלט, און געגעבן אַ כאַפּעל: נעמען אויף די פּלייצעס צוויי זעק – איין זאַק מיט כאַכאַמיט און דעם צווייטן זאַק מיט נאַראַנים, – זיך לאָזן פליען איבער דער ערד, און יעדער שטאָט און שטעטל אַראָפּוואַרפן אַ פּאָרל כאַכאַמים און אַ פּאָרל נאַראַנים און זאָלן זיי זיך דאָרטן פּרוכפּערן און מערן, וועט גלייך אומעטום ווערן פריילעך!

גענומען די צוויי זעק, האָט גאַווריל זיך געלאָזט שוועבן, און פּינקטלעך געטאָן זיין שטיקל אַרבעט. ווי מען האָט אים אָנגעזאָגט. נאָר בייס דער אַרבעט ווער איז באַוואָרנט פון אַ פּעלער, פון כראַק:איז בא גאַווריילן אויך געשען אַ גרויסער אומגליק: בייס ער איז געפלויגן איבער דעם כעלעמער קאָנט, האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ הויכן באַרג, וווּ עס איז געוואַקסן אַ

מוירעדיקער דעמב און פאר אים, דעם דעמב, האָט זיך פארטשעפעט דער זאק מיט די כאכאָמים, זיך ניט בלויז פארטשעפעט, נאָר זיך אויך צעריסן, און אלע כאכאָמים ביז איינעם, האָבן זיך אויסגעשאָטן אפן שטעטל, אף כעלם.

און כעלם איז פארפלייצט געוואָרן מיט כאכאָמיט!

זינט יענער צייט, זאָגט מען, איז כעלם געוואָרן דאָס קלוגסטע און פריילעכסטע שטעטל אף דער ערד.
טאָמער גלייבט איר ניט, לייענט איבער, וואָס מע שרייבט, וואָס מע דערציילט וועגן די כעלעמער כאכאָמים, וועט איר זיך אליין איבערצייגן.

## אינעם כעלעמער געריכט

אינעם כעלעמער געריכט האָט מען געמישפּעט אַ פֿאַרשוין, אַ שוסטער - יונג, וועלכער איז באַגאַנגען אַ שווערן פֿאַרברעכן.

און אַזוי ווי דער פֿאַרברעכן איז געווען זייער אַ שווערער און דער כעלעמער געריכט, חי באַוווסט, איז פֿון אַלע צייטן געווען אַ גערעכטער און יורישערדיקער, אַן ערנסטער, האָט מען דעם פֿאַרשוין פֿאַרמישפּעט צום שיסן...

- סטייטש! - האָבן זיך געכאַפּט פֿאַר די קעפּ די כעלעמער כאַכאָמים, - דער הונט איז אַוואַדע ווערט דעם שטעקן, דאָס איז עמעס, נאָר וואָס הייסט - שיסן? די ריכטער זיינען מעשוגע געוואָרן, צי כאָסער - דייע? וואָס הייסט עס - שיסן? ווי קאָן מען שיסן דעם איינאַונאיינציקן שוסטער אין שטעטל? ווער זשע וועט לאַטען די שקראַבעס? דער אוילעם וועט מוזן אַרומגיין באָרוועס, און עס גייט צו ווינטער. מע קאָן, כאָלילע - וועכאַס, אַריינכאַפּן אַ קאַטער, אָנהייבן ניסן. שמאָראַן מיט די נעזער... ווער האָט אַזויינס צוגעטראַכט - שיסן! אַן אומגעהער טע זאַך - ווי קאָן מען לאָזן אַ שטעטל אָן אַ שוסטער?

אין כעלם האָט זיך אופגעהויבן אַ גאַנצער גערודער: ווו איז יוישער, גערעכטיקייט. ווו איז דער געזעץ?!

האַקיצער, עס האָבן זיך צונויפגענומען די העלטסטע כעלעמער כאַכאָמים, געזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און גרינטלעך באַטראַכט דעם איניען און געקומען צום געדאַנק אַז דעם אורטייל מוז מען גלייך אָפּשאַפֿן. אַזוי ווי אין כעלם לעבן צוויי שניידער, איז גלייכער, יוישערדיקע שיסן איין שניידער און דעם שוסטער - יונג לאָזן צורו.דער נייער אורטייל איז אַלעמען געפֿעלן געוואָרן. דער גאַנצער אוילעם אין שטעטל

האָט זיך געפרייט. און פאַרוואָס טאַקע ניט? די גערעכטיקייט האָט געזיגט!

## כּאַם שניידער

א יונגערמאַן איז אַנומלטן אַריינגעקומען צו א שניידער ער זאָל אים א ופנייען א מאַנטל. א געוויילעכן, ניט צעציאַצעטן מאַנטל.

זיך צוניפּרערעדט מיטן שניידער וועגן פּרייז, פאַסאָן און אַנדערע זאַכן, האָט ער א פרעג געטאָן:
– יאָ, נאָר איך וואָלט א כאַלן געוועגן וויסן, ווען וועט פאַרטיק ווערן מיין מאַנטל, וויפל וועט דויערן דאָס שטיקל אַרבעט?

– איך גלויב, – האָט געזאָגט דער שניידער, – אַז אין צוויי וואָכן אַרום וועט פאַרטיק ווערן אייער מאַנטל...צוויי וואָכן...

– וואָס רעדט איר – צוויי וואָכן? – האָט זיך פאַרוואונדערט דער יונגערמאַן, – פאַר זעקס טעג האָט דאָך גאָט, דער אייבערשטער, די וועלט באַשאַפן...

– נעוויס. פאַר זעקס טעג האָט ער די וועלט באַשאַפן, – האָט נאָך א ווײַלע טראַכטן געענטפערט דער שניידער, – נאָר טאַקע אַזא פאַנעם האָט זי, די וועלט...

## א קײַלעכיקער יאָסעם

בא אונדז אין שטאָט האָט מען ערשט ניט לאַנג געמישפּעט א באָכער, אַן אויסוווּרף, א גאַרניט, א וואָס אין דער קאָרט. און געמישפּעט האָט מען אים דערפאַר, וואָס ער האָט זיך

אָנגעשיקערט, ווי א כאזער, זיך צעהוליעט און דערהארגעט דעם טאטן מיט דער מאמען.

דריי טעג איז געגאן דער געריכט, און אין שטאָט איז געווען אן איבערקערעניש. אזא גזיירע איז דאָ ניט געווען, זינט די שטאָט לעבט.

די שטאָט איז מאמעש געגאן כאָדראָם. א קלייניקייט אויסצורעדן. א ניטגעהערטער פארברעכן - דערהארגענען די אייגענע עלטערן, דעם טאטן מיט דער מאמען!

דעם פערטן טאָג, ווען דער פראָצעס האָט שוין געהאלטן באם סאָף האָט דער ריכטער געגעבן דעם גאזלען דאָס לעצטע וואָרט.

יענער האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און ארויס מיט לאָשן, ווישנדיק די טרערן:
- פילגעשעצטע ריכטער און פראָקוראטאָר! - האָט ער זיך אָנגערופן, - פאר די דריי טעג, וואָס איר מישפעט מיך, האָב איך אסאך פארשטאנען. איך זע, אז איר זיינט גוטהארציקע, אופריכטיקע מענטשן. האָב איך צו אייך בלויז איין באקאָשע - ווען איר וועט זיך זעצן שרייבן מיר דעם אורטייל, זאָלט איר גוט געדענקען, אז איר טאָרט מיך ניט שטרענג באשטראָפן, געדענקען, אז מע דארף אף מיר ראכמאָנעס האָבן, ווייל איך בין אקיילעכיקער יאסעם...

## כעלם ווערט גרעסער...

כעלם, ווי די געשיכטע גיט איבער, איז געווען א געוויינלעך, פּאָשעט שטעטל, מיט גאָרניט באַרימט. נאָר פּן זינט עס

האָבן זיך אהער פונעם הימל אראָפּגעלאָזט די כּאכאָמים, איז דאָס באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער וועלט. באַקומען אַ גרויסן שעם.

די באַפעלקערונג איז זיך שטאַרק צעוואַקסן, און אײַנגיכן האָט מען דערפילט, אַז דאָ ווערט ענג. עס איז שוין באַלד נישטאָ וווהין זיך אַ קערעווע טאָן, מיט וואָס צו אָטעמען. וועגן דעם מע זאָל אויסבויען נײַע עטלעכע הײַזער, דורכלייגן אַ ביסל נײַע גאַסן פּלעצער, האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, כאָטש שרײַ גוואַלד אַ מוירעדי׳קע ענגשאַפט אין כעלם!
דער אוילעם האָט אופגעהויבן אַ מוירעדיקן טומל, אַ ראַש:
– גוואַלד, ײִדן! ראַבו יסײ. – האָט זיך דערהערט אַ געשרײ. אַ וואַיצאַקי פון אַלע זײַטן! כעלם קאָן, כאָלילע, אומקומען פון דער ענגשאַפט. מיר האָבן אַזויפיל קלוגע קעפּ און קאָנען גאָרניט צוטראַכטן? מיר דאַרפן זיך אָנשטרענגען און באַטראַכטן, וויאַזוי מאַכן אונדזער שטעטל גרעסער און גערוימער. האַקלאָל, וואָס דאַרפט איר אַסאַך? עס זײַנען זיך צונויפגעקומען די גרעסטע קעפּ. די שענצטע כאַכאָמים, און זיך גענומען טראַכטן. זוכן אַן אויסוועג. זיבן טעג און זיבן נעכט זײַנען זיי געזעסן און זיך געבראָכן די קעפּ, און צוגעטראַכט!

לעסאָף איז מען געקומען צום געדאַנק, אַז דער שולדיקער אין דעם, וואָס כעלם איז קליין, איז דער גרויסער באַרג, וואָס שטייט ווי אַ בעלמע אין אויג באַם סאַמע אַרײַנפאָר אין כעלם. און דער איינציקער אויסוועג איז איינער. מע ראַרף אָפּרוקן דעם באַרג, און אַלץ וועט זײַן גוט. כעלם וועט ווערן גערוימער ברייטער און לענגער. דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. באַ אַלעמען האָבן זיך צעעפנט די אויגן. אַ גאָלדענער געדאַנק! פאַרוואָס האָט מען זיך וועגן דעם גלײַך ניט דערטראַכט און לאַנג זיך געמאַטערט אין דער ענגשאַפט?!...

אין כעלם איז געוואָרן יאָמטעוו. ענדלעך וועט מען קאָנען
פרייער אָפּאָטעמען. מע דארף זיך נאָר אָנעמען מיט פרישע
קויכעס און אָפּרוקן דעם בארג. געזאָגט און געטאָן!
ווי נאָר עס איז אָנגעקומען דער זונטיק-פרימאָרגן איז דאָס
גאנצע שטעטלקליין און גרויס, קינד און קייט, ארויסגעגאן צום
בארג און מע האָט זיך גענומען צו דער ארבעט – אָפּשטויסן
פון כעלם דעם מוירעדיקן בארג. מען איז מאמעש אָפּגעגאָסן
געוואָרן מיט שוויס. דאכט זיך, זינט כעלם שטייט אף דער ערד,
האָבן נאָך מענטשן אַזוי ניט געהאָרעוועט, ווי איצט, באמיענדיק
אָפּטאָן דאָס שטיקל ארבעט וואָס גיכער. מע האָט זיך
ארויסגעשלאָגן פון די קויכעס און געארבעט, ניט
ארומקוקנדיק זיך.

נאָר די כעלעמער, ווי באַוווּסט, זיינען ניט בלויז קיין גרויסע
כאכאָמים, נאָר אויך איינגעשפּארטע, ווי די אייזלען, מענטשן
מיט גרויסע איינפאלן. זיי האָבן טאקע דאָ, אפן אָרט, זיך
דערטראכט, אז קעדיי די ארבעט זאָל גיין גיכער, דארף מען
אראָפּנעמען דע מאנטלען, רעקלעך, קאפּעלירשן, פאטשיילעס,
וועט גלייך ווערן נרינגער ארבעטן.

האָט מען זיך אויסגעטאָן, אראפּגעוואָרפן פון זיך די איבעריקע
בגאָדים און דאָס אָפּגעטראָגן צו דעם ראַנד פונעם שליאך,
אקוראט דאָס אָנטאָן צונויפגעלייגט, באלעבאטיש, שיין, און
צוריק אוועקגעלאָפן צו זייער ארבעט, צום בארג און זיך
גענומען מיט מער אימפּעט שטויסן דעם טייוולאָנישן בארג.

א יצט איז די ארבעט אוועק שנעלער, גרינגער. א מעכייע
געווען שטויסן. עס איז מאמעש געוואָרן גרינגער אפן האַרצן.

דארף אַזוי טרעפן, אז עס זאָל זיין א זונטיק-פרימאָרגן און מיטן
שליאך זאָלן פאָרן מענטשן אפן יאריד. אף איין פור איז געזעסן

א כאַליאַסטרע גאַנאָווים, רויבער, וועלכע האָבן אויך געאײַלט אױפֿן יאַריד.

דערזען, ווי די כעלעמער כאַכאָמים האָרעווען, שטויסן אָפּ דעם באַרג, האָבן זיי שיִער ניט געפּלאַצט פֿון געלעכטער.

דערזען אַזויפֿיל אָנטאָן באַם ראַנד שליאַך, האָבן זיי עס גלײַך צוניפֿגענומען, אַרופֿגעוואָרפֿן אױפֿן וואָגן, און געמאַכט פּלייטע.

שפּעטער, ווען די כעלעמער כאַכאָמים זײַנען מיד געוואָרן פֿון זייער האָרעווערײַ און באַשטימט איבערכאַפּן דעם אָטעם, זיך אַ ביסל אויסגלײַכן די בייגער, האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט און עמעצער האָט מיט פֿרייד אויסגעשריגן:

– היי, יידן! כעלעמער, זעט נאָר, ווי מיר האָבן אָן אַרבעט געטאָן! מיר האָבן שוין אַזוי ווײַט אָפּגעשטויסן דעם באַרג, אַז מע זעט שוין ניט וווּ עס איז געבליבן אונדזערע קאַפּאָטעס, פּאַשײַלעס, אונדזער אָנטאָן!

– געלויבט איז גאָט! – האָבן אַלע אויסגעשריגן און פֿון פֿרייד זיך געשטעלט טאַנצן.

## כעלעם פּליקט פּערענץ

נאָך דעם, ווי די כעלעמער כאַכאָמים האָבן זיך אַזוי פֿײַן ספּראַווערט מיטן באַרג און דאָס שטעטל האָט פֿרײַער אָפּגעאָטעמט, געוואָרן גרעסער, ברייטער און גערוימער, האָט מען זיך דערמאָנט, אַז מע וואָלט געדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן מיקויעך פּאַרנאָסע, פֿאַרדינען אױפֿן שטיקל ברויט. מע זאָל האָבן וואָס נעמען אין מויל אַרײַן. ווײַל וויפֿל איז דער שיִער בירעווען?

מײַלע, די היגע באַלמעלאָכעס פֿאַרדינען יאַקאָס אױפֿן שטיקל

ברויט, נאָר דאָ ווּרינען ניט ווייניק מענטשן, וואָס זען דאָס שטיקל ברויט איין מאָל אין א פורים.

די מענטשן פון די ארומיקע שטעטלעך און יישווים האָבן זיך שטארק געוווּנדערט: "שטייטש – האָבן זיי געטיינעט, – אזויפיל כאכאָמים לעבן אין כעלם, לויטערע קעפּ, פריילעכע, קלוגע, ערלעכע און קענען זיך ניט געבן קיין אייצע, עפּעס צוטראכטן, דער אוילעם זאָל אזוי ניט בידעווען, עפּעס פארדינען אפן בידנע אויסקומעניש, זיך ניט מוטשן אזוי."

האָבן זיך צונויפגענומען די קליגסטע קעפּ פון כעלם און גענומען די זאך באטראכטן: וואָס טוט מען און וואָס הייבט מען אן צו טאָן? דאָס שטעטל קאָן דאָך, כאָלילע, שטארבן פון הונגער. וואָס וועט רעמלט זאָגן די וועלט?

איז מען געזעסן, געטראכט, געטראכט און טאקע צוגעטראכט!

פונעם הימל, ווי באוווּסט, פאלט גאָרניט אראָפּ, גאָניט גאָרניט אראָפּ, אויב ניט רעכענען קיין רעגן, קיין שניי, קיין אָגל. און יעדער מענטש דארף זיך אף דער זינדיקער ערד מיט עפּעס – וואָס באשעפטיקן. אין כעלם זיינען נישטאָ קיין פאבריקן, זאוואָדן אנשטאלטן און אנדערע גליקן. נאָר אויב גאָט האָט באשאפן דאָס שטעטל, האָט ער אפּאָנעם, אלץ באטראבט פון אלע זייטן, דעריקער דאָס, וואָס מע דארף רעם אוילעם באזאָרגן מיטן שטיקל ברויט. האָט ניט דער מענטש קיין מעלאָכע אין די הענט, קאָן ער זיך פארנעמען מיט אַנדערע איניאָנים, מיט דעם, מיט יענעם, מיט האנדל, מיט קאָמערציע – אבי ניט ארומגיין, ווי ליידיקגייער... אָט, לעמאָשל, האָט גאָט אחעקגעשטעלט ניט ווייט פון כעלם, א גאָר פיינע, גרויסע שטאָט ווי ווארשע. פארוואָס זשע קאָן ניט זען, אז ווארשע זאָל נעמען אף זיך דעם האָל באזאָרגן מיט אלץ נויטיקן כעלם מיט

זיין באפעלקערונג. נאָר דערצו דארף כעלם עפּעס נוצלעכס געבן ווארשע. דו מיר, איך – דיר! אזוי פירט זיך די וועלט.

די כעלעמער כאכאָמים האָבן די זאך באטראכט פון אלע זייטן. טעג און נעכט זיך געאמפּערט, געקריגט, און געקומען צו א גרויסארטיקן אויספיר. ווארשע איז ניט כעלם. אין ווארשע וווינען אסאך מענטשן. און וויבאלד אזוי, דארפן די מענטשן האָבן ווו אוועקלייגן די קעפּ, אף וואָס שלאָפן. פראָסט און פּאָשעט גערעדט, דארף יעדער ווארשעווער איינוווינער האָבן א קישן צוקאָפּנס. און קעריי מאכן קישנס, זיינען נויטיק פעדערן. מע קאָן, פארשטייט זיך, מאכן קישנט פון שטרוי. נאָר ווארשע איז געוווינג רייך מע זאָל זיך פארגינען שלאָפן אף קישנס פון פוך אָדער פעדערן. וואָס איז דאָ פאראן אסאך צו ברייען, דער אוילעם פון כעלם דארף זיך אוועקזעצן און פליקן פעדערן, די פעדערן ווערט מען איבערפעקלען קיין ווארשע מע זאָל דאָרטן גרייטן קישנס. אזוי ארום האָבן כאשטימט די כעלעמער כאכאָמים ווערט כעלם זיך פארדינען אפן שטיקל ברויט און ניט דארפן ארומגיין איבער די הייזער מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט!

סייארא גאָלדענער איינפאל! האָבן זיך אלע געפרייט. פארוואָס האָט מען זיך צו דעם ניט דערטראכט ביזן היינטיקן טאָג! מע ווערט ראָך אזויארום דורך די פעדערן באַרייכערט ווערן, און צו קיינעם ניט דארפן אָנקומען. ראָס איז א קאָשערער טאָפּ און א קאָשערער לעפל! יעדער איינער ווערט זיך פארדינען זיין שטיקל ברויט און. מעגלעך, אפילע ברויט מיט פוטער!

זיבן טעג און זיבן נעכט האָט זיך כעלם געפרייט . א גאָלדענער איינפאל א גאָלדענער געדאנק!

און וואָס דאַרפֿט איר אַסאַך – כעלם האָט זיך אַוועקגעזעצט פֿליקן פֿעדערן. עס איז אַוועק אַ גאַנג!

אין יעדער שטיבל, וווהין איר האָט ניט אַריינגעשמעקט, זיינען געזעסן ווייבער און קינדער, עלטערע לייט, מיידלער און מע האָט געפֿליקט פֿעדערן! אַן אַנדער ברייערע האָט מען געהאָט? אַז וואַרשע דאַרף האָבן פֿעדערן, איז דאָך ניט שייעך!

און אינדערעמעסן, ווער קאָן אין אַזאַ געראָטענער שטאָט זיך באַגיין אָן אַ קישן? יעדער איינוווינער האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס און אָן אַ קישן איז דאָס ניט ווערט קיין צעכראָכענעם גראָשן.

האָט כעלם געפֿליקט פֿעדערן אויף וואָס די וועלט שטייט! די גענדז מיט די קאַטשקעס און הינער האָבן אופֿגעגעסן די רייכע און די פֿעדערן האָבן באַקומען די קאַפּצאָנים. איז מען, נעבעך, געזעסן טאָג אייך טאָג אויס און מען האָט געפֿליקט פֿעדערן! מען האָט געהאַוועט!

די געסלעך אין כעלם זיינען געווען פּוסט. זעלטן ווען מע איז אַריבערגעגאַן אויף יענער זייט שוועל. אַ קלייניקייט, מע האָט געדאַרפֿט האָרעווען. וואַרשע האָט געוואַרט אויף פֿעדערן.

גאָט האָט געהאָלפֿן, דער אוילעם האָט אָנגעפֿליקט אַזיפֿיל פֿעדערן, אַז די שטיבער און נאַכלעס זיינען שוין געווען איבערפֿולט מיט פֿעדערן. וווהין מע האָט זיך ניט אַ קער נעטאָן, האָט מען געטראָפֿן בערג מיט פֿעדערן. אַ פֿאַרפּלייצונג פֿון פֿעדערן.

דער אוילעם האָט אַ ביסל פֿרייער אָפּגעאָטעמט. פֿאַרענדיקט, אָפּגעטאָן אַ וויכטיק שטיקל אַרבעט. איז איצט געבליבן אַ קלייניקייט. מע האָט פֿון געוואַנט אופֿגענייט גרויסע, גרויסע

זעק, זיי אָנגעשטאָפּט מיט די פּעדערן. און זיי אָפּגעפּירט אפן וואקזאל, קעדיי אָפּשיקן זיי קיין ווארשע. ווו מע האָט געוואָרט מיט אומגעדולד. גאַנץ כעלם איז געווען אפן זיבעטן הימל. זיך געפרייט, ווי אף אן עמעסן יאָמטעוו.

עפּעס א קלייניקייט אויסצורײדן! א גאַנצע שטאָט האָט אזויפיל טעג און וואָכן זיך געמיעט, געפּליקט די פּעדערן, און איצט איז געקומען די צייט, ווען מע דאַרף געניסן פון דער האַווידע, דאָס מאַזל איז אזוי נאָענט. עס ראַכט זיך, אז אָט – אָט טאַפּט מען ראָס אָן מיט די הענט. אלע וועלן ווערן אופגעריכט, עס וועט ווערן גרינגער דאָס לעבן. נאָך איין קלייניקייט – אָנלאָדן די וואַגאָנעס, די זעק, און היידא קיין ווארשע!

לאָזט זיך אויס. אז ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך! די כעלעמער האָבן דערהערט, וויפל דאָס דאַרף קאָסטן אָפּשיקן די פּעדערן מיט דער באַן איז מען געליבן געפּלעפט. א מאַיאָנטעק מיט זלאָטעס דאַרף מען דערצו האָבן!

און ווער פאַרמאָגט דען אזויפיל געלט? אלע ווייסן גוט, אז כעלם איז נעבעך, אָרעם ווי דער טויט. ווו נעמט מען אזויפיל זלאָטעס?

איז מען ווידער געבליבן ניט אהער, ניט אהין!

אָבער כעלמער אוילעם איז בא זיך ניט געפאַלן! עס קאָן ניט זיין, אז אזוינע כאַכאָמים זאָלן ניט געפינען קיין אויסוועג.

און עס זיינען זיך אפּסניי צונויפגעקומען די גרעסטע און קליגסטע קעפּ און גענומען טראַכטן.

וויאזוי טאַקע שיקט מען אָפּ קיין ווארשע די סכוירע, די אייזנבאַן איז אן עמעסער גאַזלען און וויל אָפּראַבעווען דאָס שטעטל. מענטשן זיינען בא זיך ניט געפאַלן, מע האָט

פאַרשטאַנען, אַז קאַלזמאַן עס לעבן די כעלעמער כאַכאָמים, וועלן זיי צוטראַכטן, קעדיי אָנלערנען די מאַניאַקעס פֿון דער באַן. עס איז נאָך ניט העפּקער פּעטרעשקע. דער הימל איז נאָך ניט אַף דער ערד. מע וועט זיך יאַקאָס געבן אַן אייצע.

די גרויסע כעלעמער קעפּ זיינען געקומען צום געדאַנק נאָך לאַנגע קריגערייען, האַמפּערנישן, סיכסוכים.

דער פּלאַן איז פּראָסט און פּאַשעט. מע דאַרף צוּוואַרטן ביז עס וועט זיך צעבושעווען אַ גרויסער ווינט. וואָס וועט בלאָזן אין דער זייט פֿון וואַרשע. רעמלט וועט מען צעבינדן די זעק, אַרויסלאָזן אַפֿן ווינט די פּעדערן, וועט דער ווינט זיי אויפֿכאַפּן און זיי וועלן אַוועקפֿליען גלייך קיין וואַרשע. און מע וועט דערפֿאַר ניט דאַרפֿן באַצאָלן קיין צעבראָכענעם גראָשן.

און ראָס איז אַלעמען שטאַרק געפֿעלן געוואָרן. און מע האָט טאַקע אַזוי געטאָן.

גאַנץ כעלם האָט זיך געפֿרייט!

אין אַן האַרבסטיקן זונטיק – פּר ימאָרגן, ווען דער ווינט האָט געבושעוועט, מאַמעש געמאָרדעוועט מענטשן פֿון די פֿיס, איז גאַנץ כעלם אַרויסגעגאַן אין פֿעלד. צעבונדן די זעק, אַרויסגעלאָזט אַפֿן ווינט די פּעדערן. עס איז געווען מאַמעש אַ מעכייע צו קוקן, ווי דער ווינט האָט אונטערגאַכאַפּט די פּעדערן, עס האָט זיך צעבושעוועט אַ מוירעדיקער וויכער פֿון פּעדערן. די, כעלעמער זיינען גוואָרן גרעבער, ווי לענגער פֿאַר פֿרייד. געקליבן פֿאַרגעניגן. קוקנדיק ווי דער וויכער האָט זיך געדרייט, געדרייט און פֿאַרקערעוועט גלייך קיין וואַרשע.

– אַ ווּיסטע מאַפּאָלע אַף דער כעלמער פּאַטשעט און אַף דער באַן, – האָבן צווישן זיך געדערדט די כעלמער כאַכאָמים, – וואָס

זשע, זיי ווייסן, אז מיט די כעלמער שפּאסט מען ניט. זיי האָבן געוואלט אָפּראָבעווען א גאנץ שטעטל, האָבן זיי באקומען קאדאָכעס אין א קליין טעפּעלע.

די כעלמער האָבן אָפּגעשיקט די פּעדערן אָן א גראָשן געלט. אומזיסט. איצט איז געבליבן איין זאך:ווארטן ביז עס וועט אָנקומען פון ווארשע די גוטע פּסורע, אז די פּעדערן זיינען בעשאָלעם, פּינקטלעך צו דער צייט. אָנגעקומען און דער אוילעם וועט זיך ווידער קענען זעצן פליקן פּעדערן.

## די שיף טרינקט זיך

א שיף איז געשווומען מיטן ברויזנריקן יאם און מיטאמאָל האָט זיך אופגעהויבן א מוירעדיקער ווינט. מיט דער שיף האָט עס אָנגעהויבן מאָרדעווען, ווי אין א קאדאָכעס. אָט-אָט קערט זי זיך איבער, אָט-אָט, נאָך א פּאָר אזעלכע שטויסן, ווערט די שיף דערטרינקען. די פּאסאזשירן האָבן אופגעהויכן א שטארקן גוואלד. עס איז געוואָרן אן איבערקערעניש. און שטארקער פון אלע האָט געשריגן, געוויינט א לאנגער דארער פּארשוין מיט א צילינדער אפן קאָפּ.

רופט זיך אָן א כעלעמער כאָכעם צו זיין שאָכן און ווינקט אפן שרייער:

– זאָג מיר נאָר, פּייוויש, פּארוואָס שרייט דער לעץ אזוי שטארק. וואָס גוואלדעט ער אזוי שטארק. ער איז מעשוגע, צי וואָס?...

– וואָס זשע, טיפּעש, דו זעסט דען ניט, וואָס עס טוט זיך מיט דער שיף, – זאָגט יענער – די שיף איז אין א גרויסער סאקאָנע. נאָך עטלעכע מינוט, און זי וועט, נעבעך, גייען צו ם גרונט, דערטרונקען ווערן...

מישט זיך ווידער אריין דער כעלעמער:
– נו, איז וואָס, דאַרף מען אַזוי שרייען? עס איז דען זיין אייגענע שיף? וואָס ער נעמט זיך אַזוי שטאַרק צום האַרצן...

– טיפּעש, מעשוגענער! – האַלט ניט אויס דער כעלעמער כאַכעם, – זעסט דען ניט, אַז די שיף קומט באַלד אום, ווערט דערטרינקען.

– יאָ, נאַר די שיף איז געוויס פאַרסטראַכירט... – מאַכט יענער, – וועט דער לעץ באַקומען סטראַכאָווקע...צו וואָס זשע איז דער געשריי?...

## אין שפּיטאָל

אין שפּיטאָל ליגן צוויי כעלעמער כאַכאָמים. יעדער פון זיי – מיט אַ קראַנקן פוס.

דער דאָקטער האָט זיי באַטראַכט און צוגעשריבן מאַסאַזשן אַף די פיס.

איינער פון די ׳קראַנקע האָט מוירעדיק געשריגן, געגוואַלדעוועט, בייס דער מאַסאַזשיסט האָט אים געמאַכט דעם מאַסאַזש. ער האָט זיך מאַמעש געריסן אַף די גלייכע ווענט פון ווייטעק. און דער צווייטער בייסן מאַסאַזשירן אים, איז געליגן, געשמייכלט, געלאַכט, גלייך ווי צו אים האָט עס קיין שום שייכעס ניט געהאַט.

רופט זיך אָן איין כעלעמער צום צווייטן:
– זאָג מיר נאָר, כאַצקל, וואָס איז ראָס פאַר אַ צאָרע, איך לייד שרעקלעכע ווייטעקן, שמערצן, ווען דער טייוול רייבט מיר דעם פוס און דו, מאַמזער, פילסט גאָרניט, פאַרקערט, דו

לאכסט נאָך, קוועלסט אָן. וואָס זשע הייסט עס, וואָס קאָן דאָס באַדייטן, זאָג מיר אויס דעם סאָד?

– קיין שום סאָד ניט! – ענטפערט דער צווייטער. – ביסט א נארישער מענטש, טא ווער איז דיר שולדיק? דו לאָזט אים מאסאזשירן דעם קראנקן פוס. איך גיב אים מאסאזשירן דעם געזונטן. און זאָל יענער רייבן א גאנצן טאָג, ארט עס מיך, ווי דער פאַריאָריקער שניי.

– אוי, ברודערקע, ביסטו דאָך אן עמעסער כאָכעם. און איך האָב זיך דערצו ניט דערטראַכט. מאָרגן וועל איך אויך טאָן, ווי דו! א גאָלדענער איינפאל!

## אינעם שנעל – צוג

א כעלעמער כאָכעם איז אריינגעגאן אין וואגאָן, זיך ברייט באַזעצט אף דער פאָלעצע באם פענצטער און גענומען באַטראַכטן גאָטס וועלטל. קומט אריין דער קאָנדוקטאָר און פאָדערט באַווייזן זיין בילעט.

– מיטן גרעסטן פארגעניגן! – רופט זיך אָן דער כעלמער און דערלאנגט יענעם זיין בילעט.

דער קאָנדוקטאָר ווערט מאָלע רעציכע, אינקאָס. און צעשרייט זיך אף אים:

– גלייך זאָלט איר באצאָלן שטראף! ווער האָט אייך דערלויבט אריינגיין אהער. איר דארפט פאָרן מיטן פאָטשטאָווע און איר האָט זיך אריינגעזעצט אפן קוריערסקע, אין שנעל – צוג...שטראף באַצאָלט, אָדער איך שליידער אייך גלייך ארויס פונעס וואגאָן!...

– שא, פּאָניע קאָנדוקטאָר, שרייט ניט אזוי שטארק, טומלט ניט, – רופט זיך אָן רויק דער כעלמער כאָכעם, –וואָס איז דאָ די נאָפקעמינע – פּאָטשטאָווע – קוריערסקע, שנעלצוג...

– וואָס מאכט איר זיך געפּייגערט! – צעשרייט זיך נאָך שטארקער דער קאָנדוקטאָר, – וואָס זשע, איר ווייסט, נעבעך ניט, אז דאָס איז א גרויסער כילעק – דער קוריערסקע, דער שנעל – צוג גייט פיל גיכער, ווי דער פּאָטשטאָווע און קאָסט דריי מאָל טייערער...

– וואָס, ער גייט שנעלער? – זאָגט פארוואונדערט דער כעלעמער כאָכעם. – וואָס זשע, איך טרייב אים דען אונטער? איך ספּעשע ניט אינערגעץ. איך האָב געגוג צייט. זאָל ער ניט פליען אזוי מעשוגענערווייז, וועט פאר אים זיין געזונטער...

## ווי נעמט מען מעזומעס?

צוויי כעלעמער כאכאָמים זיינען אמאָל געגאנגען פארביי א גרויסן פּאלאץ.

רופט זיך אָן איינער צום אנדערן:
– זאָג מיר נאָר, צאליע, דו וואלסט א באלן געוועז האָבן אזא שטיבל?

– וואס רעדסו, טיפּעש! – האָט געענטפערט יענער, – אף קאפּאָרעס דארף איך אים האָבן! דו שטעלסט זיך פאָר, וויפל צימערן האָט דער פּאלאץ? און ווו וואָלט איך גענומען מעזומעס פאר אזויפיל טירן!

## א מאקע אין א קליין טעפעלע

– וואָס וואָלט איר , פעטער, געטאָן ווען איר גייט אין גאס און געפינט א טויזנטער? איר וואָלט אים אָפּגעגעבן יענעם, וואָס האָט אים פארלוירן? – האָט מען געפרעגט א כעלעמער כאָכעם?

יענער האָט זיך פארטראכט א רעגע און געענטפערט:
– סייאיז געוועגט אין דעם, ווער האָט פארלוירן דעם טויזנטער. אויב א קאפּצן אין זיבן פּאָלעס האָט עס פארלוירן, וואָלט איך אים גלייב אָפּגעגעבן. ביז א גראָשן. אויב, מירן זאָגן, ראָטשילד האָט פארלוירן, וואָלט איך אים אָפּגעגעבן א מאקע אין א קליין טעפעלע.

## דער דאָקטער האָט א טאָעס געהאָט

א כעלעמער כאָכעם האָט זיך אנומלטן געהיילט בא א בארימטן דאָקטער.

יענער האָט אים טיף באטראכט פון אלע זייטן און גענומען אים צוגרייטן צום שלעכטן סאָף.

– וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיין טייערער, – האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ דער דאָקטער, – אייערע געשעפטן, מוז איך אייך זאָגן דעם ריינעם עמעס, זיינען ניט קיין פריגלדיקע. וואָס וועל איך לייקענען, איר זיינט א מענטש אין די יאָרן און פארמאָגט א מישפּאָכע און דארפט וויסן דעם עמעס. אייך איז געבליבן לעבן א האלב יאָר צייט... זאָלט איר פאר דער צייט זען זיך צערעכענען מיט אלע אייערע כויוועס, פארענדיקן לייטיש אלע איניאָנים אף דער ערד, קעדיי קומען אין

גאניידן, ווי א מענטש...

זינט יענער צייט איז אדורכגעגאַן א כעזשבן פון צען יאָר צייט און דער כעלעמער כאָכעם איז ווידער געקומען צו דעם זעלבן דאָקטער מיקויעך אַן איניען. פרעגט ער יענעם, צי געדענקט ער זיין אמאָליקן כוילע.

– ניין, – ענטפערט דער דאָקטער, – פאר די צען יאָר האָב איך געראַטעוועט אזויפיל מענטשן...ווי קאָן איך אלעמען געדענקען.

דערמאָנט אים דער כעלעמער, אז מיט צען יאָר צוריק איז ער געווען באם דאָקטער און ער האָט אים געזאָגט, אז אים איז געבליבן אינגאנצן א זעקס כאדאָשים לעבן...און אָט איז שוין, דאנקען גאָט, איבערגעגאַן צען יאָר...

זיך דערפרעגט באם פאציענט ווען איז דאָס געשען און ווי איז זיין נאָמען, האָט ער גענומען פון דער שאפע א גראָבן כעזשבן – בוך פון יענער צייט, לאנג געזוכט און, ענדלעך, זיך צעשיינט:

– יאָ – יאָ! איר זיינט גערעכט. אָט דאָ זיינט איר בא מיר פארשריבן. – האָט צוגעשטימט דער בארימטער דאָקטער, – זעקס כאדאָשים איז אייך געבליבן דעמלט לעבן, אַן האלב יאָר... זייער ריכטיק נאָר... – ער האָט זיך אף א לאנגע רעגע פארטראכט דער דאָקטער און צוגעגעבן:

– נאָר...זעט אויס, מע האָט אייך ניט ריכטיק דערנאָך געהיילט...

# כעלם בויט א באָד

עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד איז כעלם געגאַן כאַדראַם: מע האָט באַשטימט אויסבויען אין שטעטל א באָד, ווייל וויפל איז דער שיר זיך מאַטערן אָן א באָד?

אַלץ האָט מען אַקוראַט באַטראַכט, וויאַזוי, מיט וואָס מע זאָל בויען די באָד. אַז אַלץ איז געווען אָפּגעוויגן, אָפּגעמאָסטן, פּאַרטיק, האָט מען זיך אין כעלם שטאַרק דערפרייט. איז אָבער געבליבן דערלייזן איין זאַך. ווו, אויף וועלכן פּלאַץ דאַרף מען בויען די באָד!

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן א גאַנצע קריגעריי, א מאַכלויקעס – ווו שטעלן די באָד? און דאָ איז אופגערודערט געוואָרן גאַנץ כעלם.

וואָס איז דאָ פאַראַן אַסאַך צו ברייען: געוויס דאַרף מען שטעלן די באָד עט, אויפן שפּיץ באַרג. קערײַ די כעלעמער זאָלן זי זען פון אַלע זײַטן און גרינג קומען אַהין, אין באָד. דערצו נאָך, זאָלן די אַרומיקע שטעטלעך, דערפער און יישוווים די זען פון אַלע זײַטן און זאָל מען מעקאַנע זײַן.

דאָס איז גוט, אָבער איין זאַך איז שלעכט, ווידער, ווו וועט איר דאָרט אויפן באַרג קריגן וואַסער, אַז קיין טראָפּן וועט איר דאָרטן ניט קריגן. וויאַזוי וועט איר זיך דאָרטן באָדן, וואַשן? און וואָס איז ווערט א באָד אָן וואַסער?

איז מען געקומען צו אַן אַנדער סייכל: גלייכער שטעלן די באָד אונטן, אין טאָל, אויף דער לעוואַדע, אויפן ברעג טייך, ווו איר האָט ריינע וואַסער, ווו עס שלאָגן לויטערע קוואַלן. און וואַסער האָט איר וויפל איר ווילט!

געוויס איז דאָס א געדאַנק, נאָר וואָס וועט איר טאָן, ווי קען מען בריען די באָד אין טאָל, ווו ווינטער איז ער.דער טאָל פארוואלגערט מיט שניי איבערן גארטל און פרילינג ווערט ער פראַגאָסן מיט וואַסער און אָן א שיפל וועסטו זיך צו דער באָד ניט דערקלייבן?

א פאָר יאָר איז געגאַנגען דער סיכסעך און מע האָט ניט געוווּסט וואָס טאָן.

ענדלעך, האָבן זיך אַוועקגעזעצט ארום א גרויסן טיש די בעסטע קעפּ פון כעלם. לאַנגע טעג און נעכט באַטראַכט די זאַך פון אַלע זייטן און געקומען צום געדאַנק, אַז אַוואַדע דאַרף מען שטעלן די באָד אויפן באַרג, אַלע זאָלן זי זען פון אַלע זייטן און דער אַרומיקער אוילעם זאָל קוקן און מקנא זיין.

און דער אַרומיקער אוילעם פון די נאָענטע דערפלעך און יישובֿים זיינען טאַקע מקנא געווען די כעלעמער חכמים, דעריקער דעמלט ווען יענע האָבן געשלעפּט אויף די אַקסלען די קאַראַמעסלעס מיט די עמער וואַסער. טשייניקעס טעפּ פונעם טייך אַרויף באַרג, ווו עס איז געשטאַנען די באַרימטע כעלעמער באָד.

## וויאַזוי דעקן די פּאָדלאָגע, דעם דיל?

אַזוי צוביסלעך און ניט געכאַפּט האָט כעלם אויסגעבויט אַן אייגענע באָד.

עמעס, מע האָט דאָ דערלאָזט איין פעלער: די באָד האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפן שפּיץ באַרג, וווהין זיך דערקלייבן, דאַרף מען זיך גוט אונטערגערטלען. דערצו נאָך איז דאָ ניטאָ קיין

טראָפּן וואסער און אז מע וויל זיך באָדן, מוז מען זיך מאטריען זיין און שלעפּן אָף זיך פונעם טייך די וואסער. און פון דער וואסער ביז דער באָד איז פּאָלג מיך א גאנג!

נאָר דאָס מאכט ניט אויס. דעריקער איז דאָך, וואָס כעלם פארמאָגט איר אייגענע באָד און זאָל די וועלט מעקאַנע זיין!

עמעס. צאָרעס איז דאָ נאָך געווען ווען מע האָט געדארפט דעקן די פּאַדלאָגע. דעם דיל. א דאך איז שוין געווען. ווענט אויך, פענצטער אוואדע איז געביבן די פּאָדלאַגע.

אינדערעמעסן. ווי קאָן זיין א באָד אָן א פּאַדלאָגע .זי בריען פון ליים, וועט דאָ שטייען א אייבקע בלאָטע. די כעלעמער קאָנען זיך, כאָלילע. אויסגליטשן. און צעברעכן הענט און פיס. מאכן די פּאָדלאָגע פון שטיין – איז נאָך ערגער. גייען מיט באָרוועסע פיס איבער שארפע שטיינער, וואָס זיינען טאָמיד קאלט. ווי אייז, קאָן מען זיך, כאָלילע, צוקילן. וואָס זשע דארף מען טאָן? מע דארף קריגן ברעטער. כאָטש דער מין קאָסט זייער טייער. נאָר כעלם האָט זיך געגעבן אן אייצע. מע האָט געקריגן ברעטער און עס איז שוין געווען מיט וואָס דעקן די פּאָדלאָגע.

די כעלעמער זיינען געווען שטארק צופרידן. אלץ שאָלעם – וועשאלווע. עס וועט זיין א גוטע באָד מיט א גרויסארטיקער הילצערנער פּאָדלאָגע.

און דער אוילעם האָט זיך שטארק געפרייט. נאָר אז מע איז צוגעטראָטן צו דער ארבעט – דעקן די פּאַדלאָגע, האָבן זיך די כעלעמער כאכאָמים געכאפּט: וואָס דארף מען טאָן מיט די ברעטער?

הובלעווען די ברעטער, צי ניט הובלעווען? אויב מע וועט הובלעווען די ברעטער. וועלן זיי זיין. ווי גלאָז. וועלן זיי

גליטשיק און מע וועט פאלן ברעכן הענט און פוס. ניט הובלעווען די ברעטער, איז נאָך געפערלעכער, מע קאָן, כאָלילע, פארשטעכן די פיס מיט די סוקעוואטע, שארפע שפיצן.

איז ווידער געוואָרן א טומל אין כעלם. וואָס טוט מען און האָס דארף מען טאָן? עפעס א נייער אומגליק!

נאָר עס איז נאָך ניט געווען אזא פאל, די כעלמער זאָלן זיך ניט קענען געבן אן אייצע, געפונען א גוטן אויסוועג.

ווי שטענדיק זיינען זיך צונויפגעקומען די קלוגע קעפּ. לאנגע טעג און נעכט זיך געבראָכן די קעפּ און געקומען צום אויספיר:

אזוי ווי איינע זאָגן, אז מע דארף הובלעווען, רייניקן די ברעטער און אנדערע פארקערט, דארף מען הובלעווען די ברעטער פון איין זייט און די ברעטער מיט דער ריינער זייט לייגט אראָפּ, ווען אזוי ארום אלע זיין גערעכט און צו די מאכלויקעס און קריגערייען וועט נעמען א סאָף. און אזוי האָבן די כעלמער כאכאָמים טאקע געטאָן.

עמעס, איין אומבאקוועמבעכקייט איז טאקע געבליבן: אז די כעלעמער האָבן זיך געוואָלט באָדן, האָבן זיי אָנגעטאָן שקארפעטקעס...

## באם אדוואקאט

א כעלעמער כאָכעם איז אריינגעקומען צו א בארימטן אדדאָקאט זיך האלטן אן אייצע.

א שאָ צייט האָט ער גערעדט און ניט געלאָזט דעם אדוואָקאט אריינשטעלן א וואָרט, ווי נאָר יענער האָט געוואָלט עפעס זאָגן, עפענען א מויל, אזוי האָט דער כעלמער אים איבערגעשלאָגן און גערעדט ווייטער. מאמעש געשאָטן מיט רייד.

צום סאָף האָט דער כעלעמער געוואָלט דערציילן, וואס עס האָט אים היינט געזאָגט א באַרימטער דאָקטער, נאָר דער אדוואָקאט האט אים גלייך איבערגעשלאָגן:
- עס איז ניט עמעס....איר זאָגט א ליגן...

וואָס הייסט - א ליגן? - האָט זיך צעבייזערט דער כעלעמער כאָכעם - איר האָט דאָך נאָך ניט געהערט, וואָס איך וויל אייך דערציילן? פון וואנען ווייסט איר, אז דאָס איז א ליגן?...

- גאָר פאָשעט!, - ענטפערט דער אדוואָקאט, - איז דאָס מעגלעך, פעטער, אז איר זאָלט פון עמעצן עפעס הערן, אז איר לאָזט קיינעם קיין וואָרט ניט ארויסריידן.

## אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס

א כעלמער כאָכעם האָט זיך אומגעקערט אהיים פון אָדעס און האלט זיך מאמעש פארן בריק פון געלעכטער.

- וואָס לאכסטו אזוי שטארק, קאלמען, וואָס איז מיט דיר אזוי דער געלעכטער, צי דער נאָר שטופט דיך אונטער? - האָבן זיך צו אים געוואונדעט זיינע שכיינים.

- א, אוי, כעוורע, פרעגט בעסער ניט! - ענטפערט יענער מיט גאָדלעס, - איר ווייסט, איך האָב אָפּגענארט, געפירט פאר דער נאָז גאנץ אָדעס!

– מיט וואָס האָסטן אָפּגענאַרט אדעס?

– וואָס הייסט מיט וואָס?, – רופט יענער זיך אָן, – איך האָב זיי דאָרט געזאָגט, אַז איך הייס, אַז מע רופט מיך לייבעש. און זיי האָבן מיר געגלויבט נאָר איר ווייסט דאָך גוט, אַז ס'איז א ליגן, אַז איך הייס זאַלמען...

## האַלט זיך ווייטער פונעם דאָקטער

א כעלעמער כאַכעם האָט געזאָגט זיינע שכיינים:

– פאָלגט מיך, איך אייַצע אייך ווייניקער אָנקומען צו דאָקטוירים, אויב איר ווילט זיך פאַרלענגערן די יאָרן. אויב איר ווילט לעבן מער מיט א מיטוואָך, האַלט זיך ווייטער פון זיי...

– וואָס זשע, פעטער, און איר ווענדעט זיך קיינמאָל ניט צו די דאָקטוירים?...

– וואָס הייסט, עס טרעפט, נאָר איך באַמי זיך האַלטן פון זיי וואָס ווייטער.

– האָט ער זיך אָנגערופן, – עס קומט אמאָל אויס, מע איז דאָך עפּעס א לעבעדיקער מענטש. קום איך אריין צום דאָקטער, באַצאָל איך, פאַרשטייט זיך, פאַרן וויזיט, ווייל דער דאָקטער איז אויך א לעבעדיקער מענטש, ווי אַלע און וויל לעבן. ער שרייבט מיר אויס א רעצעפּט און איך גיי אוועק אין אַפּטייק צום אַפּטייקער באַצאָל אים פאַר דער רעפּוע, ווייל דער אַפּטייקער איז אויך א מענטש און וויל לעבן. דאָס פלעשעלע מיט דער רעפּוע גיס איך אויס אין קאַנאַווע, ווייל איך בין אויך א מענטש און וויל זיך ניט אָפּסאַמען, איך וויל אויך לעבן...

# ווען דער ווינט בושעוועט

נאָך האַלבער נאַכט האָט זיך אין כעלם צעכושעוועט א שרעקלעכער ווינט. ער האָט געריסן שטיקער פון די הייזער, דעכער,ביימער, פּלויטן.

אין זיין שטיבל אין זיין וואַרעמען בעט איז געליגן שלוימע, איינער פון די גרעסטע כעלעמער כאַכאָמים מיט זיין ווייבל און געציטערט פון פּאַכעד, איינהערנדיק זיך, וואָס דער ווינט אַרבעט עס אויס פון יענער זייט טיר.

דער ווינט האָט זיך אַרופגעוואָרפן מיט אַלע קויכעס אף זיין שטיבל און אופגעריסן די לאַדנס אפן פענצטער, זיי צעפּראַלט לאַדנס, האָבן גענעמען טראַכקען איבערן פענצטער, אויסגעשלאָגן די טאָפּליס.

שלוימע! – רופט זיך אָן דאָס ווייב, – שלוימע גיי אַרויס און פאַרמאַך די לאָדן. מיר זיינען פאַרפאַלן...פאַרמאַך די לאָדן...

פאַרוואָס עפּעס איך, – רופט יענער זיך אָן, – גיי דו פאַרמאַכן די לאָדן.

ער זאָגט זי זאָל גיין און זי שטויסט אים ער, שלוימע, זאָל גיין פאַרמאַכן.

און קיינער פון זיי גייט ניט, וויל ניט אַרויסקריכן פונעם וואַרעמען בעט.

האָט ער , שלוימע זיך באַטראַכט, געקומען צום געראַנק, אַז מע דאַרף טאָן די זאַך מיט קאָפּ, ווי די גרעסטע כאַכאָמים וואָלטן געטאָן. און ער האָט געזאָגט דער ווייב:

– דו, כייקע, ווילסט ניט גיין צומאַכן די לאָדן און איך האָב ניט קיין כיישעק גייען. ווועלן מיר האַנדלען אַזוי: מיר וועלן שווייגן.

און ווער עס וועט דער ערשטער אויסריידן א וואָרט, דער דאַרף גיין. זיינען זיי ביידע געווען צופרידן פון דעם איינפאַל. מע ליגט און מע שווייגט, ווי די שטומע לעלעס.

גייט מיט דער גאַס א גאַנעף און זעט ווי די לאָדנס טראַכקען מעשוגענערווייז און דאָס פענצטער איז נאַסטיאַזש צעעפנט. גייט ער שטילערהייד צו און קוקט אַריין אין צימער און זעט, ווי מע שלאָפט געשמאַק. עס איז דאָרטן שאַ – שטיל. טראַכט ער, דער גאַנעף, אַז דאָ קאָן ער אָפּלעקן א ביינדל און קריכט אַריין אין שטוב, כאַפּט א זאַק און הייבט אָן אַריינשטויסן אַהין, וואָס עס לאָזט זיך. און די באַלעבאַטים שווייגן. אָן אַנדער ברירע האָבן זיי, יעדער האָט מוירע אַרויסברענגען א וואָרט דער ערשטער...

און דאָ האָט שלוימע באַמערקט, ווי דער גאַנעף האָט גענומען אַריינשטויסן אין זאַק זיין קאַפּאָטע, מיט וועלכער ער וועט דאַרפן גאַנצפּאַי גיין אין קלויז דאַווענען.

דאָ האָט ער שוין ניט אויסגעהאַלטן, א כאַפּ געטאָן דעם גאַנעף פאַר דער האַנט. יענער האָט זיך אויסגעדרייט, א כאַפּ געטאָן א שטעקל און גענומען שלאָגן, מיימעסן דעם כעלעמער כאָכעם.

– גוואַלד, יידן, קומט צו הילף. מע שלאָגט מיין מאַן!

שלוימע האָט זיך שטאַרק דערפרייט, דערהערנדיק דעם געשריי פון זיין פּלוינעסטע. ער האָט אויסגעשריגן:

– כייקע. דו האָסט פאַרשפּילט. דו ביסט די ערשטע. לויף מאַך צו די לאָדן!

# דער כעלעמער כאָכעם און דער גענעראַל

א כעלעמער כאָכעם איז צום ערשטן מאָל ארויסגעפאָרן פון זיין שטעטל, געוואָלט א קוק טאָן, וואָס טוט זיך אף גאָטס וועלט.

פארפאָרן קיין לובלין, האָט ער גענומען מעסטן די גרויסע אופגעלעבטע גאסן און געסלעך, און ניט באַמערקט, ווי עס איז צוגעפאלן די נאכט. דערצו האָט ער דערפילט א שטארקע מידקייט.

מיט גרויסע צאָרעס איז ער פארקראָכן אין דער פאָרשטאָט און נאָך מיט גרעסערע צאָרעס האָט ער אָנגעטראָפן אף אן אכסאניע.

אריינגעקומען אינעווייניק, האָט ער געבעטן דעם באלעבאָס פון דער אכסאניע יענער זאָל אים געבן א צימער איבערנעכטיקן, וויל גאנצפרי מיט די ערשטע הענער וועט ער דארפן לויפן אפן וואָקזאל, פאָרן קיין ווארשע.

דער באלעבאָס פון דער אכסאניע האָט דעם גאסט ברייטהארציק באגעגנט נאָר צעפירט מיט די הענט. ליידער, קאָן ער אים קיין צימער ניט פאָרלייגן. ווי אפצעלאָכעס זיינען פארנומען אלע ערטער.

ווי זשע גיט מען זיך אן אייצע? אינדרויסן גייט א גרויסער רעגן, א מאבל און אין אזא וועטער וועט קיין רעכטער באלעבאָס אפילע זיין הונט ניט ארויסלאָזן אף יענער זייט שוועל.

האָט טאקע דער באלעבאָס פון דער אכסאניע אף אים ראכמאָנעס געהאָט און געזאָגט:

– וואָס זאָל איך פאר אייך צוטראכטן, רעב ייד? איר זיינט דאָך, דאכט זיך, ווי איך זע, א כעלעמער. איר דערפט האָבן א נאכטלעגער. איז אָט: עס האָט זיך בא מיר אין גרויסן צימער אָפגעשטעלט א גענעראל. ער כראָפעט שוין, חי א כאזער. וועל איך אייך באלייגן שלאָפן אין דעם זעלביקן צימער. נאָר קעדיי איר זאָלט דעם גענעראל ניט אופוועקן, וועט איר איבערשלאָפן אין ווינקל, אף דער פאָדלאָגע. און אזויווי איר דארפט גאנצפרי אופשטיין און לויפן צו דער באן, וועל איך אייך אופוועקן און לויפט אייך געזונטערהייד. אן אנדער ברייר האָט געהאָט דער כעלעמער כאָכעם.

באגינען, עס איז נאָך געווען פינצטער, האָט דער באלעבאָס פון דער אכסאניע אופגעוועקט זיין גאסט, און יענער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און אנשאָט זיין קארטוז. פארפלאָנטערט די יאָצרעס און אנגעטאָן דעם גענעראלס היטל מיט די קאָקארדעס ווי אויך יענעמס פרענטש מיט די בליאכעס, און אוועקגעלאָפן פון דער אכסאניע.

ער איז אָפגעלאָפן א שטיק וועג. האָט זיך פאר אים אוועקגעשטעלט אין פרונט א סאָלדאט, פארהויבן די האָנט צום דענעק און דעם כעלעמער כאָכעם אָפגעגעבן "טשעסט", קאָוועד. דער כעלעמער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אקסל ניט פארשטייענדיק מיט וואָס האָט ער זיך פארדינט אזאמין קאָוועד? אָפגעלאָפן נאָך ווייטער, האָט זיך פאר אים אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג אן אָפיצער אויך פארויבן די האנט צו דער קאָנפעדעראטקע.

"וואָס טוט זיך? – האָט א טראכט געטאָן דער כעלענער כאָכעם, זינט ער לעבט אף דער וועלט, האָט אים נאָך קיינער אזוי ניט באגעגנט.

געקומען אפֿן וואָקזאַל, האָט ער געכאַפּט אַף זיך אַסאַך בליקן, מע האָט צו אים ניט אופֿגעהערט שאָקלען מיטן קאָפּ.

באַם וואַגאָן האָט אים מיט אַ ברייטן שמייכל און אַ רעווערֿאַנס באַעגנט דער קאָנדוקטאָר; אויסערגעווייינלעך העפֿלעך זיך נידריק פֿאַרנייגט פֿאַר דעם פּאַסאַזשיר:

– פּראָשע פּאַנע. און פּראָשע פּאַנע...

און אים אַריינגעפֿירט אין אַ שיינער קופּע, אים באַזעצט אַף אַ ווייכן דיוואַן דערלאַנגט אַ גלאָז טיי מיט לימענע.. זייער פֿיין און שיין...

דער צוג האָט געריירט פֿון אָרט, אָפּגעפֿאָרן, און דער כעלעמער כאָכעם האָט בעשום אויפֿן ניט געקאָנט באַנעמען, פֿאַרוואָס מע גיט אים אָפּ אַזויפֿיל קאָוועד און מע האָט אים אַזוי פֿיין באַזעצט אין אַזאַ גרויסאַרטיקן וואַגאָן. דאָ האָט ער פֿון פֿרייד דערפֿילט, אַז אים וואָלט ניט געשטערט אַריינגיין אַהין, וווּהין דער קייסער גייט צופֿוס און זיך געלאָזט אין טוילעד מיטן שיינעם קאָרעדאָר.

אַן עפֿן געטאָן די טיר, האָט אים אין פּאָנעם אַ זעץ געטאָן אַ שטאַרקע שיין, און ער האָט אַף זיך אַ קוק געטאָן אינעם גרויען שפּיגל, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט.

דערזען זיך אינעם גרויסאַרטיקן גענעראַלישן היטל מיט דער קאָקאַרדע און דעם פּרענטש מיט די גענעראַלער בליאַכעס, איז ער געבליבן שטיין צימישט:

– גוואַלד! – האָט ער אויסגעשריגן, ווי ניט מיט זיין קאָל, – אַ וויסטע מאַפּאַלע אַף דעם באַלעבאָס פֿון דער אַכסאַניע! ער איז מעשוגע. ציי דולי? ער האָט דאָך אופֿגעוועקט ניט מיך, דער הולטיי, נאָר דעם גענעראַל!

## זיך שיד ניט אײַנגעליבט

א כעלמער באָכער איז געגאַן איבער דער גאַס און באגעגנט א וואונדערשיין מיידל, א שיינהייט און דערפילט מיטאמאָל, ווי דאָס הארץ האָט בא אים א טיאָכקע געטאָן.

און ער האָט גלייך א טראכט געטאָן, אז דאָס וואָלט געווען פאר אים א פיינע קאַלע.

איז ער צוגעגאנגען צו איר מיט א שמייכל און זיך אָנגערופן:
– גוטמאָרגן אייך, מאַניע...

זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט ביטל פון קאָפּ ביז פיס און א דריי געטאָן מיטן קאָפּ. בייז געענטפערט:
– איך הייס ניט מאַניע, איך הייס טאַניע!

– וואָס זשע מיט אזא קאַס? – האָט דער באָכער זיך צעבייזערט, – זעט נאָר, סייארא בייזע. א קאַסניצע. איבערגעפלאָנטערט מאַניע אף טאַניע, איז העפקער פעטרישקע, קילע מיר די גענדז אפּן בוידעם. איז א היץ אין פאַראוואָז? אז זי איז איצט אזא שלאק, שטעל איך זיך פאָר, וואָס פאר א קליפּע עס וואַקסט. און איך האָב איר געוואָלט מאכן א פּרעדלאָזשעניע. זאָגן זי זאָל זיין מיין קאַלע...אויב אזוי דארף איך זי האבן אף קאַפּאַרעס...

## א רייכע יערושע

א כעלעמער כאָכעם דערציילט זיין שאָכן:

איך קום נאָרוואָס פון ווארשע...

– וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן?

– איך בין געפאָרן אף דער לעווייע פון מיין שוואָגער. ער איז געשטאָרבן, נעבעך, און איבערגעלאָזט א גרויסע ירושה. זיין גאנץ פארמעגן. ער האָט עס איבערגעלאָזט פאר א יעסוימים – הויז...

– אָ, דאָס איז זייער לייטיש! – האָט דער שאָכן געזאָגט, – זייער אָרנטלעך. וואָס האָט אייער שוואָגער פארמאָגט? וואס פאר א ירושע האָט ער איבערגעלאזט?

– צען קינדער...

## קעצעלע

צוויי כעלעמער – א מאן מיט א ווייב – זיינען געזעסן באם מיש און געלייענט מיט אינטערעס ביכלעך.

רופט זיך אָן דאָס ווייב צו איר מאן:
– דו הערסט לייבעש, וואָס דאָ שרייבט זיך ? דאָ שרייבט זיך וועגן פארשיידענע כאיעס. איז דאָס עמעס, אז קעץ זיינען פאלש און שטארק כיטרע, אז מע טאָר זיך אף זיי ניט פארלאָזן?

– יאָ, געוויס איז דאָס עמעס, מיין קעצעלע... – ענטפערט דער מאן.

## א פּליאָטקע

לייקע, וואָס האָסטו געדארפט זאָגן דיין מאן, אז איך בין טויב ווי א קלאָץ און מעסוקן נאריש?

– זאָל גאָט היטן! – האָט זיך יענע געכאַפּט. – איך האָב ניט געזאָגט, כאָלילע, אַז דו ביסט טויב ...דאָס איז אַ פּליאָטקע...

## ווּעמענס פּוס?

אין אַ בויד בא אַ באַלעגאָלע איז געווען פול געפּאַקט מיט פּארשוינען. האָט זיך איינער אַ כאָסיד אוועקגעזעצט אף עמעצנס אַ פוס און רופּט זיך אָן:

– מענטשן, זאָגט מיר דעם עמעס, אף ווּעמענס פוס האָב איך זיך אוועקגעזעצט?

– רופּט זיך אָן אַ כעלעמער כאָכעם:

– אויב דער פוס איז אין אַ גרינעם זאָק, איז דאָס, ווייזט אויס, מיינער...

## דער כעלעמער כייסוילאָם

מיט גאָטס הילף האָט מען סאָפּקאָלסאָף אויסגעבויט אין כעלם די באָד, דערנאָך דעם בעסמעדרעש, אָפּגערוקט פונעם שטעטל דעם בארג, ווי ניט איז אי ינגעאָרדנט עטלעכע גאַסן און געסלעך, אַ שטיקל מארק, וואָס זשע נאָך איז געבליבן, וואָס נאָך האָט דאָ געפעלט? געוויס, האָט דער אוילעם באַטראַכט, עס פעלט אַ בייסאוילעם.

ווייל מענטשן, ווי באַוווּסט, לעבן ניט אייביק, מע ווערט עלטער, קעלטער, מע צעזעגנט זיך מיט דער וועלט און מע גייט אוועק אין דער אייביקייט – ווער אין גענעם, ווער אין גען־עדן, און מע דאַרף האָבן אַן אָרט אף אייביקע רו.

פארשטייט זיך. אז אָן קיין בייסוילאָם, קאָן זיך א שטאָט. א שטעטל, א דאָרף, א יישעוו ניט בעגיין!

דאָס פארשטיין אלטע און יונגע, זקיינים און קינדער, רייכע און אָרעמע, ווייל איין וועג איז פארגרייט פאר אלעמען – פאר פריער מיט א מיטוואָך, פאר וועמען שפּעטער. גאָט גיט און גאָט נעמט אוועק.

אָבער דאָ בלייבט א שיילע – ווי גרויס, דארף זיין דער בעסוילאָם, וויפל פלאץ דארף ער פארנעמען? דאָס דארף מען דאָך וויסן פּינקטלעך. כאָטש כעלם איז פון אלע צייטן געווען און געבליבן א שטעטל פון כאכאָמים, נאָר מע דארף אלץ אָפּוועגן און אָפּמעסטן.

ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, האָט מען גערופן אן האסיפע פון די גרעסטע כאכאָמים מע זאָל גוט באטראכטן דעם . איניען און באשליסן.

דאָ, געוויינלעך, איז געווען א גרויסע קריגעריי, איינער האָט געזאָגט איינס, דער אנדערער א צווייטס. איז מען טאקע אָפּגעזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט און מע האָט זיך געאמפּערט.

און ווי שטענדיק אין אזעלכע פאלן, איז מען געקומען צום געדאנק, וואָס מע דארף טאָן.

מע דארף דאָס גאנצע שטעטל, קינד און קייט, אלטע, יונגע, קינדער, מענער און פרויען – אלע דארפן ארויסגיין אין פעלד. וואָס פון יענער זייט שטעטל בא דעם בארג און זיך אויסלייגן אין דער לענג און אין דער ברייט. אזוי ארום וועט קלאָר ווערן, ווי גרויס זאָל זיין דער בייסוילאָם. און אזוי האָט מען דאָ געטאָן. דערביי איז דאָ געבליבן אין כעלם אווערטל. מע טאָר ניט שטארבן מער ווי די ערד, דער בייסקילאָם קאָן אופנעמען. פארטראָגן...

## די קאַץ און די סמעטענע

רעב יאַשקע דער גלעזער, דער כעלעמער כאָכעם, האָט געאײַלט אין שיל דאַווענען, און איבערגעלאָזט אפן טיש ניט צוגעדעקט א טעפל סמעטענע פון צוויי פונט וואָג...

דערמיט האָט זיך דערפרייט די שטוב – קאַץ, ארופגעשפרונגען אָפן טיש און זיך מעכייע געווען מיט דער סמעטענע. אויסגעלעקט ביז א טראָפן.

זיך אומגעקערט אהיים און דערזען דעם העזעק, האָט דער כעלמער כאָכעם זיך געכאַפט באַם קאָפּ.

אזא נאַשערן! א מאַפּאָלע אַף דער קאַץ, מע דאַרף זי ארויסטרייבן פון דער שטוב און פאָטער ווערן פון איר!

נאָר דאָ האָט רעב יאַשקע זיך פאַרטראַכט: אינטערעסאַנט א קוק טאָן. וויפל דאַרף איצט וועגן די קאַץ, אז זי האָט אופגעגעסן די גאַנצע סמעטענע, בא צוויי פונט ריינע וואָג.

געכאַפּט און אַוועקגעשטעלט די קאַץ אַף דער וואָג, האָט זי, די וואָג געוויזן: צוויי פונט...

– גאָטעניו, זיסער, – האָט זיך נאָך שטאַרקער פאַרטראַכט יאַשקע, – וואָס זשע הייסט עס? די קאַץ האָט אופגעגעסן צוויי פונט סמעטענע, דאָס גאַנצע טעפל סמעטענע. ווו זשע איז אהינגעקומען די קאַץ?

## פרעגג אהער דעם שאדכן

אן אלטער כעלמער כאָכעם האָט זיך דערפילט שלעכט. אז עס דערנענטערט זיך צו אים דער טויט.

צוגערופן דאָס ווייב. האָט ער איר געזאָגט, זי זאָל דרינגנד אריינרופן דעם שאדכן, וועלכער האָט זיי אמאָל, מיט אסאך יאָרן צוריק פארקנאסט.

– לויף, און זאָל ער גלייך קומען, אונדזער שאדכן!...

– גאָט איז מיט דיר?, אווראָאָם, – האָט דאָס ווייב זיך פארוואונדערט און דערשראָקן, – דו פילסט זיך אזוי ביטער, צוליב וואָס דערפסטו האָבן יענעם פלוט?

דער אלטער האָט געענטפערט:
– פארשטייסט, מיין טייערע, אזא איז דער מינהעג. פארן טויט דארף מען ווידוי זאָגן, מויכל זיין יעדן, ווער עס האָט דיר אמאָל געטאָן שלעכטס, וויל איך אין דער ערשטער ריי מויכל זיין אונדזער שאדכן...

## א קאַרגער טייוול

אן אָרעמאן, וואָס האָט פארבלאָנזשעט קיין כעלם פון א שכייניש שטעטל, איז אריינגעקומען צו איינעם א רייכן און קארגן געוויר און שטרעקט פאר אים אויס די האנט, בעט א נעדאָווע.

דער קאַרגער טייוול קוקט, ווי ריאבטשיק אפן טאטן, אף דעם אָרעמאן און זאָגט צו אים מיט קאס:

– קיין פרעמדע קאפצאָנים גיב איך ניט קיין נעדאָוועס. נאָר אָרטיקע... היגע.

– וואָס זאָגט איר ארטיקע איך בין דאָך אן היגער...

אויב אַן היגער קאָפּצן, - מאַכט דער גענוויר - פּאַרוואָס זשע ווייסטו ניט, אַז איך גיב בּיכּלל קיינעם ניט קיין נעדאָוועס?

## מיטן גראָבן פינגער

באַ אַן אַלטן פאַרשויך האָט אָנגעריסן דער גראָבער פינגער, מיט וועלכן ווען ער האָט צו עמעצן געגעדט, האָט ער אים אַרויסגעשטעקט.

דער דאָקטער, וועלכער האָט דעם מענטשן באַטראַכט, האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט, אַז עס וועט אויסקומען דרינגנד אָפּשניידן דעם פינגער, ווייל אויב מע וועט דאָס נישט טאָן, וועט, כאַלילע, אויסקומען שפּעטער אַמפּוטירן, אָפּשניידן די גאַנצע האַנט.

- וואָס זאָגט איר, דאָקטער, - האָט דער כוילע זיך אָנגערופן, - הייסט איר אָפּשניידן דעם פינגער? וויאַזוי זשע וועל איך אַן אים קענען ריידן?

## די שיף גייט אונטער

א כעלמער כאָכעם האָט זיך אופגעגעצט אַף אַ שיף און זיך געלאָזט אין אַ ווייטער רייזע.

פּלוצעם האָט זיך אופגעהויבן אַ מוירעדיקער ווינט און די שיף האָט אָנגעהויבן גיין צום גרונט.

אַף דער שיף האָט זיך אָנגעהויבן אַ מוירעדיקע פּאַניק, אַ געוויין, אַ טומל, אַ געשריי, אַן איבערקערעניש. און דאָ, לעבן

כעלעמער רייזנדער האָט איינער א שאָכן אופגעהויבן א שרעקלעכן גוואלד. ער האָט געטומלט.

– וואָס גוואלדעוועט ער אזוי שטארק? – רופט זיך אָן דער כעלמער צו זיין שאָכן, – וואָס שרייט ער אזוי שטארק?

– וואָס זשע, איר זיינט בלינד, איר זעט דען ניט, אז די שיף גייט אונטער, זי ווערט דערטרינקען... – ענטפערט יענער. – וואָס זשע נעמט ער זיך אזוי שטארק צום הארצן. עס איז דען זיין אייגענע שיף? וואָס זשע, זי איז עפשער ניט פארסטראכירט?

## דער שטאָט מעשוגענער

דער כעלעמער מעשוגענער האָט זיך ארייגעזעצט אינעם רעבנס פיאקער און ווי מע האָט ניט געפרוווט אים ארויסטרייבן פון דאָרטן, האָט מען ניט געקאָנט.

– זאָג מיר נאָר, שויטע איינער, פארוואָס ווילסטו ניט ארויפ ריכן פון דער דראָזשקע?...

– איך וויל זיך דורכפאָרן מיט אייך צוזאמען... – האָט יענער מיט שטאָלץ געענטפערט.

– צוליב וואָס?

איר פאָרשטייט, רעבע, – נאָך מיר לויפן טאָמיד אלע גלוגע, די כאכאָמים, נאָך אייך לויפן אלע מעשוגוים. און איך וועל פאָרן צוזאמען מיט אייך, וועט אונדז נאָכלויפן דאָס גאנצע שטעטל, גאנץ כעלעם.

# א גאַסט אַף שאַבעס

א ריכער, נאָר שטארק קארגער נאָגיד האָט איינגעלאדן א גאַסט אַף שאָבעס, אַן אוירעך.

צוליב דעם האָט ער געמאכט א רייכן טיש, פון קאָלטוור איז געשטאנען אפן טיש.

דער גאַסט, דער אוירעך, דערזענדיק, וואס עס איז אָנגעשטעלט אפן טיש, האָבן זיך אין אים צעשפילט אלע אפעטיטן און ער גלייך צוגעטראָטן צו דער ארבעט. געריבן אַףביידע באקן, געכאפט, געסאפעט, גלייך, ווי ער איז נאָך קיינמאָל ניט געזעסן בא אזא רייכן און געשמאקן טיש.

דער באלעבאָס האָט מיט קאס געקוקט אפן גאַסט און לעסאָף ניט אויסגעהאָלטן, געזאָגט:

– איך וואונדער זיך, רעב ייד, א מענטש א באלטוירע. א קלוגער און דערצויגענער, זאָל עסן מיט אזאמין אָפעטיט. איר עסט דען, איר כאפט!..

אַף דעם האָט דער גאַסט געענטפערט:
– וואָס זשע מיינט איר, באלעבאָס, אלע געשמאקע זאכן זיינען געמאכט געווארן פאר נאראָנים און קארגע לייט?..

– יאָ, נאָר פארגעסט ניט, אז דאָס אלץ קאָסט זייער טייער, – איז שוין ארויס פון די קיילים דער באלעבאָס, – נאָר דאָס אלץ, וואס עס שטייט אפן טיש, קאָסט מוידעריק טייער...

– טייער זאָגט איר? נו, איז דאָס טאקע ווערט...עס איז געשמאק. אָט זעצט זיך צו צום טיש און פארזוכט, וועט איר זען, אז דאָס איז ווערט...

– האָט רער גאַסט צוגעגעבן, נאָך מיט מער אפּעטיט געגומען־עסן.

## אין טעאַטער

איין כעלעמער כאָכעם האָט באַגעגנט אַ צווייטן און פֿרעגט אים:
– זאָג נאָר, לייבל, דו ביסט נעכטן געווען אין טעאַטער? אויב געווען, איז ווי געפֿעלט דיר די פּיעסע, די פֿאָרשטעלונג?

– איך וועל דיר זאָגן דעם רעכטן עמעס – מאַכט יענער, – מיר פּערזענלעך געפֿעלט עס ניט...

– פֿאַר וואָס?

עס געפֿעלט מיר ניט, ווייל אין איינע דריטהאַלבן שאָ האָבן זיי געפֿירט אַ ליבע די אַרטיסטן, כאַסענע געהאַט, געבוירן זעקס קינדער, דאָס ווייב האָט זיך שוין געפֿינען אַ פּאָליובאָוניק, דער מאַן האָט שוין דעם געראָטענעם פּאָליובאָוניק געשאָסן אַף טויט. דעם מאַן האָט מען איינגעזעצט אין אָסטראָג און דאָס אַלץ אין אַזאַ קירצער צייט – קען דען אַזוינס פּאַסירן? כאַלוימעס.

## אונטערגעהערט

אַ כעלעמער פּאָרפּאָלק איז געזעסן אין טעאַטער און די גאַנצע צייט צווישן זיך גערעדט, אַזוי אַז מע האָט גאָרניט געקאָנט הערן פֿון דער בינע.

– אַנטשולדיקט, – רופֿט זיך אָן אַ פֿרוי, וואָס זיצט אונטער זיי, – איר שטערט אונדז. מיר קאָנען ניט הערן קיין וואָרט...

– וואָס זשע, – ענטפערט יענע, – איר מוזט טאַקע הערן, וואָס איך רעד מיטן מאַן?

## אַ חוייב אַ כּאַכאָמע

אַ שרייבער האָט גענעמען אַ ווייב פון כעלם. שוין איין מאָל אַ כּאַכאָמע! איז געשען אַזוי, אַז ער איז אַנומלטן געזעסן אַ גאַנצע נאַכט, געשריבן און געשריבן, און אַזוי ווי ער האָט גערדאַרפט איילן אַף אַן אַסיפע, האָט ער איבערגעלאָזט אַפן טיש די פּאַפּירן און אַוועקגעגאַנגען.

צוריק געקומען אַהיים, האָט ער געטראָפן אַ ריין אויפגעראַמטן טיש און אים איז געוואָרן אַ לאַך אין האַרצן: גוואַלד, ווי איז דאָס, וואָס איך האָב מיט אַזוינע שוועריקייטן די נאַכט אָנגעשריבן? – האָט ער אַ טראַכט בעטאָן.

– שיפרע, ווו זיינען מיינע פּאַפּירן?

– וואָס הייסט – ווּ? – האָט זי פאַרווּנדערט זיך אָנגערופן, – איך האָב דאָך געדאַרפט אַן פראָמען באַ דיר אַפן טיש, האָב איך די פּאַפּירן דיינע אַריינגעוואָרפן אין אויוון...

– אין אויוון? ווי זשע דען? – האָט זי רויק געענטפערט, נאָר שרעק זיך ניט, מיין טייערער. דו האַלטססט מיך פאַר אַ נאַרישער, איך זאָל דאָס דיינע פּאַפּיר פאַרברענען. איך האָב אַריינגעוואָרפן אין אויוון דאָס פאַרשריבענע...דאָס אומריינע פּאַפּיר...

## געהאָלפֿן דעם פערד

א כעלעמער באלעגאָלע איז געפאָרן אין וועג און דערזען, ווי א ייד פון זיין שטעטל שלעפט זיך מיט א שווער זעקל, קוים פלאָנטערנדיק מיט ווי פיס. האָט דער באלעגאלע אפגעשטעלט זיין פערדל און געהייסן דעם יידן זיך זעצן אפן וואָגן.

דער כעלעמער ייד האָט אים שיין אָפגעדאנקט, דעם באלעגאָלע פאר זיין גוט הארץ און ארופגעקראָכן אפן וואָגן.

אין א צייט ארום, ווען דער באלעגאָלע האָט אויסגעקוקט דעם קאָפ, האָט ער דערזען:אז דער ייד האלט דעם זאק אף די פלייצעס.

רעב ייד, – האָט זיך אָנגערופן צו אים דער באלעגאָלע, פערוואָס האלט איר דעם זאק אף די פלייצעס?

– א ראכמאָנעס אפן פערד, – האָט דער כעלעמער ייד געענטפערט, – עס שלעפט, נעבעך, אָן מיין זעקל גענוג מאָסע...

דער באלעגאָלע האָט זיך דערפרייט. אינדערעמעסן, ער האָט ארופגעזעצט אפקוואָגן טאקע זיין בען- איר. ניט קיין כעלמער כאָכעם ווערט זיך דערצו ניט דערטראכטן.

## א רעגן גייט

א כעלעמער כאָכעם שפאצירט איבער דער גאס און האלט אין דער האנט שירעם. פלוצעם צעשפרייט זיך איבערן שטעטל א שווארצע כמארע, און עס הייבט אָן גיסן א שלאגס – רעגן.

דער כעלעמער כאָכעם איז פיטש – נאס געוואָרן. רופט זיך אָן צו אים א פארבייגייער:

– פעטער, איר זעט ניט סיארא רעגן עס גיסט ? פארוואָס עפנט איר ניט אייער שירעם?

– עס וועט ניט העלפן. דער שירעם איז פול מיט לעכער... – ענטפערט יענער.

– צוליב וואָס זשע האָט איר רעם שירעם מיטגענומען?

– ווייל איך האָב געמיינט, אז עס וועט ניט רעגענען...

## פון וואנען וואקסט א מענטש?

צוויי כעלעמער כאכאָמים האָבן צווישן זיך פארפירט א וויקועך –פונוואנען וואקסט א מענטש, פונעם קאָפּ, צי פון די פיס.

איינער זאָגט: פון אויבן, פונעם קאָפּ. האָט אָט איר א סימען:

– עס שטייען זעלנער אויסגעשטעלט אין א לאנגער ריי. זיינען דאָ העכערע און נידריקערע, די פיס זיינען בא אלעמען גלייך. בלויז די קעפּ זיינען בא ווענמען העכער, בא ווענמען נידעריקער. פון דעם איז געדרונגען, אז זיי זיינען געוואָקסן פון אויבן...

– ניין! – טײַנעט דער צווייטער – עס הייבט זיך ניט אָן! צוריק מיט א פינף יאָר האָב איך געקויפט פאר מיין יינגל א קאפּאָטקעלע, האָט עס דעמלט געגרייכט ביז צו זיינע קנעגל. איצט גרייכט דאָס קאפּאָטקעלע ביז זיינע קני פרעג איך דיך. כאָכעם מיינער, ווו איז מיין יינגל געוואָקסן?

## ווענן איינשטיינס טעאָריע

צוויי כעלמער געפינען זיך אין טורמע. זאָגט איינער צום צווייטן:

ציי קענסטו מיר, לייבעש, ניט דערקלערן אין וואָס באַשטייט אַלבערט איינשטיינס טעאָריע, וואָס די גאַנצע וועלט הערט ניט אויף ווענן איר צו ריידן?

– פאַרוואָס קען איך דיר ניט דערקלערן. זיכער! – האָט יענער געענטפערט. עס איז גאַנץ פּראָסט און פּאָשעט. טו אַ קוק, מיר ליגן מיט דיר אויף דער טורמע – פּאַלעצע. מיר ליגן ניין היילן אין דער ערד. נאָר אינדערעמעסן זיצן מיר... אין דעם באַשטייט איינשטיינס טעאָריע. אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז עס איז היי, היי, היי!

## וויאַזוי מע האַקט האָלץ אין כעלם

אַ כעלעמער כאָכעם איז געשטאַנען און געהאַקט האָלץ. ער האָט עס אָבער געטאָן אַזוי פֿריגלדיק, אַז דאָס שטיק האָלץ האָט פֿון אונטער דער האַק אַ שפּרונג געטאָן און אים געטראָפֿן גלייך אין דער נאָז אַריין, זי פֿיין צעקאַליטשעט, די נאָז.

דערדזען די דאָזיקע גזירע, זיינען די שכיינים אוועקגעלאָפֿן צום ראָוו זיך האַלטן אין אייצע, וואָס זאָל מען טאָן? אויב עס וועט גיין אַזוי ווייטער, קאָנען דאָך אַלע כעלעמער איינוווינער בלייבן אָן נעזער.

נאָר אַזעלכע קאָמפּליצירטע איניאָנים באַשטימען ניט קיין באַזונדערע פּערזענלעכקייטן, עס מעג אפֿילו זיין דער ראָוו אַליין און מע האָט צונויפֿגערופֿן די גרעסטע כאַכאָמים אויף אַ באַראַטונג – וואָס זאָל מען טאָן?

אפגעזעסן זיבן טעג און זיבן נעכט, איז די געהויבענע באראטונג געקומען צום געדאנק: אזוי ווי מע האָט אין כעלם געהאקט האָלץ ביז איצט, טויג אפ קאפאָרעס. דאָס קאָן שעדיקן, כאָלילע, אלע האָלצהעקערס. אויב דאָס שטיק האָלץ איז בא יענעם געראָטענעם העקער געפלויגן פון דער ערד און דערלאנגט אין דער נאָז אריין, דארף מען פון היינט אָן און ווייטער לייגן דאָס האָלץ, אף דער נאָז און האקן אין דער נאָז אריין, וועט עס פליען. דאָס האָלץ, אף דער ערד און די נאָז וועט בלייבן גאנץ...

און דער געדאנק איז פון אלעמען אָנגענומען געוואָרן מיט גרויסע היספיילעס, אלע זיינען געבליבן צופרידן מיטן געדאנק.

## א גוטע אייצע

מיט רעם שלעכט ברוקידטן שליאך גייט א כעלעמער בריוונטרעגער. די היץ ברענט מוירעדיק, און עס גיסט זיך פונעם מענטשן דער שווייס. דערצו שלעפט יענער נאָך אף דער פלייצע א שווערן זאק מיט בריוו.

גייט פארביי א כעלעמער כאָכעם און רופט זיך אָן:

– היי, באלטאכלעס! דו האָסט א קאָפּ אף די פלייצעס, צי א לאָקשנטאָפּ? פאָרוואָס שלעפסטו אף זיך אזא מאָסע? קאָנסט עס ניט אָפּשיקן מיט דער פּאָטשט?

## א באָרג

א כעלעמער כאָכעם לויפט אריין צו זיין שאָכן א פארסאפּעטער און אוּפ געדעגטער און רופט זיך אָן צו אים:

– רעב שיקע. איך האָב צן אייך א גרויסע באַקאָשע, אנטלייט מיר פופציק זלאָטעס. איך דארף נויטיק האָבן...

– איך פארמאָג בלויז דרייסיק...– ענטפערט דער שאָכן.

– רעכט, זאָל זיין דרייסיק, – זאָגט יענער, – גיב אהער, נאָר פארגעס ניט, אז דו ביסט מיר שולדיק צוואנציק זלאָטעס און פארגעס ניט זיי מיר אָפּגעבן...

## א טאָעם

עס איז געבוירן געוואָרן א צווילינג אין שטוב. צוויי יינגלעך. אָבער איינס איז געבוירן געוואָרן א טויב – שטומס. ווען די קינדער זיינען א ביסל עלטער געוואָרן, האָבן זיך די עלטערן דערוווסט, אז אין ניו – יאָרק איז פאראן א קליניק, א שפּיטאָל, ווו מען מאכט שטומע רעדעוודיק. האָט זיך די מוטער דערפרייט, געכאפּט דאָס יינגל און מיט דעם אוועקגעפלויגן קיין אמעריקע.

אויפן וועג האָט עס מיטן עראָפּאן שטארק געשליידערט, און דאָס יינגל האָט פלוצים אויסגעשריגן, ווי ניט מיט זיין קאָל.

– א רועך אין זיין מאמען. וואָס מאָערדעוועט עס מיט אים, ווי אין א א קאדאָכעס?

ווען דער עראָפּלאן האָט אראָפּגענידערט אפן פעלד, איז די מאמע גלייך אוועקגעלאָפן צן דער פּאָסט און געקלאפט דעם מאן א טעלעגראמע:

– אונדזער קינד האָט מיט גאָטס הילף אָנגעהויבן ריידן! די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט, זיינען געווען: א רועך אין דיין מאמען אריין.

קומט אָן א ענטפער אף דעם פונעם מאן:

– א רועך אין דיין מאמעס מאמען אריין, האָסט מיטגענעמען דאָס רעדנדיקע קינד!

## צוויי ברידער

א מעשגענער באקומט א בריוו. ער עפנט אויף דעם קאָנווערט און נעמט ארויס פון דארטן א ריין בייגעלע פאפיר.

– וואָס דארף דאָס באטייטן? – פרעגט פארוואונדערט דער שאָכן.

– דאָס איז א בריוול פון מיין ברודער פוןווארשע – זאָגט דער מעשוגענער, – מיר זיינען מיט אים ברויגעז...

## בייס א רעגן

א כעלעמער כאָכעם באקלאָגט זיך פאר זיין באלעבאָס פונעם הויז:

– אוי, רעב צאליע, א גרויסער אומגליק האָט מיך געטראָפן. זינט די לעצטע גרויסע רעגנס קומען מיר מאמעש אום. עס רינט די גאנצע צייט אין מיין דירע די וואסער...

– און וואָס האָט איר געוואָלט, – בייזערט זיך אף אים דער באלעבאָס, – פאר די צוואנציק זלאָטעס, וואָס איר צאָלט מיר דירע-געלט, ווילט איר עפשער עס זאָל אייך אריין רינען וויין?

## אין געריכט

דער דיכטער אין געריכט זאָגט דעם גאנעף:

– באשולדיקטער, איר האָט איינער אליין געעפנט אזא שווערע קאסע? וואָס זשע? איר האָט ניט געהאָט קיין שוטעף?

– ניין, ענטפערט דער גאנעף. – איך האָב געמוזט איינער אליין שווער האָרעווען, וועט איר אין אונדזערע שווערע צייטן קריגן א שוטעף?

## א ייִנגל אַן אַקשן

א כעלעמער כאָכעם באגעגנט אף דער גאס א קליין בייז ייִנגל.

– זאָג מיר נאָר ייִנגעלע ווי הייסטו?

– איך הייס, – ענטפערט יענער, – ווי מיין זיידע האָט געהייסן...

– און ווי האָט געהייסן דיין זיידע?

– אזוי ווי איך, – מאכט דאָס ייִנגל.

איך מיין, – זאָגט ווייטער דער כעלמער, – וויאזוי רופט מען דיך אין דער היים צום עסן?

– מיך רופט מען קיינמאָל צום עסן, – זאגט דער קליינער אקשן.

– סטייטש, פארוואָס? – וווּנדערט זיך דער כעלעמער.

– ווייל איך קום שטענדיק אליין צום טיש עסן...

## אין רעסטאָראַן

א כעלעמער כאָכעם איז אַנומלטן אַריינגעקומען אין רעסטאָראַן און געבעטן אים דערלאַנגען אָקסנפלייש.

דער קעלנער האָט אים געבראַכט א קליין, קליין שטיקעלע געבראָטנס.

דער כאָכעם האָט א קוק געטאָן אף דער קליינינקער פּאָרציע און זיך גענומען וויינען, גיסן טרערן.

דער קעלנער האט אף אים א קוק געטאָן און זיך שטאַרק דערשראָקן:

– רעב אוירעך! וואָס איז מיט אייך געשען, וואָס איר וויינט אזוי שטאַרק.

– פאַרוואָס זאָל איך ניט וויינען, – האָט געענטפערט דער כעלעמער, – פאַרוואָס זאָל איך ניט קלאָגן, צוליב אזא קליין שטיקעלע פלייש, האָט איר געדאַרפט אומברענגען, שעכטן שעכטן אזא גרויסן אָקס?

## זייער קראַנק

אין כעלם איז אמאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן א סטאָליער און מע האָט צו דעם כוילע אַרויסגערופן דעם דאָקטער. דער כלעמער דאָקטער האָט אים אופמערקזאַם באַטראַכט און געזאָגט:
– דאָס איז בא אייך א שווערער טיפוס. כייהאָב מוירע, אז מע וועט ניט קאָנען דעם כוילע אָפּראָטעווען...

דערהערט דאָס, האָט דער סטאָליער געזאָגט:
– דאָקטער, אויב עס האָלט מיט מיר אזוי שלעכט, עפשער וועט איר מיר דערלויבן פארן טויט אופעסן א ביסל זויערקרויט פון וואס איך האָב שטענדיק שטארק האנאָע?

האָט דער דאָקטער נאָך א שווערער מינוט טראכטן, געזאָגט, אז ער דערלויבט.

דער כוילע האָט אופגעגעסן א טעלער זויער – קרויט איז אפן דריטן טאָג געזונט געוואָרן.

דער דאָקטער האָט זיך שטארק דערפרייט, גענומען זיין פארצייכנבוך און פארשריבן, אז זויער קרויט איז א גוט מיטל צו היילן פון א שווערן טיפוס.

אין א שטיקל צייט ארום האָט מען דעם זעלבן דאָקטער גערופן צו א שטארק קראנקן קירזשנער.

באטראכט דעם פאציענט, האָט דער דאָקטער געזאָגט:

– דער כוילע איז שטארק קראַנק. בא אים איז א שווערער טיפוס. זאָל ער אופעסן א טעלער זויער – קרויט וועט ער גלייך געזונט הערן.

דער כוילע האָט געפאָלגט דעם דאָקטער, אופגעגעסן א טעלער זויערקרויט און אפן צווייטן טאָג געשטאָרבן. ווען מע האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם דאָקטער, האָט ער גענומען זיין ביכל און אין א זייט פארצייכנט: "זויער קרויט איז א גוט מיטל היילן א שווערן טיפוס בא א סטאָליער, נאָר בעשום אויפן ניט בא קירזשנער".

## אין געריכט

אין געריכט האָט מען געמישפּעט צוויי גאַנאָווים.

ווען דער אדוואָקאַט האָט באַקומען דאָס וואָרט, האָט ער געזאָגט:

– מיינע הערן ריכטער! איך מוז קאַטעגאָריש פּאַרורטיילן די ווערטער פון פּראָקוראָר. ווען פאַר האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט פאַר מיינע ביידע קליענטן.

דער הער פּראָקוראָר האָט זיך אויסגעדריקט, אַז עס פעלט זיי ביידן יעדעס גערפיל פון ערלעכקייט און יושער. איך מוז קעגן דער דאָזיקער באַשולדיקונג ענערגיש אַרויסטרעטן און פּראָטעסטירן.

איך דערקלער פאַר דעם געריכט אַבסאָליוט קאַטעגאָריש, אַז אַלע זייערע גנייוועס האָבן מיינע קליענטן שטענדיק העכסט ערלעך איינגעטיילט צווישן זיך!

## מע האָט אים געהאָלפן

דער לערער האָט גענומען לייזערקעס העפט. לאַנג אַריינגעקוקט און זיך פאַרוווּנדערט:

– איך פאַרשטיי ניט. לייזערקע, וויאַזוי קאָן מאַכן איין מענטש אַזויפיל גרייזן?

– עס איז ניט געווען קיין איין מענטש, – ענטפערט דער שילער – מיר האָט געהאָלפן דער טאַטע, דער שאָכן און מיין עלטערעשוועסטער...

## וויאַזוי האָט ער געוווּסט ער די פערד?

עס זיצן אויף דער פּריזבע צוויי אַלטע כעלעמער כאַכאַמים. איינער דער צײלט וועגן זײַן אייניקל, וואָס וווינט אין וואַרשע. באַקומען אַ גרויסע ירושה און געקויפט זיך אַן אויטאָמאָביל.

– דו פֿאַרשטייסט, כאַצקל, אַ גאַר גרויסאַרטיקער אויטאָמאָביל. ער האָט דעם קרייעך פֿון פֿופֿציק פֿערד...

– אַ – האַ! – וווּנדערט זיך דער צווייטער כעלעמער כאַכעם, – אַזש פֿופֿציק פֿערד? גאַטעניו ליבער. ווו זשע נעמט ער פֿאַר זיי אַזוי פֿיל האָבער?

## אַן אײַצע פֿון אַ רעזשיסער

איינער אַ שרײַבער ווענדעט זיך צום רעזשיסער מיט אַ פֿראַגע:

– זאָגט מיר, זײַט אַזוי גוט, – פֿרעגט דער דראַמאַטורג. – ווי איז אײַך געפֿעלן געוואָרן מײַן דראַמע?

– מיר דאַכט זיך, אַז אין דריטן אַקט פֿון אײַער פּיעסע, וואָלט אײַער העלד אַנשטאָט אופֿהענגען זיך, גלײַכער זיך געשאָסן...

– פֿאַרוואָס מיינט איר אַזוי?

– ווײַל אַ שאָס וועט, מעגלעך, אופֿוועקן דאָס פּובליקום פֿון שלאָף...

## אויס מענטש

א פרוי איז געקומען צום וועטערענאר מיט איר הונט.

– וואָס איז מיט אייער קעלעוו? – פרעגט דער וועטערענאר.
– איך פארשטיי אליין ניט, וואָס איז מיט מיין ריאבטשיקן געוואָרן. די לעצטע צייט עסט ער ניט, טרינקט ניט, פירט זיך מאָדנע און ביכלאל איז ער עפעס געוואָרן אויס מענטש...

## באם דאָקטער

דער כעלעמער שערער איז געקומען צו א דאָקטער יענער זאָל אים באטראכטן, עפעס פילט ער זיך ניט גוט.

באטראכט דעם כוילע, האָט דער דאָקטער טיפזיניק געזאָגט:

– נו, וואָס קאָן איך אייך אייצענען? איך זע, אז איר זיינט שטארק פארמאטערט, זייער מיד, א מאָדנע פוילקייט חערשט אף אייך, אייך איז ביז גאָר נויטיק רו. איר דארפט זיך גוט אויסרוען די ביינער, דערוייל פארווער איך אייך אף א שטיק צייט זיך פארנעמען מיט קאָפּ – ארבעט...

– וואָס זאָגט איר, דאָקטער, דאָס איז אומעגלעך!..– שרייט אויס יענער – איך קאָן ניט ניט פארנעמען זיך מיט קאָפּ – ארבעט...

– וואָס הייסט? פארוואָס?

– איך וועל דעמלט שטארבן פון הונגער...– מאכט יענער, – איך בין דאָך א שערער, א פאריקמאכער און דאָס איז מיין שטיקל ברויט...

## שייך איז ווארשע!

שייך און פּיין איז ווארשע. אומעטום הערט איר, אז עס איז ניט קיין שטאָט, נאָר א ווונדער!

האָט א כעלעמער כאָכעם באַשטימט זיך אוועקלאָזן קיין ווארשע, אָנקוקן פון אלע זייטן, און זיך איבערצייגן, צי איז דאָס טאקע אזוי.

איז ער אופגעשטאגען גאנצפרי מיט דער ראָשטשענע. גענומען א שטעקן מיט א טאָרבע און זיך געלאָזט צופוס קיין ווארשע.

אָפּגעגאנגען אַן האלבן וועג, האָט זיך אים פארגלוסט שלאָפן. האָט ער מוירע געהאט, אז ער וועט אנשלאָפן ווערן און ווען ער וועט זיך אופכאפּן, וועט ער ניט וויסן, אין וועלכער זייט ער דארף גיין, האָט ער זיך געלייגט מיט די פיס קיין ווארשע און מיטן קאָפּ קיין כעלם, קעדיי, אז ער וועט אופשטייך זאָל ער האָבן א צייכן - וווהין די פיס ליגן אויסגעצויגן, דאָרטן ליגט ווארשע...

איז פארבייגעגאנגען עפּעס א טיפּעש, א לעץ און דערזען, אז איינער ליגט אויסגעצויגן אינמיטן שליאך מיטן קאָפּ קיין כעלם און מיט די פיס קיין ווארשע. האָט ער גלייך פארשטאנען, אז דאס דארף זיין אַ כעלעמער כאָכעם, האָט ער באַשטימט אים אָפּטאָן א שפּיצל: גענומען אים פאר די פיס און איבערגעדרייט פארקערט מיטן קאָפּ קיין ווארשע און מיט די פיט קיין כעלם.

דער כעלעמער האָט זיך גוט אויסעשלאָפן, זיך אופגעכאפּט, אויסגעווישט די אויגן און א קוק געטאָן, וווהין די פיס ליגן אויסגעצויגן און אהין האָט ער זיך געלאָזט גיין.

געגאַנגען איז ער אַ האַלבן טאָג, זייענדיק איבערצייגט, אַז ער גייט קיין וואַרשע...

סייאַראַ באַקאַנטע הײַזער! – האָט ער זיך געוווּנדערט, צוקומענדיק צו דער שטאָט, פּונקט ווי אין כעלם באַ אים. גייט ער ווײַטער, באַטראַכט די געסלעך: עפּעס זיינען זיי שטאַרק ענלעך אַף די כעלעמער געסלעך! וואָס קומט מיט אים פאָר, פאַרשטייט ער ניט. ווו זשע איז וואַרשע? אָט זעט ער שוין די שול, די באָד, דעם באַרג – פּונקט, ווי באַ אים אין כעלם! ברעכט ער זיך דעם קאָפּ. אַ מאָדנע געשיכטע!

וואָס טוט זיך דאָ? – אָט איז שוין דאַכט זיך, זיין געסל, זיין שטוב! פּלוצים האָט זיך געעפנט די טיר און זיין ווייב איז אים אַרויס אַנטקעגן!

– גוואַלד, יידן! – האָט ער אויסגעשריגן, ווי ניט מיט זיין קאָל, – וואָס טוט זיך עס? אין וואַרשע איז אויך דאָ אַ זלאַטע?...

## דער כעלעמער שאַמעס

דער כעלעמער שאַמעס איז געגאַנגען גאַנצפרי וועקן די יידן זיי זאָלן גיין אין שיל אַרייַן דאַווענען. נאָר אַזוי ווי אין שטעטל זיינען געשטאַנען גרויסע בלאָטעס, און דערצו נאָך האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ פראָסט, איז ער, נעבעך, איינגעפאַלן און געוואָרן מיט די שטיוול אין דער טיפער בלאָטע און כאָטש שריי גוואַלד, ניט געקאָנט אַרויסקריכן פון דאָרטן.

אינדערפרי זיינען די מענטשן אופגעשטאַנען, מע טוט אַ קוק דער שאַמעס שטעקט אַ פאַרפרוירענער גאַנץ שטאַרק אין דער בלאָטע, ניט אַהער, ניט אַהין!

וואָס טוט מען?

די כעלעמער כאַכאָמים האָבן זיך צונויפגעגומען אף א באַראַטונג, אַסיפע, און דריי טעג און דריי נעכט באַטראַכט, וואָס מע דאַרף טאָן. און באַקלערט, אַז אַזוי ווי באַם אַרויסשלעפּן דעם שאַמעס פון דער בלאָטע, קאָן מען אים, כאַלילע, אָפּרייסן א פוס, איז נישטאָ קיין אַנדער אייצע, ווי אים לאָזן אַזוי שטעקן ביז פרילינג, ביז דאָס אייז וועט צעגיין. דעמלט וועט מען אים מיט גאָטס הילף, אַרויסשלעפּן...

און קעדיי דער שאַמעס זאָל ניט שטאַרבן פון הונגער, זאָל מען דורכלייגן צו אים א סטעזשקע, און דאָס ווייב וועט אים אַהין אַלע טאָג טראָגן עסן.

אַזוי איז, נעבעך, דער כעלעמער שאַמעס א גאַנצן ווינטער געשטאַנען אַן איינגעפרוירענער אין בלאָטע און געוואַרט אויף פרילינג...

## אַלע זיינען גערעכט

דער כעלעמער ראָוו האָט געדאַרפט דורכפירן א דין – טוירע. הערט ער אויס איין צאַד און זאָגט צו אים:
– יאָ, דו ביסט גערעכט!

הערט ער אויס דעם צווייטן צאַד און זאָגט אים דאָס זעלבע:
– ביסט גערעכט!

מישט זיך אַריין דעם רעבנס ווייב, די רעבעצן, און פרעגט דעם מאַן:
– סטייטש, לייזער, וואָס הייסט עס? אַז דער ייד איז גערעכט,

איז דאָך יענער ניט גערעכט. און אויב יענער איז גערעכט, קאָן דאָך דער ניט זיין גערעכט?...

האָט דער כאָכעם דער ראָוו א טיפן טראכט געטאָן און געענטפערט:
– דו, סאָסיע, ביסט אויך גערעכט!

## דער קלוגער שוימער

א גרויסשטאָטישער יונגערמאנטשיק איז אמאָל געקומען קיין כעלם און געוואָלט באטראכטן דאָס שטעטל. גייט ער ארויס אף דער גאַס און דערזעט, ווי א גרויסער כעלעמער אוילעם שטייט אפן פלאַץ אין די גאטקעס און מע ווארעמט זיך אויף דער זון.

זיך פאנאנדערגעלאכט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען:
– כעלעמער נאראָנים! כעלעמער נאראָנים!

דערהערט אזא געשריי, האָבן זיך די כעלעמער צעבייזערט, געכאַפּט דעם יונגנמאן, אָנגעבראָכן די ביינער פאר דער באליידיקונג און אים איינגעזעצט אין טורמע.

זיצט ער אזוי אין קאָמערע און נודיעט זיך, דערוויל האָט זיך אים שטארק פארגלוסט רויכערן. גייט ער צו צו דער טיר, ווו עס שטייט דער היטער, דער שוימער פון דער טורמע, און מאכט צו אים:

– אָט האָט איר זעקס גראָשן, גייט אוועק אין נאָענטן קרעמל און ברענגט מיר א ביסל טאבאק רויכערן.

– מיטן גרעסטן קאָוועד! – האָט געענטפערט דער שוימער, גענומען דאָס געלט און אוועקגעגאַן קויפן טאבאַק.

ווען דער יונגערמאַן האָט דערזען, אַז קיינער איז ניט געבליבן בא דער טיר, און קיינער היט אים ניט אָפּ, האָט ער זיך אופגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

אַף מאָרגן גייט ער ווידער אַרויס אין גאַס, און זעט ווידער ווי די כעלעמער שטייען אין די גאַטיעס און וואַרעמען זיך אַף דער זון. האָט ער נאָך שטאַרקער גענומען שרייען:
– כעלעמער נאַראָנים! כעלעמער נאַראָנים!

האָט מען אים ווידער אַ באַפּ געטאָן און אַריינגעזעצט אין טורמע.

זיצט ער אַזוי אין געהאַקטע ווונדן און עס איז אים סקיטשגע געוואָרן האָט זיך אים ווידער פאַרגלוסט רויכערן. גייט ער צו צו דער טיר און זעט, אַז דאָרטן שטייט און היט אים דערזעלבער שוימער, וואָס נעכטן. גיט ער אים ווידער זעקס גראָשן און בעט, ער זאָל גיין נאָך טאַבעק.

– פּע, פּאַסקודניאַק! – צעשרייט זיך אַף אים דער שוימער, – וואָס מיינסטו, עס איז דיר נעכטן? איך וועל גיין דיר ברענגען טאַבאַק און דו וועסט אַנטלויפן? דאָס וועסטו בא מיר שוין ניט פּויעלן! דו ווילסט טאַבאַק, טאָ נעם דיינע זעקס גראָשן און גיי דיר אַליין קויפן טאַבאַק. איך וועל מיין פּאָסטן ניט פאַרלאָזן! איך בלייב דאָ...

## כעלעמער פּייערלעשער

ווען אין כעלם איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע פּייערלעשער – קאָמאַנדע, האָט מען אַלע קיילים – די פּעסער, קישקעס, לייטערס, פּאָמפּעס – אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן

שטיינערנעם פּארקן, קעדיי די גאנאָווים זאָלן ניט קאָנען גאנווענען דאָס ביסל באלעבאטישקייט.

נאָר אינגיכן איז דאָ אויסגעבראָכן א גרויסע סרייפע, און די פייערלעשער האָבן זיך אוועקגעלאָזט נאָכן לעש - אינסטרומענט. דאָ האָט מען זיך געכאפּט, אז צו די פּעסלעך מיט וואסער, פּאָמפּעס, קישקעס, קאָן מען זיך ניט דערקלייבן, מע קאָן אינעווייניק ניט ארײנקומען, ווייל בייס מע האָט געבריט דעם פּלויט, האָט מען פארגעסן מאכן א טויער...

און ביז די כעלעמער האָבן באשטימט צונויפרופן אן אסיפע פון די קלוגסטע כעלעמער כאכאָמים, קעדיי ארומריידן די זאך, וואָס מע דארף טאָן, איז האלב כעלעם אָפּגעברענט געוואָרן.

## אָנגעלערנט דעם פּאסקודניאק

קיין כעלעם איז אמאָל געקומען א רייכער ייד, א גרויסער אפּיקוירעס. ער האָט געהאָט א טייווע אלע שאבעס ארויספאָרן איבערן שטעטל אף זיין געשפּאן אף זיין, הייסט עס, פאעטאָן, קעדיי דערצאָרענען דעם כעלעמער אוילעם.

האָבן די כעלעמער כאכאָמים גענומען טראכטן, וויאזוי לערנט מען אָן דעם מיעסן אפּיקוירעס. דעם פּאסקודניאק. געטראכט, געטראכט, און טאקע צוגעטראכט:

מע האָט באשטימט. אז אלע שאבעס, ווען דער אפּיקוירעס וועט ארויספאָרן אף די גאסן, זאָלן עטלעכע כעלעמער זיך אונטערלייגן אונטער די רעדער, וועט יענער טייוול זיך איבערקערן און צעברעכן זיך הענט און פיס. און אזוי טאקע האָבן די כעלעמער געטאָן...

## געפֿנען אַן אַריסודעג

אין כעלם זײַנען אין אַלע צײַטן געווען אַ סאַך פֿרומע ייִדן, וועלכע פֿלעגן יעדן פֿרימאָרגן גײן אין שול דאַווענען.

קעדיי דער אוילעם זאָל ניט פֿאַרשלאָפֿן דאָס דאַווענען, ניט פֿאַרשפּעטיקן, פֿלעגט דער שאַמעס פֿון שול יעדן באַגינען אַרומגיין מיט אַ שטעקן איבער די גאַסן און אָנקלאַפּן אין די לאָדנס:
– היי, ראַבויסיי! אין שול אַרײַן!...

אַזוי האָט זיך דאָ געפֿירט יאָרנלאַנג.

נאָר עס איז געקומען די צײַט, ווען דער כעלעמער שאַמעס איז געוואָרן אַלט און שוואַך, און מער ניט געקאָנט אַרומגיין איבער די בלאָטיקע געסלעך פֿון שטוב צו שטוב און קלאַפּן אין די לאָדנס, האָבן די כעלעמער כאַכאָמים צונויפֿגערופֿן אַ גרויסע אַסיפֿע און באַשלאָסן:

קעדיי נישט באַמיען דעם אַלטן שאַמעס ער זאָל יעדן פֿרימאָרגן גײן פֿון שטוב צו שטוב און אָנקלאַפּן אין די לאָדנס, זאָל דער אוילעם אַלע לאָדנס אַראָפּנעמען און זיי ברענגען אין שול אַרײַן און דער אַלטער שאַמעס וועט דאָ, אויפֿן אָרט קלאַפּן אין די לאָדנס...

## אין צירק

אין כעלם איז אַ מאָל אַראָפּגעקומען אַ צירק מיט כאַיעס, טיגרעך און בערן, ווי עס פֿירט זיך אין אַ געוויינלעכן צירק.

האָט איינע אַ שיינע, יונגע טיגרעך – דרעסירערן באַוויזן אַ קונץ, וואָס האָט אַלעמען איבעראַשט.

זי האָט גענומען א שטיקל צוקער אין מויל אריין, און אף איר באפעל איז א מעכטיקער בייזער, ברומענדיקער טיגער צוגעגאַנגען און ארויסגענומען פון צווישן אירע ליפּן דאָס שטיקל צוקער. דאָס פּובּליקום איז געוועז דערשיטערט פון שרעק, קוים איינגעהאלטן דעם אָטעם, און ווען דער קונץ האָט זיך געענדיקט, האָבן אלע שטורמיש אפּלאָדירט דער דרעסירערן.

מיטאמאָל איז אופגעשטאנען פונעם אָרט א כעלעמער כאָכעם, אזן עלטערער פארשוין און א קנייטש געטאָן מיט די אָקסל, האָט ער געזאָגט, אז דאָס איז ניט קיין גרויסער קונץ. ער וואָלט דאָס אויך געקאָנט טאָן, ווען אזא שיין מיידל לאָזט אים נעמען דאָס שטיקל צוקער פון איר מויל, נאָר זיין ווייב זאָל דאָס ניט זען...

## א צעשטרייטע פּארקיפּערן

א כעלעמער כאָכעם קומט אריין אין א געשעפט און וויל קויפן אן העמד.

– וואָס פאר א קאָלער ווילט איר? – פרעגט די פּארקויפערן.

– איך וואָלט געוואָלט קאווע מיט מילך...– ענטפערט דער קוינע.

זייער גוט ...איין ווייַלע.... נאָר זאָגט מיר – פרעגט יענע איבער,– קאווע מיט מילך, ווילט איר? מיט צוקער אָדער אָן צוקער?...

– מיט סאבאריון! – צעבייזערט זיך דער כעלעמער, און לויפט ארויס פון דער קראָם...

## אָדאַם און כאַווע

מע האָט אמאָל געפרעגט א באַרימטן כעלעמער כאָכעם:

– פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן אָדעמען פון ערד און כאַווען פון א ריפ? פאַרוואָס האָט ער ניט געמאַכט פונקט פאַרקערט?

– וואָס איז דער אונטערשייד, – האָט געענטפערט דער כעלעמער, – און ווען כאַווע וואָלט געווען פון ערד און אָדעמען פון א ריפ, וואָלט דען אָדעם ניט געלעגן בא כאַווען טיף אין דער ערד?

## בא ראָטשילדס מאַציייווע

א כעלעמער כאָכעם איז געקומען אפן בייסוילעם און שטעלט זיך אָפּ לעבן ראָטשילדס פּרעכטיקער מאַציייווע. באַטראַכט זי לאַנג פון אַלע זייטן, טשמאָקעט מיט די ליפּן און זאָגט:

– איי, איי, איי! אָט דאָס הייסט געלעבט אף דער וועלט!

## דער פּראָקוראָר איז ניט גערעכט

אין כעלעמער געריכט טרעט אַרויס אן אַדוואָקאַט און זאָגט:

– איך דאַרף דערקלערן, אז מיטן פּראָקוראָר בין יאיך ניט מאַסקים. ער איז ניט גערעכט, ווען ער זאָגט, אז ביידע מיינע קליענטן פעלט יעדעס געפיל פון אָרנטלעכקייט, ערלעכקייט און סאָוועסט. איך מוז קעגן דער נאַשולדיקונג שאַרף פּראָטעסטירן. איך דערקלער דאָ אָפן, אז אַלע זייערע געניייוועס האָבן זיי שטענדיק ערלעך פאַנאַנדערגעטיילט צווישן זיך!..

## ער עסט, ווי א פערד

א כעלמער כאָכעם איז געקומען אין א שכייניש שטעטל צוגאַסט צו א קרויווע.

די באלעבאָסטע האָט אים שיין באגעגנט, און באשטימט אים מעכאבעד זיין, אים אָנהאָדעווען.

זיך א לאָז געטאָן צום אויוון, עפּעס אָפּקאָכן, האָט זי געהייסן דעם קלענערן טעכטערל זי זאָל דערווייל גרייטן צום טיש.

ווען די באלעבאָסטע האָט זיך ספּראַוועט באם אויוון, בא די טעפּ און א קוק געטאָן ווי די טאָכטערקע האָט געגרייט צום טיש, האָט זי באמערקט, אז עס איז נישטאָ לעבן טעלער קיין מעסער מיט קיין גאָפּל...

– וואָס איז דאָס, כייקעלע, פאַרוואָס האָסטו ניט דערלאנגט צום טיש קיין מעסער מיט קיין גאָפּל?

דאָס טעכטערל האָט געענטפערט:

– מאמע, צוליב וואָס דאַרף ער עס האָבן? דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אז ער עסט, ווי א פערד...

## צי ווייסט עס איך דער הונט

צחיי כעלעמער כאכאָמים שפּאַצירן איבער דער גאס. פּלוצעם האָבן זיי דערהערט, ווי א געזונטער הונט האָט זיך מוירעדיק בייז צעבילט.

– הערסט, רעב זיילעק, ווי דער קעלעוו בילט? לאָמיר איבערגיין אף דער צווייטער גאס, ער קאָן זיך, כאָלילע, ווארפן אף אונדז, צעבייסן... מיט קיין הונט שפּאַסט מען ניט...

– וואס האָסטו מוירע, טיפּעש? – רופט זיך אָן דער צווייטער, – וואָס זשע, דו ווייסט דען ניט דעם קלאל, אויב דער הונט בילט אזוי שטארק, איז דאָס דער בעסטער סימען, אז ער בייסט ניט.

– יאָ, דאָס איז אזוי, – רופט זיך אָן יענער, – איך ווייס עס גוט, נאָר צי ווייסט עס דער הונט?!

## ווער איז גליקלעכער?

א כעלעמער פרעגט בא זיין שאָכן:

– שיקע – לעבן, ווער איז גליקלעכער, דער וואָס פארמאָגט זיבן טעכטער אָדער יענע ? וואס האָט טויזנט זלאָטעס?

– פארשטייט זיך, יענער, וואָס האָט טויזנט זלאָטעם.

– פארוואָס מיינסטו אזוי?
– דער וואָס האָט טיזנט זלאָטעס, וויל נאָך מער, נאָר, דער וואָס פארמאָגט זיבן טעכטער, וויל שוין מער ניט – ענטפערט שיקע.

## מאָשיאך קומט

אין כעלם האָט מען זיך דערוווסט, אז אינגיכן קומט מאשיאך. האָט מען זיך שטארק דערפרייט און איינצייטיק דערשראָקן – מאָשיאך קאָן טאקע קומען נאר פארבייגיין כעלם, און ניט אריינקומען אהער. וואָס זשע טוט מען? האָבן זיך צונויפגעקליבן אף דער אסיפע די גרעסטע קעפּ און מע האָט זיך געזעצט באם טיש באטראכטן די זאך פון אלע זייטן.

און ווי עס פירט זיך דאָ פון אלע צייטן, האָט מען זיבן טעג און זיבן געכט געטראכט, זיך געיישעוועט און געקומען צום אויספיר, אז מע דארף ארויסשטעלן אפן הויכן בארג א שוימער, וואָס וועט דאָרטן שטיין טאָג און נאכט און שפּירן, אכטונג געבן, אז מאָשיעך וועט קומען, זאָל דער שוימער אים בעטן, יענער זאָל ארייג גיין קיין כעלם.

א לאנגע צייט איז דער שוימער געשטאנען אפן בארג, אף זיין פּאָסטן און ארויסגעקוקט אף מאָשיאכן.

דאָ האָט ער זיך געכאפּט, דער שוימער, אז צען גילדן א וואָך, וואָס מע צאָלט אים פאר זיין שטיקל ארבעט, איז ווייניק אף האָדעווען דאָס ווייב מיט די קינדער און ער איז געקומען אין קעהילע בעטן מע זאָל אים העכערן די סכירעס.

נאָר דער ראָוו האָט באטראכט די באקאָשע פונעם שוימער און אים אָפּגעזאגט.

– ניין, מער קאָן מען אים ניט צאָלן...

– עמעס, – האָט דער ראָוו געענטפערט, – צען גילדן א וואָך איז טאקע ווייניק, נאָר דערפאר אָבער וועט האָבן דער שוימער אן אייביקע שטעלע...

## די בעהיימע אפן בוידעם

די כעלעמער כאכאָמים האָבן געזען, אז זייער בעהיימע איז הונגעריק און מע דארף זי אָנהאָדעווען. נאָר וויאזוי וועסטו זי אָנהאָדעווען, אז דאָס היי ליגט אפן בוידעם...

האָבן זיי דריי טעג און דריי נעכט געטראכט און זיך דערטראכט, אז מע דארף ברענגען א לייטער און ארופשטויסן אפן בוידעם די בעהיימע, זי זאָל זיך אָנהעסן.

האָט מען אזוי געטאָן. געבראכט צום לייטער די בעהיימע און גענומען שטויסן די בעהיימע ארוף, מיטן לייטער.

נאָר ווי מע האָט זיך ניט געסטראַרעט, האָט די בעהיימע ניט געקאָנט ארופקריכן, זיך שיר ניט צעבראָכן די פיס אפן לייטער. גאנצע גאס איז זיך צונויפגעלאָפן, געהאָלפן שטויסן ארוף די בעהיימע, נאָר עס האָט ניט גע האָלפן, באָטש שריי גוואלד!

איז דורגעפאָרן א באלעגאָלע פון א נאָענט שטעטל, א קוק געטאָן מיט וואָס עס פארנעמען זיך די כעלעמער כאכאָמים, האָט ער אויסגעשאָסן א געלעכטער, צוגעגאן און אָפגעשטויסן אין א זייט די כאכאָמים, זיך אופגעהויבן מיטן לייטער אפן בוידעם און פון דאָרטן אראָפגעוואָרפן אף דער ערד א פאַק היי.

די בעהיימע האָט זיך שטארק דערפרייט, זיך ארופגעוואָרפן אף דער היי און מיט געשמאך גענומען עסן.

די כעלעמער האָבן געקוקט אפן באלעגאָלע, געשאָקלט מיטן קאָפּ אים באוואונדערט און געזאָגט:

– זעט נאָר, וויפל כאָכמע עס איז נאָך פאראן אף דער וועלט!

## א כאָכעם א ריכטער

באשוליקטער, – האָט זיך אָנגערופן אין געריכט דער כעלעמער ריכטער, – איר ווערט באשולדיקט אין דעם, וואָס איר זיינט געוואָרן אין קאס אף אייער ווייב און זי ארויסגעוואָרפן דורכן פענצטער...

– יא, – האָט געזאָגט דער שולדיקער, – איך האָב גרויס כאראָטע. איך האָב דאָס געטאָן ניט באטראכט, ווילד און. נאריש...

– אבער איר האָט געדארפט געווען פארשטיין, אז דאָס קאָן זיין געפערלעך, – האָט איבערגעשלאָגן דער ריכטער, – געפערלעך פאר איינעם. וואס וואָלט אין יענער מינוט גראד דורכגעגאנגען אונטערן פענצטער!...

## קיין שלאָף נעמט אים ניט

צום כעלעמער דאָקטער איז געקומען א פארשוין און זיך געקלאָגט אז קיין שלאָף נעמט אים ניט, ער ליידט פון שלאָפלאָזיקייט.

דער דאָקטער האָט זיך טיף פארטראכט און געפרעגט:

– און וואָס טראכט איר, קראנקער, אין וואָס באשטייט די סיבע? – איז נייגעריק צו וויסן דער דאָקטער. – ווי איז די סיבע?

– מיר דאכט זיך, אז די סיבע איז א גאנץ פּאָשעטע, – ענטפערט דער כעלמער. איך שלאף ניט די נעכט, ווייל איך בין א נאכט – ווערטער, א סטאָראָזש, ווי זשע קאָן איך שלאָפן?

## צוויי ברידער

אין כעלעם איז געבוירן געוואָרן א צווילינג, צוויי ברידער. זיי זיינען אָבער אזוי ענלעך געווען איינער אפן אנדערן, אז אפילע די עלטערן האָבן ניט געקאָנט דערקענען דעם אינטערשייד צווישן זיי.

ווען איינער פון די צוויי ברידער איז געשטאָרבן, באגעגנט א כעלמער כאָכעם דעם צווייטן ברידער אין גאס און פרעגט אים:

– זאָג מיר דעם עמעס, ווער פון אייך ביידן איז געשטאָרבן – דו צי דיין ברודער?

## דער דאָקטער איז שולדיק

– איך בין נעכטן געווען בא אונדזער דאָקטער, – רופט זיך אָן איין כעלעמער צום אנדערן. ער האָט מיך באַטראַכט, און מיר שטרענג פאַרבאָטן רויכערן און נעמען א גלעזל וויין...

– נארישער מענטש, וואָס דו ביסט! – האָט זיך אָנגערופן דער צווייטער – פאַרוואָס הערסטו אים און הייִלסט זיך ניט בא אן אנדער דאָקטער, וועלכער רעדט ניט אזעלכע נארישקייטן? – מאכט דער צווייטער.

## א גאָלדענע אייצע

א כעלעמער כאָכעם איז אמאָל געקומען אין באַלעט-טעאַטער. זעט ער, ווי די מוידן טאנצן, לויפן ארום איבער דער בינע אף די שפּיץ פינגער. רופט ער זיך אָן צו זיין שאָכן:

– לייזער, פאַרוואָס דינגט מען ניט צום באַלעט העכערע מיידלעך, וואָלטן זיי ניט געדאַרפט ארומלויפן אף די שפּיץ פינגער. סייאיז דאָך א גאַנצער ראַכמאָנעס אף זיי...

## אף א שפּאַציר

צוויי קליינקע כעלעמער מיידעלעך שפּאַצירן ארום אין א דאָרף. זיינען דורכגעגאַן צוויי פּעטע בעהיימעס, א ווייסע און א שווארצע.

– דו זעסט, פייגעלע, – רופט זיך אָן איין מיידעלע צו איר כאוורטע: – קוק זיך צו. איך וויל דו זאָלסט וויסן די ווייסע בעהיימע גיט מילך און די שווארצע גיט קאווע...

## אן איינפאל פון א זעלבסטמערדער

א כעלעמער ייד איז נימעס געוואָרן דאָס לעבן, און ער האָט כאשטימם שטארבן.

אוועקגעגאנגען אף דער באן – סטאנציע, האָט ער זיך אוועקגעלייגט אף די רעלסן און גענומען ווארטן ביז דער צוג וועט קומען.

אזוי ווי יענער האָט געוווסט, אז דער צוג האָט דאָ א מיעסע טייווע פארשפעטיקן אף אסאך שאָ, האָט דער פארשוין ארויסגעשלעפט פון זיין טאָרבע א שטיק ברויט און גענומען מיט גרויס געשמאק עסן.

גייט פארביי א שאָכן, דערזעט רעם לעץ ליגן אף די רעלסן, רופט ער זיך אָן צו אים:

– פעטער, וואָס ליגט איר אף די רעלסן, דער צוג וועט דאָך באלד אָנקו מען און איר וועט זיין אומגליקלעך...

– עט! – מאכט יענער, – זאָל עס טרעפן. מיר איז נימעס געוואָרן דאָס לעבן...

– פארוואָס זשע עסט איר ברויט?

– וואָס דען זאָל איך טאָן, – ביז דער צוג וועט קומען, קאָן איך, כאָלילע, שטארבן פון הונגער...

## לאָקשן

א כעלעמער כאָכעם האָט מען א מאָל געפרעגט:

– פאַרוואָס רופט מען לאָקשן מיטן נאָמען לאָקשן?

טיף זיך פארטראכט לאנגע עטלעכע ווײַלעס, האָט ער טיפזיניק געענטפערט:

– גאַנץ פּראָסט און פּאָשעט... לאנג זײַנען זיי, די לאָקשן, ווייך, ווייס און ביכלאַל זעען זיי אויס, ווי לאָקשן. פאַרוואָס זשע זאָל מען זיי טאקע ניט רופן – לאָקשן?

## אָפּגערעדט

צוויי כעלעמער כאַכאָמים האָבן אָפּגערעדט זיך טרעפן, קעדיי זיך דורכריידן.

– ווו באַגעגענען מיר זיך? – פרעגט איינער.

– ווו דו ווילסט...– ענטפערט דער צווייטער.

– און ווען? אין וועלכער צײַט?

– מיר איז אַלצ־אײנס...

– טאָ זע, זאָלסט קומען פּינקטלעך צו דער צײַט. הערסט?

– יאַ... האבן מיר זיך ציונוי פגערעדט...

## צו דער באָן

א כעלעמער כאָכעם האָט געאײַלט צו דער באַן, וואָס ווייט פון דער שטאָט. פאַרבייגייער האבן אים אָפּגעשטעלט, נאָכפרעגנדיק זיך בא אים:

– רעב עליע, וווהין יאָגט איר אזוי שנעל?

– איך אייל זיך באגעגענען מיין פאָטער, וואָס דאַרף מ אָ ר ג ן אָנקומען פון לאָדז...

– סטייטש, – האָט מען אים געפרעגט, דער פאָטער אייערער קומט דאָך מאָרגן, וואָס זשע איז אזוי די אײַלעניש היינט? איר האָט דאָך נאָך אזוי פיל צייט...

– מאָרגן, האָב איך מוירע, וועל איך קיין צייט נישט האָבן גיין אים באגעגענען, – האָט דערקלערט דער כעלעמער כאָכעם און זיך געלאָזט שנעלער לויפן צו דער באַן.

## אפן יאַריד

א כעלעמער כאָכעם האָט אוועקגעפירט אפן יאַריד זיין בעהיימע פאַרקויפן.

אָפּגעזוכט א ווינקל, ווו עס זיינען געשטאנען אנדערע הענדלער מיט פערד, ציגן און בעהיימעס, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסקוקן אף קוינים.

נאָר אזוי ווי עס קומט אים אָיס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאַרקויפן א בעהיימע, איז ער געשטאנען און קיינער האָט ניט איינגעהאנדלט זיין שטיקל סכוירע.

גייט צו אים צו א קינע, באטראכט די כייע און פרעגט אים, דעם באלעבאָס, דעם כעלמער כאָכעם:

– זאָג נאָר, פעטערל, פארקויפסטו א גוטע בעהיימע? זי גיט א סאך מילך?

דער כעלמער פארקרימט זיך, ווי ער זאָל איינשלינגען א זשאבע און טוט א מאך מיט דער האנט:

– עט... א גוטע בעהיימע... צאָרעס גיט זי, ניט קיין מילך – ענטפערט יענער כעלמער, – ווען עס איז א גוטע בעהיימע און גיט מילך, וואָלט איך זי דען פארקויפט?...

דער קינע דרייט זיך אויס און גייט ווייטער.

קומט אָן א צווייטער קינע, שטעלט זיך אָפּ, באטראכט די בעהיימע. דעם באלעבאָס און רופט זיך אָן:

– וויפל מילך גיט אייער בעהיימע?

– איך זאָל אזוי וויסן פון איר! – רופט זיך אָן דער באלעבאָס, – פרעסט ווי זעקס אָקסן, און מילך ניט זי אפן שפּיץ מעסער...דאָס וויל איך פון איר פּאָטער ווערן...אנדערש וואָלט איך זי געבראכט אהער פארקויפן?

דער הערט אזא לאָשן, האָט דער קינע א שפּיי געטאָן און אוועק ווייטער. אזוי איז ער געשטאנען, און קינים זיינען אָפּגעטראָטן פון אים.

דערהערט, ווי דער כעלעמער כאָכעם פארקויפט זיין בעהיימע, איז צו אים צוגעגאנגען זיינער א שאָכן, גענומען אין די הענט דעם נאַליהאטש און זאָגט יענעם:

– אנו, כאָכעם מײַנער, רוק זיך אָפּ אין א זײַט, און שטער מיר ניט פארקויפן דײַן בעהיימע, ווײַל איך זע, אז דו וועסט דאָ אָפּשטיין ביז נאכט און זי ניט פארקויפן. דו טרײַבסט בלויז אָפּ די קוינים.

– מאכעטײַסע, אויב דו ווילסט אזוי, זאָל זײַן אזוי... – מאכט יענער און טרעט אים אָפּ דאָס אָרט.

קומט צו א קוינע, באטראכט די בעהיימע און רופט זיך אָן:

– באַלעבאָס, פארקויפסט דײַן בעהיימע? א נישקאָשעדיקע, זי גיט אסאך מילך?

– דאָס איז, פעטער, ניט קיין בעהיימע, א גאנצע מאַלאָטשארניע! זי גיט אזויפיל מילך, אז איך ווייס ניט וווהין אהינטאָן די מילך. און עסן עסט זי אפּן שפּיץ מעסער. היינט איז דאָס ניט קיין מילך, נאָר הוילע סמעטענע. ווען איך פאָר ניט אריבער מיט מײַן ווײַב און קינדער קיין וואַרשע ווױנען, וואָלט איך די בעהיימע מײַנע פאר קיין מיליאָן זלאָטעס ניט פארקויפט. א בעהיימע איז דאָס? אן אנטיק! און אויצער...

דערהערט אזוינע דעבירים, האָט דער באַלעבאָס פון דער בעהיימע גענומען דעם שטריק אין האנט, אָפּגעשטויסן דעם שאָכן און געזאָגט:

– ניין, אזא גרויסארטיקע בעהיימע פארקויף איך ניט, זאָל זי שטיין בע מיר אין שטאַל און זאָלן מיר זיך מיט איר באנוצן געזונטערהייד.

און דער כעלעמער האָט זיך מיט זײַן בעהיימע געלאָזט גיין אהיים פונעס יאריד.

# א שיינער איינפאל

צוויי כעלעמער זיינען געלעגן אין שפּיטאָל, אין איין פאלאטע און ביידע האָבן זיך געקלאָגט אפן ווייטעק אין די פיס.

די דאָקטוירים האָבן גוט באטראכט די קראנקע און צוגעשריבן ביידע מאסאזשן אף די פיס.

איינער פון זיי האָט מוירעדיק געשריגן בייס מע האָט אים מאסאזשטיט דעם פוס, זיך מאמעש געריסן אף די גלייכע ווענט פאר ווייטעק און דער צווייטער, פארקערט איז געלעגן רויק, שטיל, אונטערגעשמייכלט, ווי ניט צו אים האט דער מאסאזש א שייכעס.

א מאָדנע געשיכטע, האָט זיך געטראכט דער, וואָס האָט געליטן מוירעדיקן ווייטעק און בעשאס דעם מאסאזש געגוואָלדעוועט, געשריגן, געוויינט.

– וואס איז דאָס פאר אן אומגליק, – האָט געפרעגט דער ערשטער, דער וואָס האָט געשריגן, – דערקלער מיר דעם סייכל, שאָכן מיינער, ערקלער מיר דעם געדאנק, וואָס דארף דאָס באדייטן, ווען מע מאכט דיר דעם מאסאזש, דער פעלדשער רייבט דיר דעם פוס, ליגסטו, ווי א קייסער און שמייכלסט נאָך אונטער, און ווען מע רייבט מיר דעם פיס, פיל איך, אז איך קום אום, איך שטארב אוועק א טויטער.

– ווער איז דיר שולדיק, – ענטפערט יענער, – ווער איז דיר שולדיק וואָס דו ביסט א בעהיימע בעצוראס פערדי? דו גיסט רייבן דעם קראנקן פוס און איך גיב אים רייבן דעם געזונטן פוס...

– אוי, וויבאלד אזוי ביסטו דאָך טאקע א כאָכעם! – האָט יענער אויסגעשריגן.

# א געלעכטער

א כעלעמער יונגערמאַן, א כאָכעם שפּאַנט איבער דער גאַס און לאַכט, ווערט שיר ניט צעשמאָלצן פון געלעכטער.

זיינען זיך צונויפגעלאָפן זיינע שכיינים און געבעטן ער זאָל דערציילן, וואָס איז ער אַזוי לעבעדיק, וואָס איז ער אַזוי פריילעך, וואָס איז געשען?

קוים איינגעהאַלטן דעם געלעכטער, זיך א ביסל באַרויקט, האָט ער אָנגעהויבן:

איך בין מיט מיין שאָכן זעליק דעם שניידער אוועקגעגאַן אפן יאַריד פאַרקויפן אונדזערע ציגן. נו, וואָס דאַרפן מיר זיי, אַז זיי געבן ניט קיין מילך, צוליב וואָס זשע דאַרפן מיר זיי האָבן? אף קאַפּאַרעס. האָבן מיר זיי אוועקגעפירט אפן יאַריד קעדיי פּאָטער ווערן פון זיי.

מיר זיינען אָפּגעשטאַנען מיט די באַשעפענישן א שיינע עטלעכע שאָ און פאַרקויפט אונדזערע ציגן. איר ווייסט דאָך, אַז אף א יאַריד געפינט זיך א קוינע אף יעדער שטיקל סכוירע.

האָבן מיר אויך געפינען קוינים, און פּאָטער! אויס! מיר האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. ווייל צוליב וואָס דאַרפן מיר האָבן ציגן, וואָס מעלקן זיך ניט, פרעסן און געבן ניט קיין מילעך?

אָפּגעלייזט דאָס ביסל געלט, נאָר איר ווייסט דאָך, אַז אף א יאַריד דאַרפמען זיין פאַרזיכטיק מיטן געלט. ווייל עס דרייען זיך דאָרטן אַרום גאַנאַווים, גאַזלאָנים, דער רועך ווייסט ווער, און איין מינוט קאָנסטו אָפּברענען און זיך אומקערן אַהיים מיטן בייטשל.

און וואָס מיינט איר, אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.
באַ זעליקן, דעם נאַר, האָבן די גאַנאָווים אַרויסגעשלעפּט דאָס אָפּגעלייזטע פאַר דער ציג געלט אין אַ האַלבער שאָ אַרום נאָך דעם, ווי ער האָט פאַרקויפט זיין ציג. און איך האָב די גאַנאָווים געפירט ביז פאַרנאַכט...

## אַן הארבע קאַשע

איבער כעלעם גייט אַרום אַ שטאַרק פאַרדייגעטער פאַרשוין און רעדט צו זיך אַליין.

– רעב ייד וואָס, האָט איר זיך אַזוי פאַרטראַכט? – שטעלט אים אָפּ אַ שאָכן, – וואָס איז באַ אייך געשען?

– איך טראַכט וועגן אַן איניען, וואָס איך קאָן זיך קיין אייצע ניט געבן.

– לעמאָשל?...

– לעמאָשל...איך טראַכט חעגן מיין יינגל, וואָס איז שוין קיינאיינהאָרע אַלט דאָס זעקסטע יאָר און איז נאָך ביז איצט אין די ביכער ניט פאַרשריבן. דאַרפמען אים פאַרשרייבן. ווייס איך אָבער ניט, וויאַזוי זאָל איך אים פאַרשרייבן מיט עטלעכע יאָר יינגער. ווי ער איז, האָב איך מוירע, טאָמער גיט מען אים אָפּ פאַר אַ סאָלדאַט, ווערט ער זיך אויסדינען אַן אַלטער באָכער, זאָל איך אים פאַרשרייבן מיט עטלעכע יאָר עלטער, ווערט אים אויסקומען גיין צום פּרייזיוו זייער יונג...ווייס איך טאַקע ניט, וואָס איך זאָל טאָן...

– עפשער וואָלט איר פאַרשריבן ניט עלטער, ניט יינגער, ווי ער איז, נאָר טאקע די עמעסע יאָרן זיינע?..

– אוי, ביסטו דאָך טאקע גערעכט! – האָט יענער זיך דערפרייט, – אף דעם, זעסטו, בין איך גאָר ניט געפאלן...

# הערשעלע
# אָסטראָפּאָליער

# הערשעלע אָסטראָפּאָליער

ביזן היינטיקן טאָג זיינען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן איך, נודניקעס, וועלכע גלויבן ניט, אז עס האָט געלעבט אף אונדזער ערד אזא פריילעכער מענטש, וואס האָט געטראָגן דעם גרויסאַרטיקן נאָמען – הערשעלע אָסטראָפּאָליער עפּשער דער פריילעכסטער ייד אף דער וועלט, א גרויסער לץ, א כאָכמאַטש, פּאָלקס – כאָכעם, וועלכער האָט געבראכט אסאך פרייד, שאַרפע וויצן, ווערטלעך, מייסעס, שפּריכווערטער, אפּאָריזמען, וואָס האָבן פארשאַפט די מענטשן אָן א ברעג פארגעניגן און אליין האָט ער פאר דעם געהאָט ניט וויניק צאָרעס און ווייטעקן, אליין דערפון באַקומען מאקעס, געהאקטע ווונדן.

די וועלט האָט געלאכט און ער, דער אומגליקלעכער לץ, האָט האָפט געוויינט, זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן.

אנדערע זאָגן, אז דאָס איז אן אויסגעטראכטע פּערזאָן, וועלכן מע האָט צוגעשריבן א יאָם מיט כאָכמעס, וויצן, שטיקלעך, מייסעס, ווייל עס איז, קלוימערשט נישטאָ אזא מענטש אף דער ערד, וואָס זאָל זיין מיט אַלע מיילעס – אף אלץ זיין פּייק, דער איקער – מאַכן דעם אוילעם לעבעדיק און פריילעך. גרינגער אף דער נעשאָמע. אזא מייסע! אָבער יענע, וואָס האָבן א גוטן זיקאָרן און געדענקען אסאך, דערציילן, אז הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געלעבט מיט זיי בישכיינעס, מע האָט אים געקענט אויסגעבודן, שטענדיק ווען מע האָט אים אין גאס באַגעגנט, האָט מען אים ארומגערינגלט, כאַגלייט און מיט פארגעניגן זיך צוגעהערט צו זיינע וויצן, מייסעס, זיך געהאלטן בא די זייטן פון פארגעניגן, געקייכט פון געלעכטער. ווייל דאָס

איז געווען איינער פון יענע מענטשן: – וואָס אף דער לינג, דאָס אף דער צונג!

עמעס, עס איז שוין אוועק א שיין ביסל יאָר זינט ער איז ארומגעגאנגען און ארומגעפאָרן איבער אָן א שיר שטעטלעך און יישוווים פון אונדזער וואָלינער און פּאָדאָליער ערד, און געפרייט זיינע ברידער און שוועסטער מיט זיינע שפּיצלעך, וויצן, כאָכמעס, ווערטלעך, מעמעש געקערט וועלטן און ניט געלאָזט דער אוילעם זאָל ארוגיין מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ. פאר מאָרעשכוירעדיקע, געפאלענע, אומעטיקע.

וויפל איז שוין אוועק זינט יענער צייט, ווען דער באַרימטער לעץ האָט געוועלטיקט, ווער איר געוויס פרעגן?

קימאט צוויי הונדערט יאָר. דאָס איז א ווײַלע אין פארגלייך מיט אונדזער פילדוירעסדיקער יידישער געשיכטע.

נאָר א מאָדנע זאך. צוויי הונדערט איז אויך ניט ווייניק, נאָר ערשעל אָסטראָפּאָליער ווערט ניט עלטער! ניט ווייניק געשווירענע שרייבער, וועלכע האָבן געלעבט מיט חערשעלען אין איין צייט, זיינען שוין לאנג פארגעסן געוואָרן, כאָטש זיי האָבן אָנגעשריבן א סאך ביכער, קיין זייכער איז פון זיי נישט פארבליבן און ער לעבט און אין פאָלק גייט ארום זיין לעבעדיק וואָרט, זיין עכטער געלעכטער, דער שטראלנדיקער, דער זויבערער. פון דאָר צו דאָר גייען איבער זיינע כאָכמעס, וויצן, ווערטלעך, איינפאלן. און זיי ווערן ניט אלט. זיי זיינען אלץ יונג און געניסן פון דער אייביקייט.

דער באַרימטער לעץ האָט קיינמאָל ניט גערוט – געמאכט פריילעך דעם פאָלק. ער איז טאָמיד געווען פארדייגעט. פארנומען. ער האָט אפילע וועגן זיך ניט באוויזן אָנשרייבן ווער איז ער און פונוואנען. וועגן זיך האָט ער זעלטן ווען דערציילט,

און קיינער ווייסט ניט ווען איז ער פּינקטלעך געבוירן, ווו און וואָס האָט ער איבערגעלעבט. מע ווייסט אפילו ניט זיין עמעסע פאמיליע, ווער זיינען געווען זיינע אָוועס. און אזוי ווי ער איז געבוירן געוואָרן אין א קליינינק שטעטעלע, וואס האָט געהייסן אָסטראָפּאָל, האָט מען אים גערופן אָסטראָפּאָליער. אזוי ווי מע האָט געוווסט, אז זיין אָרעמע מאמע האָט אים ליב געהאָט, ווי דאָס לעבן, האָט זי אים אָנגערופן – הערשעלע.

איז אוועק איבער דער וועלט: הערשעלע אָסטראָפּאָליער...

נאָך איין זאך ווייסט די וועלט, אז ניט ווייט פון אָסטראָפּאָליע שטייט אויך אן אוראלט שטעטל מיטן נאָמען מעדזשיבאָזש. דאָרטן האָט געוווינט א באַרימטער אין דער גאנצער וועלט צאדיק, פילאָזאָף, דענקער ייסראָעל באַל שעם טאָוו, אָדער פּאָשעט בעשט. און אזוי ווי הערשעלע איז געווען זיינער א גרויסער אָנהענגער, א כאָסיד און געשטרעבט צו אים, האָט ער געטראכט, אז ער וואָלט מיט פארגעניגן גענומען דאָס ווייב און קינדער און איבערגעפאָרן מיט האקל – באַקל קיין מערזשיבאָזש, קעדיי זיין נעענטער צום באַל שעם טאָוו. נאָר וויאזוי טוט מען עס?

דארף אזוי טרעפן, אז אין מעדזשיבאָזש זאָל וווינען א כאסידישער רעבע מיטן נאָמען רעב באָרעכל. דאָס איז געווען א א שרעקלעכער מאָרעשכוירעניק, אף זיין פּאָנעם האָט מען קיינמאָל ניט געזען קיין שמייכעלע. קיינער האָט דעם פארשויך ניט נעקאָנט צעלאכן, ארויספירן כאָטש אף א רעגע פון דער מארעשכוירע. האָט עמעצער געאייצעט, מע דארף צום רעבן ארויסרופן פון אָסטראָפּאָליע דעם לעץ הערשעלע אָסטראָפּאָליער און יענער וועט אים מאכן פריילעך, צווינגען לאכן.

און אזוי איז טאקע געווען. מע האָט אַראָפּגעבראַכט הערשעלען און ער איז געוואָרן אין רעבנס הויף, דער לעץ.

און מיטאמאָל איז געוואָרן פריילעך ניט נאָר אין הויף, נאָר אויך אין מעדזשיבאָזש.

דעריקער האָט הערשעלע געמאכט פריילעך דעם רעבן. יענער האָט אפילע ביסלעכווייז אנגעהויבן לאַכן, פאַרלירן זיין מאָרעשכוירע. נאָר אזוי איז געווען ביז א געוויסער צייט. קאַלזמאַן הערשעלע האָט אויס געלאַכט אנדערע, געשפּאַסט איבער פאַרשיידענע מענטשן, נאָר מיטאמאָל האָט הערשעלע זיך גענומען צום רעבן אַליין, צו באַרעכלען און גענומען איבער אים שפּאַסן, אויסלאַכן, דערלאַנגען מיט זיינע וויצן ביז דער זיבעטער ריפּ. ער איז יענעם דערגאַנגען די יאָר מיט זיין געלעכטער. און דער סאָף איז געווען א ביטערער.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט אזוי געשפּאַסט איבער זיין באַלעבאָס, אז יענער האָט ניט אויסגעהאַלטן און אין איינעם א פּרימאָרגן זיך אָרופּגעוואָרפן אף אים מיטן שטעקן, צענערעקט שטאַרק דעם לעץ, וואָס האָט אויס געטראַכט אפן רעבן ווילדע מייסעס, און יענער האָט מיט זיינע באַהעלפער אַראָפּגעוואָרפן דעם לעץ פון אַלע טרעפּ. מע האָט דעמלט הערשעלען קוים אָפּגעראַטעוועט פונעם טויט. א צעבראָכענער, א דערשלאָגענער איז ער לאַנג געלעגן און אינגיכן אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע.

אזוי האָט פאַרענדיקט זיין פריילעך לעבן הערשעלע אָסטראָפּאָליערבאַר זיינע כאָכמעס, וויצן, זיינע שפּיצלעך זיינען אייביק געבליבן לעבן. און דאָס פאָלק פאַרגעסט אים ניט, דאָס פאָלק פאַרגעסט ניט אָן אים און לאָזט ניט מע זאָל פאַרגעסן אים, הערשעלע אָסטרפּאָליערן.

אונדזערע ניט ווייטע אָוועס געדענקען אים נאָך זייער גוט. זיי געדענקען זייער גוט, ווי ער פֿלעג גאַנצע טעג פֿאַרברענגען אין הויז פֿונעם באַלשעמטאָוו, וועלכער האָט ליב געהאַט און הויך געשעצט דעם פֿריילעכן לעץ. און נאָך געדענקט מען די גרויסע לעווייע הערשעלעס, ווי די גאַנצע שטאָט און אַסאַך אוילאָם פֿון די אַרומיקע שטעטלעך האָבן אים באַגלייט אין זיין לעצטן וועג.

מע האָט אים מעקאַבער געווען אַפֿן אַלטן יידישן בייסאוילאָם, ניט ווייט פֿון דעם באַלשעמס קייווער. און מענטשן פֿון אַלע עקן ערד פֿלעגן קומען אַהער. צום הייליקן אָרט, וואָס געפֿינט זיך אַפֿן הויכן באַרג שיפּוי ווו עס שטייט שוין קנאַפּע טויזנט יאָר די אוראַלטע פֿעסטונג, דער באַרימטער שלאָס, וועלכער האָט פֿאַרקריצט אין זיין זיקאָרן און אויף זיינע גראָבע פֿעסטונג ווענט ניט וויניק מילכאָמעס. צו די צוויי הייליקע קוואָרים איז קיינמאָל ניט פֿאַרוואַקסן געוואָרן די סטעזשקעס מיט גראָז.

מענטשן זיינען געגאַן און געגאַן אָן אָפּשטעל. לעבן באַלשעמס מאַציייווע - הייל פֿלעג מען זיך פֿאַרהאַלטן לענגער מיט זייערע טפֿילעס און באַקאָשעס צו גאָט - דער באַלשעם, הייסט עס, זאָל בעטן באַם הייליקן. דאָ, אויף דעם בערגל ערד פֿלעג מען שטענדיק איבערלאָזן קוויטלען, ווו דער אוילעם האָט גאַשריבן באַלשעם, וואָס ער זאָל בעטן פֿאַר יעדן איינעם. פֿון דער מאַציייווע פֿלעג מען פֿאַרקערעווען צו הערשעלעס באַשיידענעם שטיין, ווו עס איז געווען אויסגעקריצט צוויי ווערטער: "הערשעלע אָסטראָפּאָליער". ווייל מער האָט מען וועגן דעם באַרימטן לעץ גאָרניט געוווסט. ניט וועגן זיינע יאָרן. ניט וועגן זיינע עלטערן און איבערלאָזן בינטלעך פֿרישע בלומען, שטייען מיט פֿאַרנויגטע קעפּ.

צייטן זיינען געקומען נרויזאמע אהער האָבן זיך אריינגעריסן רייטשישע טאליאַנים, פאַרטריבן קינד און קייט. אַלע יידן אין געטאָ און שפּעטער אַלע יידן אוועקגעטריבן צו די גריבער, וואָס ניט ווייט פון מעדזשיבאָזש און אכזאָריעסדיק אַלעמען צעשאָסן. אבער אויך טויטע האָבן די הענקער אופגעטאָרעט פון זייער אייביקער רו. זיי זיינען געקומען אפן בייסוילאָם צעוואָרפן די קוואָרים, צעקלאָפּט די מאַצייוועס און אופגערודערט די ערד. די הייליקע שטיינער האָבן זיי ארויסגעפירט ברוקירן, מאָסטען די וועגן, בויען פאַרפעסטיקונגען. עס זיינען איבערגעבליבן אָן א שיר כערגלעך, פאַרוואַקסענע מיט אָסאָקע און ווילדגראָזן. אנשטאָט הייליקע קוואָרים צעמאָזיקטע, צעקלאָפּטע שטיינער, אנשטאָט מאַצייוועס מיט מענורעס און מאָגנדאָווידן.

די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט, און לויט א נעס לעבנגעבליבענע עטלעכע מעדזשיבאָזשער געקומען אף קייוועראָוועס און געטראָפן ניט קיין אמאָל לעבעדיק און פריילעך שטעטל, נאָר רוינעס...די גריבער, ווו עס זיינען צעשאָסן געוואָרן אכזאָריעסדיק דאָס גאנצע שטעטל - קינד און קייט, די אופגערודערטע ערד פונעם אלטן בייסוילעם ניט ווייט פון דער אוראלטער פעסטונג, פון רעם באַרימטן מעדזשיבאָזשער שלאָס...

איצט וועט אייך שוין קיינער ניט קענען דערציילן, וואָס פאַר א הייליקע נעשאָמעס זיינען געקומען אהער, אפן צערוינירטן אלטן בייסוילאָם און אופגעשטעלט צוויי מאַצייוועס, ניט ווייט איינע פון דער אנדערער: די מאַצייווע אפן קייווער פונעם גרויסן באַלשעמטאָוו און די מאַצייווע פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער...

צו איינעם טראָגט מען נאָך ביז איצט קוויטלעך, ווו מע ווענדעט זיך דורכן באַלשעמסטאָוו צום אייבערשטן ווענגן הילף.
דעם צווייטן – הערשעלען – טראָגט מען לעבעדיקע בלומען, וועלכע ווערן קיינמאָל ניט פאַרוועלקט. בלומען, ווי אַ סימען, אַז הערשעלע אָסטראָפּאָליער לעבט און עס לעבט זיין וואָרט, זיין וויץ, זיין כאָכמע, זיין פרייד... זיין לויטערער הומאָר, וואָס איר קאָנט הערן שטענדיק, ווען עס קומען זיך צונויף פאָלקס – מענטשן...

## אַ באַגעגעניש מיט אַ פּאָרעץ

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געגאַן מיטן מעדזשיבאָזשער שליאַך. פּלוצים איז אָנגעפאָרן אַ גרויסאַרטיקע קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי פּאָר פערד.

דערזען די קאַרעטע, איז הערשעלע אָפּגעגאַן אין אַ זייט, נאָר דאָס היטל פאַרן פּאָרעץ, וואָס איז דאָרטן געזעסן, האָט ער ניט אַראָפּגענומען.

יענעם האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף הערשעלען מיט פּאָר גאַזלאָנישע אויגן און אַ פרעג געטאָן:
– פון וואַנען ביסטו?

– פון וואַנען איך בין? – האָט רויק געזאָגט הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – איך בין פון מעדזשיבאָזש...

און דאָס היטל פאַרן פּאָרעץ אַלץ ניט אַראָפּגענומען.

דער פּאָרעץ איז אינגאַנצן אויפגעזאָטן געוואָרן, בייז, רויט, ווי אַ בורעק. און זיך נאָך שטאַרקער צעשריגן:
– אַ שאַפּקאַ! דאָס היטל!...

– א שאַפּקאַ?.. דאָס היטל? – פרעגט איבער הערשעלע
אָסטראָפּאָליער –

– שאַפּקאַ, דאָס היטל, איז אויך פון מעדזשיבאָזש... – האָט געענטפערט דער לעץ און, ווי עס וואָלט גאַרניט געשען, זיך געלאָזט גיין אין זיין וועג.

## באַרזיקט דעם רעבן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אַריינגעגאַנגען שאַבעס צום רעבן און זיך אָוועקגעשטעלט באַם פענצטער, פון וואַנען מע האָט געזען דעם טייך.

פלוצים פרעגט הערשעלע:
– רעבע, זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, אַז מע זעט שאַבעס, ווי אַ קו טרינקט זיך אין טייך, מעג מען לויפן זי ראַטעווען?

– וואָס הייסט? – טוט זיך אַ קרום דער רעבע, עס איז דאָך שאַבעס... מע טאָר ניט בעשום אויפן!..וואָס זשע, דו פאַרשטייסט אַליין ניט? וואָס קוקסטו דאָרטן אין פענצטער, וואָס זעסטו דאָרטן?

– אַ קו איז אַריין אין טייך און טרינקט זיך...

– מיילע נו,... – טוט אַ מאַך מיט דער האַנט דער רעבע, – דאָס איז איר דייגע, זאָל זי ניט קריכן אַהין, ווו מע דאַרף ניט...

– אַ ראַכמאָנעס, רעבע, – זעצט פאָר הערשעלע. – אַ צאַרבאַלעכייִים...

– נו, וואָס קאָן מען מאַכן...וואָס קאָן מען דאָ העלפן?

– אוי, מע זעט שוין ניט אָן די קו...זי איז, נעבעך, שוין דערטרונקען געוואָרן...א שאָד, א טייערע בעהיימע...

– הערשעלע, וואָס איז, וואָס באַווײַנסטו זי אַזוי?

– איך האָב מוירע, אייך וועט עס שטאַרק באַנק טאָן...

– פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

– ווייל די קו איז, דאַכט מיר, אייערע...

## א ווייב אַן אייסבערגענערן

– הערשעלע, מע זאָגט, אַז מיט דיין ווייב איז בא דיר ניט אַנבעסטן?

– יאָ, איך האָב מוירע, אַז עס וועט דערגיין צו א געט...

– וואָס הייסט? דיין ווייב איז דאָך א שטילע, א גאָלדענע נעשאָמע...

– יאָ, נאָר זי איז א גרויסע אייסבערגענערן...

– וואָס הייסט?

– דאָס הייסט...– ענטפערט הערשעלע, – פאַר איין פרימאָרגן קאָן זי זיך פאַרגינען אַייסצובערגעגען אַזויפיל קלאָלעס, וואָס פאַר אַן אַנדערער וואָלטן זיי געקענט קלעקן אויף א גאַנץ כיילעכדיק יאָר..

## א גלעזל טיי

– הערשעלע, א גלעזל טיי ווילסטו עפשער טרינקען?

– געוויס, אוואַדע. נאָר אַ קראַנקן פרעגט מען, א געזונטן גיט מען...– ענטפערט דער לץ און זעצט זיך באַם טיש, אריינקוקנדיק אין אויון, עפשער וועט די באַלעבאָסטע אים געבן וואַרמעס.

## קאָטלעטן

– הערשעלע, ווילסט עסן נעכטיקע קאָטלעטן?

– מיט גרויס פאַרגעניגן, פאַרוואָס זשע ניט?

– נו, אויב אזוי ווילסטו זיך מאַטריעך זיין אריינקומען מאָרגן...

## מענטשן רעדן

– הערשעלע, מע זאָגט, אז דו גלויבסט ניט אין גאָט?

– וואָס? ווער זאָגט?

– מענטשן ריידן...

– זאָלן זיי ריידן פון היינט! וואָס דאַרפסטו הערן, וואָס מענטשן זאָגן, פרעג בא אים, באַם רעבוינעשעלוילאָם, וועט ער דיר זאָגן דעם עמעס.

## ווי גייען הערשעלעס געשעפטן

נאָך דעם, ווי הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט אָפּגעהאַרבעט א לענגערע צייט אינעם רעבנס הויף, האָבן אים, הערשעלען, געפרעגט זיינע שכנים.

– נו, הערשעלע, וואָזוי גייען בא דיר דאָרטן דיינע געשעפטן?

– נישקאָשע...– האָט געענטפערט דער לעץ. – אלץ איז גוט, כוץ איין זאך וואס שטערט.

– לעמאָשל?

– ווען מיר ראמען אויף אין שטוב, קלאָפּן מיר זיך אויס איינער דעם אנדערן די קאַפּאָטעס, טרעפן קליינינקע אומאנגענעמלעכקייטן...

– לעמאָשל?

– איך קלאפּ אויס מיט א שטעקן דעם רעבנס קאַפּאָטע, ווען זי הענגט אף א פּלויט... ער, פאַרקערט, קלאפּט אויס מיט דעם זעלבן שטעקן מיין קאַפּאָטע ווען זי הענגט אף מיינע פּלייצעס...

## דעריקער פאַר א באַלעגאָלע איז א בייטש

ווען דער דאַלעס האָט הערשעלען צוגעדרוקט אזוי, אז אין שטוב איז שוין ניט געווען קיין טרוקן שטיקל ברויט, האָט ער בא א שאָכן אנטליגן א בייטש, איז אַרויסגעגאַן אין מארק, און גענומען שרייען, מאכענדיק אינדערלופטן מיט דער בייטש:

– ווער דאַרף פאָרן קיין דעראַזשנע, גיכער, קומט מיט מיר! איך פיר קיין דעראַזשנע! איך פיר האלב אומזיסט, וואָלוול!

מיידעלעך, ווייבעלעך, גיכער קומט מיט מיר! איך פיר קיין דעראזשנע. גיך און וואָלוול!...

א גאנצע כאפּטע פּאָסאַזשירן האָבן ארומגערינגלט דעם לעץ, אויסגעלייגט דאָס ביסל גראָשנ, און ער האָט זיך געלאָזט מיט די אופגעלעבטע פּארשוינען צו דער בריק.

געמיינט, אז דאַרטן, פון יענער זייך שטעטל שטייט זיין וואָגן מיט די פערד, איז מען געגאנגען נאָך אים, קעדיי פּארכאפּן א בעסער אָרט אף זיין וואָגן.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער שפּאנט און פּאָכעט מיט דער בייטש אינדערלופטן און זיינע פּארשוינען גייען נאָך אים.

מע איז אריבער די בריק, אָפּגעגאנגען א שטיק וועג מיטן פעלד נאָר מע זעט ניט נאָענט ניט קיין וואָגן, ניט קיין פערד.

– היי, הערשעלע, ווילסט אונדז פירן קיין דעראזשנע צופוס? ווו איז דיין פור מיט די פערד?

– דער וואָגן מיט די פערד? – האָט הערשעלע א קנייטש געטאָן מיט די אקסל, – ווער האָט אייך געזאָגט, אז איך האָב א וואָגן? און וואָס שייעך פערד, טאָ אָט גייען זיי נאָך מיר. איך האָב אייך געוואָלט דערוויזן, אז דעריקער פאר א באלעגאָלע איז א בייטש. פערד וועט ער טאָמיד זיך אויסזוכן...

## צוגאסט בא ראָטשילדן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט געלעבט אין גרויסע דאכקעס, זיך געמוטשעט ווי אפן טויט און פארשטאנען, אז בא דעם רעבן אין הויף וועט ער קיין גרויסע גליקן ניט האָבן.

איז ער אין א שיינעם פרימארגן אוועקגעגאַן צו ראָטשילדן, זיך גוט אנגעמוטשעט ביז יענער האָט אים ארופגעלאָזט אף דער שוועל און זאָגט אים:

– פאניע ראָטשילד, איך האָב געהערט זאָגן, אז איך בין אייערער א ווייטער ווייטער קאָרעוו. נאָך האָב איך געהערט אז איר זיינט רייך, ווי קורעך. איר זיינט, קיינאיינהאָרע, אָנגעשטאָפּט מיט גאָלד און ברוליאנטן, טאָ ווי פאסט עס, אז איך זאָל זיין אָרעם, ווי דער טויט, זיין א קאבצן אין זיבן פאָלעס, אויסגיין פון הונגער דריי מאָל א טאָג, כרוץ וועטשערע. וויל איך אייך בעטן איר זאָלט מיר געבן באַ זיך עפעס אַן ארבעט, איך זאָל פארדינען אפן שטיקל ברויט פאר מיין ווייב און קינדער.

ראָטשילד האָט מיט ביטל באטראכט זיין קאָרעוו און לייגט אים פאָר עטלעכע ארבעטן, עטלעכע שטעלעס.

הערשעלע דרייט מיטן קאָפּ און ענטפערט: צו דער ארבעט טויג ער זיך ניט אויס און די ארבעט איז ניט פאר אים, דאָס קען ער ניט, און יענץ ווייסט ער ניט...

צו וואָס זשע טויגט איר יאָ? – פרעגט ראָטשילד, – וואָס וואָלט איר באַ מיר געקאָנט טאָן?

– איך ווייס, כייזאָל אזוי ניט וויסן פון קיין בייזער וועטשערע. – ענטפערט ניט זיכער הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – אזוי ווי איך האָב געהערט זאָגן אז איר האָט אין אסאך ערטער געשעפטן, קיינאיינהאָרע, און איך, זאָגט די וועלט, בין א ייד מיט סייכל, וואָלט איך אייך געקאָנט געבן אייצעס צו אייערע געשעפטן.

– אָ, דאָס איז גוט! אויסערגעוויינ לעך! – האָט זיך צעלאכט ראָטשילד, – אויב איר זיינט א גרויסער אייצע – געבער, איז עפשער וואָלט איר מיר געקאָנט געבן די ערשטע אייצע...ווי ווער איך פּאָטער פון אייך?...

## באָם רעבן

צום רעבן איז געקומען צולויפן אן עלטערע יידענע מיט א געוויין, מיט א געיאָמער:

– רעבע, וואָס זאָל איך טאָן, העלפט מיר. אן אומגליק האָט מיך געטראָפן. מיין מאן, א געליימעניש אין אים, איז אוועקגעפאָרן אף עטלעכע טעג, און עס איז שוין אוועק א כוידעש צייט, ווי ער דערלעבט ניט זיך אומקערן.

דער רעבע זיצט איבער א סייפער, שאָקלט זיך, און אין עטלעכע מינוט ארום, טוט ער א זאָג:

– גיי אהיים, מיין טאָכטער. זאָרג זיך ניט. ווארט אין צוויי וואָכן ארום וועט ער, מירצהאשעם, צו דיר קומען...

א דערהויבענע, א צופרידענע לאָזט זי זיך צו דער טיר, לעבן וועלכער עס איז געשטאנען הערשעלע אָסטראָפּאָליער.

א דריי געטאָן מיטן קאָפּ, האָט ער געזאָגט צווישן די ציין:

– ניין, ער וועט ניט קומען, אייער מאן...

עס איז אוועק צוויי וואָכן און זי קומט ווידער צום רעבן מיט א געוויין:

– רעבע, ער איז ניט געקומען, א בראָך אין אים!

דער רעבע קען זיך אלץ ניט אָפּרייסן פונעם סייפער, שאָקלט זיך:

– גיי געזונטערהייד, מיין טאָכטער, זאָרג זיך ניט. אין צען טעג ארום וועט ער זיך צו דיר אומקערן...

ווידער גייט זי צו דער טיר א צופרידענע און בא דער טיר טרעפט זי הערשעלען. יענער קוקט אף איר און שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ:
– ניין...ער וועט זיך ניט אומקערן...

עס איז אוועק נאָך א פּאָר וואָכן און יענער קערט זיך ניט אום.

איצט איז די יידענע געקומען צולויפן און אויסגעגאָסן פאַרן רעבן דאָס גאַנצע ביטערע האַרץ.

– וואָס פאַר א רעבע זיינט איר? א לעמעשקע!...איר ווייסט מער פון א טויטן. אייער שאַמעס, וואָס שטייט בא דער טיר, ווייסט בעסער פון אייך. דריי מאָל האָט איר מיר אונטערגעזאָגט, אַז דער מאַן מיינער וועט זיך אום קערן און עס הייבט זיך ניט אָן! און אייער באַהעלפער זאָגט, אַז ער וועט זיך ניט אומקערן, בלייבט עס אַזוי, ווי ער זאָגט. וואָס זשע הייסט דאָס? ווער דשע פאַרשטייט מער–איר צי אייער באַדינער, אייער שאַמעס?

ווען די קליפּע איז אוועקגעגאַן, האָט דער רעבע צוגערופן הערשעלען אים געמאַכט א שיינעם פעטשאַטעק, אָנגעשריגן אף אים און געפרעגט:
– וואָס פראָוועסטע מעשוגענע שטיק? פאַרשמירסט מיר דאָס פּאָנעם. ווי איז דער סאָדר? איך זאָג איר איינס און דו זאָגסט גאָר אַנדערש, און עס באַקומט זיך, אַז דו ביסט גערעכט, ניט איך...

– רעבע, בייזערט זיך ניט אף מיר, – זאָגט הערשעלע, – וועל איך אייך באַלד דערקלערן אַלץ, פאַרוואָס עס באַקומט זיך אַזוי

– נו, נו, דערקלער מיר טאַקע דעם געדאַנק...

– אַז איר, רעבע, זאָגט איר, אַז איר מאַן וועט זיך אומקערן צו איר, קוקט איר ניט אף איר, נאָר אין סייפער קוקט איר. און איך קוק אף איר, אף דער קליפּע...

# הערשעלע געפינט זיך אין אייצע

הערשעלע אַסטראָפּאַליער איז, נעבעך, שטענדיק געווען געהענגט אין א גראָשן. ער האָט זיך שוין בא אלעמען אָנגעבאָרגט און ווי מע זאָגט עס, די האָר זיינען שוין געווען ניט זיינע.

אז אין שטוב איז שוין ניט געווען פאַרוואָס קויפן א שטיקל ברויט און עס איז שוין ניט געווען בא וועמען עפּעס אנטלייען, איז ער אוועקגע לאָפן צו דער כעוורע -קאַדישע, געמאכט א ווייטיק - פּאָנעם און געזאָגט, אז דאָס ווייב איז בא אים געשטאָרבן און ער פארמאָגט ניט קיין גראָשן אויף די באַערדיקן.

דער גאַבע האָט אים אויסגעדריקט מיטגעפיל און געגעבן עטלעכע רובל.

אין עטלעכע שאָ ארום זיינען געקומען עטלעכע באַגרעבער צו הערשעלען אין שטוב, לאָזט זיך אויס, אז זיין ווייב שטייט באַם אויוון א לעבעדיקע און קאָכט וואַרמעס.

זיינען זיי געבליבן שטיין געפּלעפּט.

- סטייטש, הערשל, וואָס איז דאָס פאַר א מייסע? - ווי קומט צו אייך אזוי מיעס אונדז אָפּנאַרן?

- שאַ, שאַ, שרייט ניט! - מאַכט הערשעלע. - איר האָט מוירע. אז זי וועט זיך פון אייערע חענט אויסדרייען. גלויבט מיר, אז פריער אָדער שפּעטער וועט זי סאַפּקאַלסאָף זיין אייערע...

## הערשעלע האָט געבראַכט א גאַסט

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט כאַגעגנט אין גאַס אן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס, אן הונגעריקן און אומגליקלעכן. האָט ער באַטראַכט, אז אף אזא פאַרשוין דאַרף מען ראַכמאָנעס האָבן, אַריינרופן אין שטוב, אָנהאָדעווען און באַלייגן שלאָפן.

געבראַכט דעם אוירעך אהיים, איז הערשעלעס ווייב אָנגעפאַלן אפן מאַן:

– קאַפּצן איינער! דו האָסט אַליין ניט קיין ביסן ברויט אין שטוב. ברענגסטו מיר נאָך געסט דו טראַכסט כאָטש, וואָס דו טוסט? נאָר אָכרים. געסט פעלן מיר היינט אויס...

צום ערשטן האָט זיך הערשל א ביסל פאַרלוירן, נאָר גלייך איז ער צוגעגאַנגען צום גאַסט און זיך אָנגערופן:

– איי, פּעטער, הערט זי ניט! זאָל זי שרייען, וויפל איר הארץ גלוסט און איר טוט זיך אַיערס. נעמט אייער קלומעקל צוקאָפּנס. אָט זעט איר אָ באַנק, לייגט זיך אוועק און שלאָפט אייך געזונטערהייד. שלאָפט געשטאַק און האָט האנאָע פונעם לעבן...

– א שיינעם דאַנק פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט... – האָט געזאָגט דער גאַסט און א הונגעריקער זיך אויסגעצויגן אף דער באַנק.

## וויפל קאָסט א קרענק

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט באַגעגנט א שאָכן, וועלכן ער האָט שוין א לענגערע צייט ניט געזען און פרעגט אים:

– רעב שלוימע, ווו זיינט איר געווען, וואָס מען האָט אייך דאָ ניט געזען?

– אוי, הערשעלע, פרעג ניט! איך בין געווען אין אדעס און דאָרטן קראַנק געוואָרן. צוויי כאַדאָשים האָב איך דאָרטן געקרענקט און עס האָט מיך אָפּגעקאָסט א כעזשבן פון צוויי הונדערט קארבן...

– אזוי גאָר? – האָט זיך פארוואונדערט דער לעץ. – בא אונדז אין מעדזשיבאָזש וואָלט איר פאר אזויפיל געלט געקענט קרענקען צוויי יאָר...

## קום מאָרגן, אָדער איבערמאָרגן

הערשעלע אָטסראָפּאָליער איז אריינגעקקומען צו א שכיינע און געמיינט אז ער וועט בא איר קענען איבערבייסן, ווייל ער איז געווען שטארק הונגעריק, ווי געוויינלעך.

זיצט ער פארזאָרגט און ווארט א האַלבע שאָ, א שאָ און – א נעכטיקער טאָג, מע הערט ניט, זי זאָל אים עפּעס פאָרלייגן.

צום סאָף רופט זי זיך אָן צום לעץ:

– הערשעלע, איך זע, אז דו ביסט הונגעריק. עפשער ווסטו עסן נעכטיקע קאָטליעטן?

– מיט גרויס פארגעניגן, פארוואָס ניט – צעשיינט זיך דער לעץ, – אפילע נעכטיקע און איינעכטיקע קאָן איך עסן...

– נו, זייער גוט, האָט זי געזאָגט, – וויבאלד אזוי זאָלסטו זיך מאטריעד זיין אריינקומען צו מיר מאָרגן אָדער איבערמאָרגן...

## דאָס ווייב איר זייער

– הערשעלע, מיר האָבן געהערט זאָגן, אז דייך פּלוינעסטע איז זייער און זייער...עס איז עמעס?

– וואָס רעדט איר – ענטפערט דער לעץ, – זייער און זייער איז זי גראָדע דעמלט, ווען זי איז געזונט...

## אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס

א קליינשטעטלדיקער יונגערמאַן איז געקומען אהיים פון אָדעס און קייכט פון געלערטער, פּלאַצט שיר ניט.

– וואָס איז אַף דיר אזוי אָנגעפאַלן די גדולע? – שטעלט אים אָפּ הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – צי דער נאַר טרייבט דיך אונטער, צי וואָס?

– אוי, הערשעלע, הערשעלע, פרעגט ניט. – לאַכט יענער נאָך שטאַרקער. – איך האָב אָפּגענאַרט גאַנץ אָדעס...

– וויאזוי האָסטן אָפּגענאַרט אָדעס?

– אוי. פרעג בעסער ניט! – מאַכט יענער, – איך האָב זיי געזאָגט, אז איך הייס שמערל, נאָר די גאַנצע וועלט ווייסט, אז אינדערעמעסן רופט מען מיך בערל...

## א יאַרמעלקע

מע האָט געפרעגט הערשעלען:
– זאָג נאָר, הערשעלע, פון וואַנען איז דאָס באַוווסט, אז אַווראָם אָווינו האָט געטראָגן א יאַרמאָלקע?

ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, האָט דער לעץ געענטפערט:

– וואָס הייסט, ווי האָט עס געקאָנט זיין אנדערש? אוודאָאָם האָט געקאָנט אַרויסגיין אין שטאָט אָן א יאַרמאָלקע, עס וואלט אים דאָך געווען א ביזויען פאַר גאָט גיין אָן א יאַרמאָלקע...

## גאַנאָוויםאין שטוב

שפעט באַנאַכט האָבן זיך צו הערשעלען אין שטוב אַריינגעגאַנוועט צוויי גאַנאָווים און שטילערהייד גענומען זוכן, וואָס מע קאָן מיט זיך פאַרכאַפּן.

זיי זוכן אין אַלע ווינקעלעך, נאָר קאָנען גאָרניט געפינען.

אין דער צייט האָט זיך אופגעכאַפּט פונעם שלאָף הערשעלעס ווייב, און דערזען די גאַנאָווים, איז זי דערציטערט געוואָרן. שטילערהייד הייבט זי אָן וועקן דעם מאַן:

– הערשעלע, דו זעסט, דאַכט זיך, גאַנאָווים דרייען זיך אַרום אין שטוב.

– שטילער, – שעפּטשעט ער צו דעם ווייב, – שטילער. איך הער, איך שלאָף ניט. איך זע אַלץ, נאָר שווייג, מיין טייערע. דאָס פּאָנעם ברענט אף מיר פון ביזויען, וואָס די כעוורע האָבן בא אונדז ניט וואָס צו נעמען...

## צוגאַסט בא א רייכן באַלעבאָס

א רייכער און זייער קאַרגער באַלעבאָס האָט גערופן הערשעלען צוגאַסט אף וואַרמעס. צוליב דעם גאַסט און

צוליב אזא גרויסן יאָמטעוו, האָט יענער געשטעלט צום טיש געשמאַקע מייכאָלים, קוילעטש, געפילטע פיש און אַנדערע זאַכן.

דער אויסגעהונגערטער לעץ האָט זיך גלייך אַרופגעוואָרפן אַף דעם קוילעטש, אַף די פיש, און דער באַלעבאָס ווייסט ניט, וויאַזוי אים אָפּרייסן פון די געשמאַקע זאַכן:

– עס, עס, הערשעלע, געזונטערהייד, און זאָל דיר ווויל באַקומען! – נאָר לעבן דיר ליגט גוטער רעטעך, קעז, קאָרנברויט, – זאָגט דער באַלעבאָס מיט א ציטערנדיקער שטים, – דער קוילעטש און די פיש קאָסטן זייער טייער... שטאַרק טייער קאָסטן זיי... דו פאַרשטייסט, הערשעלע?

– יאָ, איך פאַרשטיי... – זאָגט דער לעץ, רייבנדיק אַף ביידע באַקן, – נאָר עס איז טאַקע ווערט, ווי איר זעט מיך לעבן...

און דער באַלעבאָס, דער קאַרגער, קוקנדיק, ווי זיין גאַסט רייבט, איז שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס.

## א שאַפּע

א שאַכן איז אַריינגעקומען צו הערשעלען און זאָגט אים:

– הערשעלע, עפּשער וועסטו קויפן בא מיר א שאַפּע, אַן אָנטאָן – שאַפּע. איך וועל זי דיר פאַרקויפן זייער וואָלוול.

הערשעלע האָט זיך פאַרוווּנדערט אָנגערופן:

– צו וואָס פאַר א טייוול דאַרף איך האָבן אייער שאַפּע?

– וואָס הייסט, – פרעגט יענער, – ווי קאָן מען זיך באַגיין אָן א שאַפּע, אָן א שראַנק?

און וואָס וועל איך מיט אים טאָן?

– וועסט דאָרטן האלטן דיין אָנטאָן.

– וואָס, איך וועל דאָרטן האלטן מיין אָנטאָן? – האָט געמאכט גרויסע אויגן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – און אליין וועל איך גיין נאקעט?...

## הערשעלע בריט זיך א שטוב

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געקומען אין שיל און זיך געווענדעט צו עטלעכע באלעבאטים זיי זאָלן אים אנטלייען א הונדערטער.

– וואס דארפסו האָבן אזויפיל געלט? – האָט מען מיט מאָדנע אוינן אָנגעקוקט דעם לעץ.

– איך פארשטייט, – האָט ער געזאָגט, – איך בריע זיך א שטוב, פעלט מיר אויס א קלייניקייט איך זאָל זי ענדיקן. איך דארף דעם הונדערטער אף א דאך...

– וואָס דרייסטו אונדז א מויעך, – האָבן די באלעבאטים זיך געכאפט, – וואָס פאר א שטוב בריעסטו? וואָס פאר א דאך?

– כאפט ניט די פיש פאר די לאָקשן! – רופט זיך אָן הערשעלע –באלד וועל איך אייך דערקלערן. וויאזוי איך בוי זיך א שטוב. איך האָב א ווייב, וואָס קאָן צונויפירן א וואנט מיט א וואנט, האָט איר שוין ווענט. דערצו נאָך האָב איך דריי טעכטער, וואָס מע דארף זיי כאסענע מאכן און פארמאָג ניט קיין לעבעדיקן גראָשן, קעדיי זיי געבן נאדן, ליג איך מיט די טעכטער ניין היילן אינדערערד, האָט איר שוין א פונאמענט.

איצט ווען איר גיט מיר נאָך א הונדערטער אף א דאך, וואָלט איך געהאַט אן אייגענע שטוב ...

## זוכט ניט קיין נייעם שאָכן

הערשעלע אָסטראָפּאַליער האָט געווױנט בא א קאַרגן, בײזן באַלעבאָס און, פאַרשטײט זיך, ניט געהאַט פאַר וואָס צו צאָלן אים דירעגעלט.

צײַט איז געגאַן, און דער לעץ האָט ניט געצאָלט און ניט געטראַכט צאָלן.

דער באַלעבאָס האָט זיך מיט אים האָפּט געקריגט, געדראָט, אַז ער וועט אים אַרויסוואַרפן און אָפּזוכן א נייעם שאָכן, וואָס וועט צאָלן דירעגעלט.

– דאָס וועט זיין א נערישקייט פון אייער זייט, – האָט אים געזאָגט הערשעלע, איר דאַרפט אזא נאַרישקייט ניט טאָן...

– פאַרוואָס? דו צאָלסט דאָך ניט קיין דירעגעלט!..

– אַז איך צאָל ניט, דאָס ווייסט איר שוין פון לאַנג, באַלעבאָס. און איר זיינט רויִק, אַז איך וועל אייך ניט צאָלן, ווייל איך האָב ניט פון וואָס. אַז איר וועט נעמען אַן אַנדער שאָכן, וועט אייך אַרויסקומען זיך ברעכן דעם קאָפּ, צי וועט דער נייער אייך צאָלן אָדער ניט צאָלן. און אַז איך וועל ניט צאָלן, דאָס ווייסט איר שוין גוט. איז צו וואָס זאָלט איר זיך ברעכן דעם קאָפּ?

# הערשעלע שלאָפֿט אויפֿן אויוון

אין איינעם אַ ווינטער – פרימאָרגן איז אונדזער הערשעלע אַסטראָפּאָליער אַרויסגעגאַנגען אין מאַרק, אויסגעזוכט אַ פּוסטן שטיקל פּלאַץ און זיך אוועקגעשטעלט מיט זיין שטעקן עפּעס אויסמעסטן.

געענדיקט דאָס שטיקל אַרבעט, האָט הערשעלע זיך אַנקגעלייגט אויפֿן שניי. דער אוילעם האָט אים אַרומגערינגלט, באַטראַכט און זיך געוווּנדערט, וואָס הייסט דאָס, ליגן אויפֿן שניי?!

– הערשעלע, וואָס טוסטו, גאַזלען – האָבן די מענטשן זיך צו אים געווענדעט. – ווערסט זיך, כאָלילע צוקילן און אַריינכאַפּן אַ טשעכאָטקע. נאָר דאָס פֿעלט דיר אויס. טיפּעש?!

הערשעלע האָט באַטראַכט דעם אוילעם, אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט:

– פֿאַרוואָס מיינט איר, אַז איך בין אַ טיפּעש? דאָס האָב איך באַטראַכט אויף דעם אָרט זיך שטעלן אַ שטיבל, ווען איך וועל רייך ווערן און קריגן אַ ביסל געלט. דערווייל, ווי איר זעט, האָב איך אויסגעמאָסטן און אויסגעפּלאַנעוועט דאָס אָרט, ווו עס חעלן זיין די צימערן, די קיך. איז אָט גראַדע אויף דעם אָרט ווו איך האָב זיך צוגעשפּאַרט אָפּרוען, איז פֿאַרפּלאַנירט מיין קיך און דער אויוון...ליג איך איצט אויפֿן אויוון...

– אינעם שניי? – האָבן זיך מענטשן דערשראָקן.

– איר מעגט מיר גלייבן, אַז באַ מיר אין דער היים, אויפֿן אויוון איז אַזוי קאַלט, ווי דאָ, אינעם שניי...נישטאָ מיט וואָס צו הייצן.

## הערשעלע איז שיקער

הערשעלע האָט זיך אַמאָל אָנגעשיקערט אַף אַ כאַסענע, קוים זיך דערקליבן אַהיים און זיך אויסגעצויגן אַף דער פּריזבע.

אָבער קלאָל אַזוי ליגן, האָט דער לעץ ניט געקענט, האָט ער גענומען עמעצן שעלטן אַף אַ קאָל מיט די ערגסטע קלאָלעס.

– וועמען שעלטסטו, הערשעלע? – האָבן געפרעגט דורכגייער.

– וואָס הייסט, וועמען איך שעלט? פאַרשטייט זיך דעם באַלעבאָס פון דער שטוב.

– וואָס האָסטו צו אים?

– וואָס הייסט, וואָס איך האָב צו אים? – ענטפערט הערשעלע, – ווען ער האָט געבויט די שטוב, אַ מאַקע אים אין די זייטן, – איז ער קראַנק געווען אויסבויען די פּריזבע אינעווייניק, אין שטוב, ניט אינדרויסן, אַז אַלע זאָלן זען הערשעלען אַ שיקערן און אים אויסלאַכן?

## אַ ליכטקע סרייפע

זומער צייט, בייס די גרויסע היצן, האָט זיך אין שטעטל אָנגעהויבן אַ גרויסע סרייפע. עס האָט שוין געברענט אַ גאַנצע גאַס. ביז דער טיפער נאַכט האָט מען ניט געקאָנט פאַרלעשן די סרייפע. הערשעלעס שטוב האָט זיך אויך אָנגעצונדן.

הערשעלעס ווייב איז געשטאַנען בא דער זייט, געבראָכן די הענט, געוויינט, זיך באַגאָסן מיט ביטערע טרערן:
– וואָס טו איך! מיר זיינען פאַרפאַלן! מיר איז וויסט און פינצטער...

הערשעלע האָט באַטראַכט דעם אַרום און באַרויקט דאָס ווייב:

– נאַרישע, וואָס קלאָגסטו אַזוי, וואָס לייגסטע איין וועלטן? וואָס איז דיר אַזוי פינצטער. עס איז, דאַכט זיך, אַזוי ליכטיק, וואָס ליכטיקער קאָן שוין ניט זיין...

## א שלעכטער טאָג

דאָנערשטיק האָט הערשעלעס ווייב געבעטן בא אים געלט אף שאַבעס.

טוט הערשעלע א קנייטש מיט די אַקסלען און זאָגט:

– פאַרשטייסט, מיין טייערע, דאָנערשטיק איז פאַר מיר זייער א שלעכטער טאָג. א ביטערער טאָג...

– פאַרוואָס, הערשעלע?

– קיינמאָל האָב איך נאָך קיין גוטן דאָנערשטיק ניט געהאָט, – מאַכט ער צו איר. – זאָנערשטיק בין איך געבוירן געוואָרן. האָסטו איינס. דאָגערשטיק האָט מען מיך געמאַלעט. האָסטו צוויי. דאָנערשטיק האָב איך פאַר דיר כאַסענע געהאָט. און פון דעמלט אָן קומסטו צו מיר אַלע מאָל אין דעם טאָג דרייען א ספאָדעק איך זאָל דיר געבן געלט אף שאַבעס. און קיין געלט איז, דאַנקען גאָט, נישטאָ א גראָשן. א פאַרשאָלטענער טאָג דאָנערשטיק.

## פאַרביטן די יאָצרעס

הערשעלע איז געגאַנגען אין באָד און מע האָט דאָרטן בא אים צוגעגאַנוועט דאָס העמד.

איז ער געקומען אהיים א צעטראָגענער און זאָגט צום ווייב:

– זיי אזוי גוט, כאנע, און גיב מיר א העמד...

– וואָס הייסט, איך האָב דאָך דיר, ווען דו ביסט היינט געגאַן אין באָד, מיטגעגעבן א ווייס העמד...– איז דאָס ווייב אופגעבראכט געוואָרן.

– זעט איר, מע האָט עס מיר דאָרטן פארביטן... – ענטפערט הערשעלע.

– פארביטן? – כידעשט זיך דאָס ווייב, – ווו זשע איז דאָס פארביטענע?

– פארשטייסט, מיין טייערע, – ענטפערט הערשעלע, – יענער יענער גאנעף, אפּאָנעם, האָט א שלעכטן זיקאָרן און פארגעסן זיין העמד אנידערלייגן...

## איינגעשפּאָרט

דאָס ווייב האָט די גאנצע צייט דערקיטשעט הערשעלען, לעמיי פארדינט ער ניט קיין לעבעדיקן גראָשן אפן אויסקומעניש.

טאָג איין טאָג אויס – דאָס זעלבע: לעמיי פארדינט ער גאָרניט?!

אין א שיינעם פרימאָרגן האָט זיך הערשעלע אופגעהויבן און זיך געלאָזט צופוס אין וועג ארייַן.

– ווּהין גייסטו, באלטאכלעס? – האָט זי אים געפרעגט.

– איך גיי, עפשער וועל איך פארדינען עטלעכע גילדן.

– און ווען וועסטו זיך אומקערן־אהיים?

– מעגלעך, פאַרנאַכט. – ענטפערט ער.

און ווירקלעך, פאַרנאַכט איז ער געקומען.

דאָס ווייב האָט זיך שטאַרק דערפרייט: מאַנעסטאַמע האָט איר ברויטגעבער עפעס פאַרדינט?

און ער פרעגט דאָס ווייב:

– זאָג מיר נאָר, וואָס קאָסט צופאָרן מיט א באַלעגאָלע פון מעדזשיבאָזש ביז דראַזשנע? הין און צוריק?

– מאַנעסטאַמע פיר גילדן – זאָגט דאָס ווייב.

– אָט...אָט דאָס טאַקע האָב איך דיר פאַרדינט, – זאָגט הערשעלע – איך בין ניט געפאָרן, נאָר געגאַנגען צופוס. איינגעשפּאָרט וועג – געלט. און ווי דיר איז באַוווּסט, איז איינשפּאָרן דאָס זעלבע, וואָס פאַרדינען...

## מע פרעגט בא הערשעלען

– הערשעלע, וואָס האָסטו בעסער ליב – האָט מען געפרעגט דעם לעץ – א רייכן בריס, אָדער א רייכע לעווייע?

א טיפן טראַכט געטאָן, האָט יענער געענטפערט:

– געוויס איז גלייכער א רייכער בריס, איידער א רייכע לעווייע. פון א רייכן בריס איז נאָך דאָ אן האָפענונג, אז עס וועט נאָך אמאָל זיין א רייכע לעווייע. און פון א רייכער לעווייע וועט שוין גאָרניט ניט זיין...

# אַ גאָלדענער פּלאַן

אין שיל באַ דער הרובע זיינען געזעסן עטלעכע יידן און געפּלאַנעוועט, זיך געאײַיצעט, וויאַזוי איבערבויען די וועלט. אַלעמען זאָל זיין גוט און פיין, וועגן אָרעם און רייך, וועגן דעם פאַרוואָס איז דאָס לעבן פון די מענטשן באַ איינעם – אַ יאַמטאָוו, באַם צווייטן, – אַן אָפּקומעניש.

רופט זיך אָן איינער:

– איי, ווען אַלע מענטשן זאָלן האָבן פון וואָס צו לעבן, עס זאָל קיין דאַלעס אף דער וועלט נישט זיין...

– זאָגט דער צווייטער:

– דער דאַלעס דערגייט די יאָרן. און איך האָב אַזאַ פּלאַן: אַלע מענטשן זאָלן צונויפלייגן זייערע מאַיאָנטקעס, דאָס געלט מיטן גאַנצן פאַרמעגן אין איין קאָסע און יעדער איינציקער זאָל נעמען פון דער קאָסע וויפל ער דאַרף האָבן...

– איי, אַ גאָלדענער פּלאַן! – האָבן די אָרומיקע גענומען שרייען, – נו, און וואָס וועט זאָגן אונדזער הערשעלע אָסטראָפּאָליער?

– איך טראַכט אַזוי, אַז דאָס וואָלט געווען אַ גרויסאַרטיקער פּלאַן, – האָט זיך אָנגערופן הערשעלע, – לאָמיר זיך צעטיילן מיט דער אַרבעט. איך נעם זיך אונטער פּויעלן באַ די קאַבצאָנים זיי זאָלן אַריינטראָגן אין קאָסע זייער גאַנץ פאַרמעגן און איר פּויעלט באַ די נגידים זיי זאָלן אַריינלייגן אין דער קאָסע זייער גאַנץ פאַרמעגן...

# אף א פרעמדער כאַסענע

אין שטעטל איז געווען א רייכע כאַסענע. האָט דער באַלעבאָס באַפוילן מע זאָל קיין קאַפּצאָנים, אָרעמע לייט ניט אַריינלאָזן.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געקומען מאַכן דעם אוילעם פריילעך, האָבן די באַלעבאַטים באַטראַכט זיין אָרעם אָנטאָן און אים ניט אַריינגעלאָזט. לויפט ער אַוועק אין שטעטל און לייט א זיידענע קאַפּאָטע, טוט זי אָן און קומט אף דער כאַסענע.

דער באַלעבאָס האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז פיס און א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ יא, דעם פאַרשוין מעג מען אַריינלאָזן אף דער כאַסענע. הערשעלע איז אַריין, זיך באַזעצט אין אויבנאָן. זיינען צוגעגאַן די באַלעבאָטים, אים אָנגעגאָסן א גלעזל וויין, געגעבן צו פאַרבייסן, נעמט הערשעלע און גיסט אויס די מאַשקע אף דער קאַפּאָטע און דאָס פאַרבייסן צעשמירט ער אף די לאַצן פון קאָפּאָטע.

גיסט מען אים ווידער אָן א גלעזל וויין, און ער גיסט עס ווידער אויס אף דער קאַפּאָטע.

– הערשעלע, וואָס טוסטו? – האָבן זיך אף אים אַרופגעוואָרפן די באַ לעבאָסטעס, – מיר וואַרטן פון דיר זאָלסט מאַכן פריילעך, לאַכנדיק די מעכע טאָנים, די געסט, פראָווען פאַרשידענע קינצן און דו...

– איר האָט דאָך ניט מיך איינגעלאַדן אף דער כאַסענע, נאָר די זיידענע קאַפּאָטע, טאָ זאָל זי אייך מאַכן פריילעך און טרינקען מאַשקע – האָט הערשעלע אָסטראָפּאָליער געענטפערט.

## אין כעלם שיט א שניי

אין כעלם איז אויסגעפאלן דער ערשטער שניי. ער האָט אזוי צוגעדעקט די הארבסטיקע בלאָטעס, אז עס איז געווארן ארום שטארק ליכטיק און שיין.

די כעלעמער כאכאָמים איז אלץ געווען געפעלן, איין זאָך איז ניט געפעלן: ווען דער שאמעס פון דער קלויז וועט גאנצפרי גיין איבער דעם שטעטל צוניפרופן די מענטשן צום דאווענען, וועט ער מיט זיינע שטיוואָליעס צעטאָפטשען די ארומיקע ווייסקייס און עס וועט ווידער זיין בלאָטיק.

האָט מען זיך גענומען אייצענען : וואָס טוט מען?

און מע איז געקומען צום געדאנק אוועקשטעלן דעם שאמעס אף א טיש. און פיר יידן וועלן אים טראָגן איבער דעם שטעטל צו די הייזער. אזוי ארום וועט דער שניי בלייבן ווייס און ניט גערירט.

אזוי האָט מען אין כעלם געטאָן.

## גערעכטיקייט

די כעלמער כאכאָמים האָבן באמערקט, אז בא די יידן סטייעט ניט קיין גערעכטיקייט און מע מוז די זאך ערגעץ קריגן.

דערפאר האָבן זיך עטלעכע כאכאָמים אוועקגעלאָזט אין א גרויסער שטאָט, ווו מע קריגט אלץ און איינגעקויפט א פעסל גערעכטיקייט.

געבראכט דאָס פּעסל אהיים. האָט מען גערופן דעם ראָוו יענער זאָל זיך מאטריאַך זיין גיין באטראכטן די סכוירע און זאָגן מעווינעס.

געקומען צוגיין, איז דער ראָוו שטילערייד, אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאנגען צום פעסל, זיך אָנגעבויגן צו דעם, באטראכט און באשמעקט פון אלע זייטן און טיפזיניק געזאָגט:

– נישקאָשע...די גערעבטיקייט שמעקט ניט...

## חיאזוי מע האָט געשלעפּט די קו אפן בוידעם

א כעלעמער כאָכעם האָט געקויפט א קו און זי באשטימט אָנהאָדעווען, נאָר וויאזוי ווען זי אָנהאָדעווען, אז דאָס היי איז געלעגן עט אפן בוידעם.

האָט דער פארשוין זיך גענומען ברעכן דעם קאָפּ, וואָס טוט מען? מע דארף דאָך אָנהאָדעווען די בעהיימע, ווייל זי קאָן, כאָלילע, אָן עסן אָפּגעבן גאָט די נעשאָמע.

האָט ער צוגעפירט די קו צום הויכן לייטער, וואָס פירט אפן בוידעם און אָנגעהויבן שטויסן ארויף, אפן לייטער די קו.

ער שטויסט זי מיט אלע קויכעס, און זי וויל ניט קריכן ארויף. כאָטש גיב איר אכצן קרענק!

צוגערופן אלע שכיינים צום לייטער, גענומען צוזאמען שטויסן די קו, נאָר א נעכטיקער טאָג! די קו רירט זיך ניט פון אָרט. די גאנצע גאס איז זיך צונויפגעלאָפן – קינד און קייט – מיט די לעצטע קויכעס האָט מען געשטויסן ארויף אפן בוידעם די קו, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן...

קומט אָן א פויער פונעם נאָענטן דערפל, קוקט, ווי מע מוטשעט זיך ווי מע מאַטערט די באַלעבייע און זאָגט, לעמיי מוטשעט מען א אומשולדיקע באַשעפעניש?

– וואָס, – זאָגן זיי, די כעלעמער כאַכאָמים, – מיר מוטשען זי? זאָל גאָט היטן! פאַרקערט, מיר מיינען דאָך איר טויווע. איך וויל די אָנהאָדעווען. אפּן בוידעם ליגט אסאך היי. און די נארישע בעהיימע פוילט זיך אהין ארופקריכן און זיך אָנהעסן.

דער פויער זאָגט די כעלעמער. " הייבט זיך אליין אוף אפּן בוידעם און ווארפט אראָפּ א ביסל היי..."

– זעט נאָר, סיארא קלוגע מענטשן לעבן אף דער וועלט! – האָבן יענע געזאָגט וועגן דעם האבן מיר ניט א טראכט געטאָן...

## נאָדן פאַר דער קאַלע

ווען הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט כאסענע געמאַכט זיין עלטערע טאָכטער, האָט ער אפּן קנאַסנמאָל געהייסן פאַרשרייבן אין די טנאים, אז ער גיט איר אויך אין נאָדן דאָס שטעטל ברעמבעליוווקע...

– סטייטש, באַלטאַכלעס, – ווי קאָנסטו געבן ברעמבעליוווקע? האָבן זיך געוווּנדערט די שכיינים, – עס איז דען דיינס? אלע וויסן, אז דאָס שטעטל געהער צום גראף פּאָטאָצקי...

– יאָ, אוואדע ווייס איך, – האָט געענטפערט הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – נאָר דאָס גיב איך דער טאָכטער מיט איר באַשערטן אף א שטיקל צייט, זיי זאָלן האָבן ווו צו גיין איבער די הייזער... א טאָרבע האָב איך זיי שוין געגעבן...

## הערשעלע באַם דאָקטער

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז שטאַרק קראַנק געוואָרן און אוועקגעגאַן צום דאָקטער ער זאָל אים גוט באַטראַכטן און אייצענען, וואָס מע דאַרף טאָן.

דער דאָקטער האָט באַטראַכט דעם כוילע פון אַלע זייטן, א ביטערן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

– איך מוז זיך מוידע זיין, הערשעלע, אַז מיט דיר האַלט זייער שלעכט די דאַרפסט דרינגנד אַן אָפּעראַציע און ניט קיין גרינגע... מיר זיינען אייגענע מענטשן, און איך מוז דיר זאָגן דעם ריינעם עמעס, – דאָס איז זייער אַ געפערלעכע אָפּעראַציע. און נאָך דאַרף איך דיר וואָרענען, אַז פון צען אַזעלכע אָפּעראַציעס, געלינגט ניט מער ווי ...איינע. די איבעריקע ענדיקן זיך באַ מיר שלעכט...

הערשעלע האָט זיך טיף פאַרטראַכט און געזאָגט:

– איך האָב אייך, דאָקטער, פאַרשטאַנען, נאָר איך טאָר נאָך ניט לאָזן מיינע קינדערלעך פאַר יעסוימים און דאָס ווייב פאַר אַן אַלמאָנע. האָב איך צו אייך, פּאַניע דאָקטער, אַ גרויסע באַקאָשע. טוט פאַר מיר די לעצטע טויווע.

– וואָס פאַר אַ באַקאָשע, הערשעלע, האָסטו, אויב דאָס איז ניט קיין סאָד?

– העלפט מיר זיך אָנטאָן, וועל איך גיין אַהיים. ווייל איך זע, אַז דאָקטוירים זיינען ניט פאַר מיר...

## אין צוזייען

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז געקומען אהיים אין א געהויבענער שטימונג.

– וואָס איז אף דיר אָנגעפאלן אזא פריידז? – האָט זיך אף אים צעשריגן דאָס ווייב. – ווו ביסטן געווען?

– איך בין געווען אין אונדזער רעסטאָראציע אף א מיטאָג. – ענטפערט ער.

– איז דאָרטן געווען אפן מיטאָג א סאך מענטשן? – פרעגט דאָס ווייב.

– כאָלילע ווען כאָס! – רופט זיך אָן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, – מיר זיינען געווען אין צווייען: איך און די געפּרעגלטע קאטשקע...

## א טרונק בראמפן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אנומלטן געקומען צו א באקאנטן צוגאָסט. פרעגט יענער אים:

– הערשעלע, עפשער ווערסטו כאפן א טרונק בראנפן?

ענטפערט ער:

– ערשטנס, טרינק איך ניט. צווייטנס האָב איך נאָך ניט געדאווונט, דריטנס גיס אָן וועל איך א פרווו טאָן...

## ווער זיינען די גרעסטע נאראָנים?

הערשעל אָסטראָפּאָליער פרעגט בא זיינעם א שאָכן, ווער זיינען די גרעסטע נאראָנים אף דער וועלט?

יענער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל: ער ווייסט ניט. האָט הערשעלע אַליין געענטפערט:

– מיר דאַכט זיך, מיסטאַמע זיינען דאָס די כעלעמער יידן...

– פאַרוואָס, הערשעלע, מיינסטו אַזוי?

– ניין, מיר דאַכט זיך, אַז די גרעסטע נאַראָנים זיינען די כעלמער שענקערס...זיי האָבן בראַנפן און פאַרקויפן עס...זיי זיינען אַליין קראַנק דאָס אויסטרינקען?

## אַ בריוו פֿון דער מומע סאָסיע

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט באַקומען אַ בריוו פון אַמעריקע. לייענט און כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: ווענדעט זיך צו זיין פּלוינעסטע:

– אוי, סאָרע, אַן אומגליק איז געשען, די מומע סאָסיע פון אַמעריקע איז, נעבעך, געשטאָרבן...

– וואָס זאָגסטו, אַזאַ אומגליק – האָט דאָס ווייב זיך צעוויינט, אַזאַ גוטע, אַזאַ גאָלדענע נשמה, אַ פרומע, גוטהאַרציקע...

– שאַ, שריי ניט, וויין ניט, – האָט הערשעלע זי באַרויקט. – די מומע סאָסיע האָט אונדז פאַרשריבן בעירושה צוויי טויזנט דאָלאַר...

– איז געזונט און שטאַרק זאָל זי אונדז זיין! – האָט זיך באַרויקט און דערפרייט הערשעלעס ווייב.

## צוליב אַ שטיקעלע פלייש

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז אַמאָל אַריינגעגאַן אין אַ רעסטאָראַן און געהייסן זיך ברענגען עסן. דער קעלנער האָט אים געבראַכט אַ קליין שטיקעלע געבראָטנס.

הערשעלע האָט א קוק געטאָן אף דער קליינער פּאָרציע און האָט זיך צעוויינט מיט בלוטיקע טרערן.

דער קעלנער האָט זיך דערשראָקן און זיך אנגערופן צום לעץ:

– וואָס וויינט איר, פעטער? וואָס איז געשען?...

– אוי, וויאזוי זאָל מען ניט וויינען – האָט געענטפערט הערשעלע, – אז צוליב אזא קליין שטיקעלע פלייש, האָט מען געקוילעט אזא גרויסן אָקס...

## ניט דערקענט

הערשעלע איז געקומען אפן מארק, און דער אוילעם האָט אים דערזען און זיך שטארק דערשראָקן. ער איז געווען שטארק צעביסן.

– וואָס איז מיט דיר, הערשעלע, ווער האָט עס דיך אזוי באארבעט, אזוי צעביסן?

– מיין אייגענער הונט...

– וואָס האָט ער געהאָט צו דיר? פארוואָס האָט ער דיך צעביסן?

– ווייסט אים דער וואטנמאכער! – האָט דער לעץ געענטפערט, – די לעצטע צייט האָב איך געהאָט א סאך כאסענעס און מאָלצייטן און אומעטום האָב איך געמוזט נעמען א גוטע קריסע, און זיך אומגעקערט אהיים שיקער... און דאָס מאָל בין איך געקומען אהיים א ניכטערער, האָט מיך דער הונט ניט דערקענט און זיך ארופדערוואָרפן אף מיר...

## געהערט פון היץ

הערשעלע אָסטראָפּאָליער איז שטארק קראנק געוואָרן און מע האָט גערופן צו אים א דאָקטער:

– דאָקטער, איך בעט אייך, ראַטעוועט מיך. אויב איר וועט מיך אָפּראַטעווען וועל איך אייך געבן הונדערט קארבן, וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט.

דער דאָקטער האָט דעם לעץ גוט געהיילט און אים אָפּגעראטעוועט.

– נו, דאנקען גאָט איר זיינט געזונט. – זאָגט דער דאָקטער, – גיט מיר די הונדערט קארבן, וואָס איר האָט צוגעזאָגט.

– דאָס האָב איך אייך צוגעזאָגט, ווייל איך האָב גערעדט פון היץ... ענטפערט הערשעלע

## קאַפּאָרעס

דער גוויר פון מעדזשיבאָזש האָט ערעוו יאָמקיפּער גערופן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, אים געגעבן געלט, ער זאל גיין אין מארק אריין און איינקויפן פאר זיין גרויסער מישפּאָכע אף קאפּאָרעס צען הענער און צען הינער – עס זאָל, הייסט עס, זיין מיט וואָס שלאָגן קאפּאָרעס.

אוועקגעלאָפן אין מארק אריין, האָט הערשעלע אָסטראָפּאָליער געבראבט אייך מאָגער הענדל און איין אויסגעדארט הינדל.

– אָט דאָס זיינען די צוואנציק קאפּאָרעס, וואָס איך האָב דיר געהייסן איינהאנדלען? – האָט זיך צעשריגן דער גוויר.

– געוויס אזוי... – האָט געענטפערט הערשעלע, – אדרעאבע, טוט א קוק און זאָגט אליין: אָט דאָס הענדל טויג אף צען קאפּאָרעס און יענץ הינדל טויג אוואדע אף צען קאפּאָרעס. האָט איר א כעזשבן פון צוואנציק קאפּאָרעס...

## זיך איבערגעבעטן

הערשעלע אָסטראָפּאָליער האָט זיך א גאַנץ יאָר געקריגט מיט זיינעם א שאָכן, און ערעוו יאָמקיפּער, אריינגעגאַן צו אים, ווי עס פּירט זיך ערעוו יאָמטעוו, אים אויסגעשטרעקט די האַנט – מע דאַרף זיך איבערבעטן. אַלץ מויכל זיין. שאָלעם...

מע האָט זיך איינער דעם אַנדערן געטאָן די לעצטע צייט גרויסע אומרעכט, געהאַט געניוג פּאַרדראָס, איז געענדיקט! איבערגעבעטן זיך. עס קומט אַזאַ הייליקער טאָג, ווען מע דאַרף גיין אין שיל פאַר גאָט בעטן מויכל זיין אַלע כאַטאָים, מוז מען איינער דעם צווייטן אַלץ מויכל זיין!

– איך ווינטש אייך, רעב אוורעם, – זאָגט הערשעלע, – דאָס, וואָס איר ווינטש אויף מיר אויפן נייעם יאָר מיר...

– וואָס? – טוט זיך א כאַפּ יענער, דער שאָכן, – די הייבסט שוין ווידער אָן דיינע שטיקן?...

## א גוטער קאָפּ

הערשעלע האָט זיך פאַרן אוילעם באַרימט, אַז זיין זון האָט א גוטן קאָפּ, מעמעש אף כידושים...

– וואָס זשע, הערשעלע, – האָט מען געפרעגט דעם לעץ, – ער לערנט גוט?

– ניין, זאָל גאָט היטן! – האָט זיך געכאַפּט הערשעלע, – נעכטן איז ער געגאַנגען איבער דער גאַס, עס איז אים אראָפּגעפאַלן א ציגל אויפן קאָפּ און עס האָט דעם קאָפּ ניט געשאַדט...

# געזען,
# געהערט און פארשריבן...
## (פונעם פאלקס - אויצער)

# געהערט, געזען און פאַרשריבן...

(פונעם פאָלקס - אוצר)

* * *

ער וויל דאָס טעלערל פונעם הימל.

* * *

די פינפטע ראָד אין וואָגן.

* * *

סי איז אפן הימל א יאריד.

* * *

ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

* * *

עס האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך. (א בוידעם)

* * *

די אויגן זיינען דער שפיגל פון דער נעשאָמע.

* * *

וועדליק און פאָדליק, איז ער א פאסקודניאק.

* * *

אנגעהויבן האָט זיך עס מיט א קידעש און געענדיקט מיט א קאדעש.

* * *

דעריבער גייען קאטשקעס באָרוועס און גענדז אָן פלידערן?

* * *

עס קלעפט זיך, ווי ארבעס צו דער וואנט.

* * *

די זיינען ענלעך, ווי איין מאמע וואָלט זיי געהאט.

* * *

ענלעך, ווי מע וואָלט זיי פון איין טעג געקנאָטן.

* * *

דיזעלבע יענטע, נאָר אנדערש געשלייערט.

* * *

דער זעלבער מייכל, נאָר אין אן אנדער שיסל.

* * *

עס איז ניט דאָס דאָרף און ניט די קרעטשמע.

* * *

ניט אלץ, וואָס גלאַנצט איז גאָלד.

* * *

עס איז ניט צו באַשרייבן און ניט אויסצודערציילן.

* * *

עס איז עק וועלט!

* * *

נישטאָ קיין ווערטער דערצו.

* * *

עס איז סאַקאָנעס נעפּאַשעס.

* * *

עס איז ניט קיין פֿיש – ס, איז קיי און שפּיי!

* * *

ער מיינט, אַז ער איז דאָס הייבערשטע פֿון שטייסל.

* * *

אַ שטיקל סכוירע – אַזוינס ווי אַזעלכס!

* * *

ער קאָן אים פֿאַרשטעקן אין האַרבל.

* * *

בעסער, וואָס בעסער קאָן שוין ניט זיין!

* * *

שענער, וואָס שענער קאָן שוין ניט זיין

* * *

ער האָט ניט אין קאָפּ, וואָס איך האָב אין פּיאַטע.

* * *

ער דאַרף בײַ יענעם די שטיוול פּוצן.

* * *

ער פֿאַרמאָגט ניט יענעמס מיסט.

* * *

צו הערינג דאַרף מען קיין זאַלץ און צו גריוון קיין שמאַלץ.

* * *

עס האָט אַ פּאָנעם, ווי אַ שטוב אָן אַ דאַך, אַ קלויסטער אָן אַ גלאָק.

* * *

ווי א קליאמקע אָן א טיר, ווי א כאסענע אָן קלעזמער.

* * *

ווי א פידל אָן א סמיטשעק, ווי א באלעגאָלע אָן א בייטש.

* * *

אז די ערשטע שורע איז קרום געשריבן, טויג די גאנצע בריוו אף, קאפּאַרעס.

* * *

מע קומט זיך צונויף, ווי אף א יאריד.

* * *

מע לויפט זיך צונויף, ווי קעץ אין א לעוואָנע נאכט.

* * *

איינער - אָר ליסי, דער אנדערער אָר סטריסי.

* * *

מע זאָל ניט געפּרוווט ווערן, צו וואָס מע קאָן געוווינט ווערן.

* * *

אף וועמענס וואָגן מע פאָרט, אזא ניגן ציעט מען.

* * *

איטלעכער מאָרגן ברענגט זיינע זאָרגן.

* * *

לאַנגע האָר און קורצער סייכל.

* * *

דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן אַ בייטש, און דאָס בעסטע מיידל אַ כאָסן.

* * *

גאָלד פּרוווט מען מיט פייער, אַ פרוי – מיט גאָלד.

* * *

ווייבער האָבן לאַנגע האָר און קורצן סייכל.

* * *

בעשאַסן שווימען דאַרף מען שווייגן, דערפאַר קענען די ווייבער ניט שווימען.

* * *

בעשאַסן גאָלן די באָרד מוז מען שווייגן, דערפאַר גאָלן ניט די ווייבער די בערד.

* * *

ווייבער האָבן ליב ריידן אַלע אינײנעם – זיי ווייסן, אַז סײַאיז נעשטאָ וואָס צו הערן.

* * *

דער נאַר ליגט אים אויפן פּאָנעם.

* * *

ווער עס זאָגט אַלף, מוז זאָגן בּיס.

* * *

אַ נאַר ווייזט מען ניט קיין האַלבּע אַרבּעט.

* * *

זי קאָן צונויפֿפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

* * *

אַ באַרג מיט אַ באַרג גייען זיך ניט צונויף, אַ מענטש מיט אַ מענטש יאָ.

* * *

אַז מע געווינט זיך צו צו צרות, לעבט מען מיט זיי אײַן פֿריידן.

* * *

צו גוטס געוווינט מען זיך גיך צו.

* * *

קומסטו אין באָד, דארפסטו שוויצן.

* * *

מיר מוזן נאָכטאָן דער וועלט, ניט די וועלט אונדז.

* * *

ער פארמאָגט קאדאָכעט אין א קליין טעפל.

* * *

א העלד – ער ווייזט א פייג אין קעשענע.

* * *

ער האָט מיר געגעבן אכצן און דרייצן דאָס איבעריקע – מינץ.

* * *

א גרויסער אוילעם און קיין מענטשן זעט מען ניט.

* * *

די צייט מאכט דעם מענטשן גרוי און אלט.

* * *

די צייט איז דער בעסטער דאָקטאָר.

* * *

בעסער גוט זען איידער שלעכט הערן.

* * *

ווען דער אייבערשטער ווינט אַף דער ערד, וואָלט מען אים אויסגעשלאָגן אַלע טאַפּליעס.

* * *

זאָרגן און יאָרן מאַכן גרוי די האָר.

* * *

אין דער יוגנט – אַ בעהיימע, אין דער עלטער – אַ פערד.

* * *

נישטאָ דאָס פערד און וואָגן, וואָס זאָל די יונגע יאָר דעריאָגן.

* * *

בעסער אַלטער וויין, איידער אַלטע קריכעס.

* * *

דער מענטש איז זינדיק און די האָן איז די קאַפּאָרע.

* * *

דאָס איז אזאמין דאָקטער, וואָס פארשטייט – א קרענק.

* * *

איך בין א שרייבער. דעריקער האָב איך געשריבן, ווען איך בין געווען א סטודענט. געשריבן: טאטע, שיק געלט!

* * *

רעב לייזער, ווי פילט איר זיך סעקסועל?
גאנץ גוט. אלע יאָר האָב איך אן אייניקל.

* * *

ער איז א דאָקטאָר – ער קאָן היילן – א קרענק.

* * *

קאָהאָל קריגט זיך און דעם שאמעס שמייסט מען.

* * *

עס זאָל זיך ניט טרעפן, וואָס עס קאָן זיך טרעפן.

* * *

אף קיין מייסע פרעגט מען קיין קאשע.

* * *

אז עס איז באשערט א צרה, קומט זי אין שטוב אריין.

* * *

א שלימאזל זאָל מען ניט געבוירן ווערן אף דער וועלט.

* * *

די וועלט איז גרויס און סיאיז נישטאָ וווהין זיך אהינטאָן.

* * *

א מאָדנער פארשויך – ווו מען זייט אים ניט, דאָרטן וואקסט ער אויס!

* * *

ער האָט זיך געפילט, ווי גאָט אין אדעס.

* * *

ער האט זיך געפילט, ווי א פייגעלע אין נעסט.

* * *

ער האָט זיך געפילט, ווי באם טאטן אין וויינגאָרטן.

* * *

ווו צוויי, דאָרט איז ער א דריטער.

* * *

קריפּסטער א הריז, פרעג, ווער זיינען רייִנע שכיינים.

* * *

בעסער א גוטער שאָכן, איידער א שלעכטער קאָרעוו.

* * *

בעסער א נאָענטער גראָשן, איידער א ווייט קערבל.

* * *

אויסגעפאָרן א גאנצע וועלט און זיך אומגעקערט א נאר.

* * *

בעסער שלעכט געפאָרן איידער גוט געגאנגען.

* * *

א ווײַב און א פערד באָרגט מען ניט.

* * *

אז מע וויל אָפּטאָן דעם באלאגאָלע א שפּיצל, גייט מען באם וואָגן צופוס.

* * *

דער מענטש טראכט און דער מאלכאמאָוועס לאכט.

* * *

גאָט זיצט פון הויבן און פּאַרט פון הונטן.

* * *

אז צוויי זאָגן – שיקער, דאַרף דער דריטער זיך לייגן שלאָפן.

* * *

די כעלעמער כאַכאָמים זיינען גאָר קיין נאַראָנים, נאָר אַלע נאַרעשקייטן טרעפן בא זיי.

* * *

שלעפ אים ניט – ער איז ניט, כאָלילע, קיין פייגער.

* * *

א שיינע זון – זי וואַרעמט, ווי א שטיף מאַמע.

* * *

עס מאָרדעוועט מיט אים, ווי אין א גוט קאַדראָכעס.

* * *

די זעלבע זון מאַכט לייוונט ווייס און דעם ציגיינער – שוואַרץ.

* * *

די וועלט איז שיין, נאָר פּאַסקודניאַקעס מאַכן זי מיעס.

* * *

א שיינע, א ליכטיקע וועלט, אבער ווי פאר ווערמען.

* * *

עס וועט דויערן פון עסטער טאָנעס ביז פורים.

* * *

א מענטש איז שוואכער פון א שטרוי און שטארקער פון אייזן.

* * *

א שיינע מייסע, אָבער זי האָט שוין א באָרד.

* * *

ביז דו וועסט בריען פונדאָסניי, בלייב דעם אלטן געטריי.

* * *

צו א נייער ליד, קען מען צופאסן אן אלטן ניגן.

* * *

ער קאָן זיך נאָך רעכט די נאָז ניט אָפּווישן און קריכט שוין אין די אויגן.

* * *

דער מאמעס מילך ליגט אים נאָך אף די ליפּן.

* * *

אז א קינד פאלט, שטעלט אים א מאלעך אונטער די הענט.

* * *

בא א נאר און א קינד, איז קיין סוידעס נישטאָ.

* * *

וואָס קומט ארויס פון א גרויען קאָפּ, אז דער סייכל איז גרין.

* * *

דיזעלבע יענטע, נאָר אנדערש געשלייערט.

* * *

דער זעלבער מייכל. נאָר אין אן אנדער שיסל

* * *

דאָס איז דער טאטע מיט די ביינער.

* * *

דאָס איז פייער מיט וואסער.

* * *

ניט אלץ וואָס גלאנצט איז גאָלד – לעמאָשל, א ליסענע...

* * *

עס פאַסט, ווי מיינע צאָרעס, ווי אַן אויקער צו דער וואַנט, ווי אַן אָקס מיט אַ פערד אין וועגעלע, ווי אַ קו דער זאָטל, ווי אַ כאַזער אוירינגלעך ווי אַ קוימענקערער אַ צילינדער.

* * *

עס וואַקסט, ווי קראָפּעווע, ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן.

* * *

זיי זיינען געבליבן, ווי די שאָף אָן אַ פּאַסטעך.

* * *

אַ יידיש לעבן מישטיינס געזאָגט: טשאַסאָם ז קוואַסאָם, אַ פּאַראָיו ז וואָדאָיו.

* * *

דער יאָם איז אָן אַ גרונט און יידישע צאָרעס – אָן אַ ברעג.

* * *

סייאַרא טייערע מענטשן זיינען יידן. אפילע ווען זיי שמירן די רעדער, דאַווענען זיי.

* * *

ווען זינגט אַ ייד? ווען ער איז הונגעריק.

* * *

וואָס טוט א ייד? ער ליגט, נעבעך, אין דער ערד און באַקט בייגל.

* * *

נעם א יידן אונטערפירן, וואַרפט ער דיך אַראָפ פונעם וואָגן.

* * *

ווייז א יידן א פינגער, וויל ער די גאנצע האַנט.

* * *

מיט א יידן איז גוט קוגל צו עסן, נאָר ניט פון איין טעלער.

* * *

דער ייד ענטפערט טאָמיד פאַרקערט: זאָגט איר אים "שאָלעם – אַלייכעם" ענטפערט ער אייך "אַלייכעם- שאָלעם"

* * *

א ייד איז א גרויסער אויסבערענגער: פאַר א גוטמאָרגן ענטפערט ער אייך מיט א גוטיאָר.

* * *

יידן זיינען גרויסע פילאַנטראָפּן. פאַר א גוטמאָרגן געבן זיי א גוטיאָר.

* * *

בעסער אין רוסישע הענט , איידער אין יידישע מיילער.

* * *

גאָט זאָל אויסהיטן האָבן איין ווייב און איין העמד.

* * *

ווען די קינדער זיינען יונג, דערציילן די עלטערן זייערע כאָכמעס, ווען עלטערן זיינען אלט, דערציילן די קינדער זייערע נארישקייטן.

* * *

זיבן זין ברענגען א *שטול* אין גאנאיידן, זיבן טעכטער – א *שטול* אין גענעם.

* * *

בעסער דאָס קינד זאָל וויינען , איידער די עלטערן.

* * *

די מאמע *שעלט*, אָבער עס טוט איר וויי דאָס הארץ.

* * *

ניט דאָס איז די בעסטע מאמע, וואָס האָט געבוירן, נאָר די, וואָס האָט דערצויגן.

* * *

בעסער א פאטש פון א טאטן, איידער א קוש פון א פרעמדן.

* * *

ווי די גאנדז, אזוי די גריוון.

* * *

אז די מאמע איז א קו, איז די טאָכטער א קאלב.

* * *

א קינד איז ערגער פון א גאזלען און מע דארף נאָך טאנצן אף זיין כאסענע.

* * *

עלטערן לערנען אויס די קינדער ריידן און די קינדער לערנען אויס די עלטערן שווייגן.

* * *

קליינע קינדער – קליינע צאָרעס, גרויסע קינדער – גרויסע צאָרעס.

* * *

קליינע קינדער קליינע פריידן, גרויסע קינדער גרויסע ליידן.

* * *

א מאמע איז א פּאָקרעשקע – זי דעקט צו דעם קינדס כעסרוינעס און דעם מאנס ביזיוינעס.

* * *

פאר געלט באקומט מען אלץ, נאָר ניט קיין סייכל.

* * *

א קינד אָן א פּאָטער – איז אן האלבער יאָסעם, אָן א מוטער א גאנצער יאָסעם.

* * *

א קינד אָן א מאמע איז אזוי ווי א א טיר אָן א קליאמקע.

* * *

בעסער פארלירן א רייכן פּאָטער איידער אן אָרעמע מוטער.

* * *

מיטן מאלכהאמאָוועס טרייבט מען ניט קיין קאטאָוועס.

* * *

בעסער שלעכט געלעבט, איידער גוט געשטאָרבן.

* * *

זיבן זאַכן פאַרקירצן די יאָרן: קאַס און קינע, גייווע און טייווע, רעכילעס, זנוס, ליידיקגיין.

* * *

קיינער ווייסט ניט ווען מאָרגן עס איז.

* * *

דער מאַלכאַמאָוועס קלאַפּט שוין צו אים אין טיר.

* * *

צוויי טויטן זיינען נישטאָ, און איינעם וועסטו ניט אויסמיידן.

* * *

פונעם דאַלעס און פונעם טויט קאָן מען זיך ניט אויסקויפן.

* * *

דער טויט איז אַ ראַיעלער סויכער – ער קלייבט ניט איבער.

* * *

בעסער אַ לעבעדיקער הונט, איידער אַ טויטער לייב.

* * *

איידער אַזוי פאָרן, איז שוין בעסער גיין צופוס.

* * *

בעסער א זיסער טויט, איידער א ביטער לעבן.

* * *

מע זאָל גאָרניט דערלעבן צו שטאַרבן.

* * *

אבי געזונט, דאָס לעבן קען מען זיך אליין נעמען.

* * *

אזוי לאנג דער מענטש לעבט, איז אים די גאנצע וועלט צו קליין, נאָכן טויט איז אים דער קייווער גענוג.

* * *

בעסער צוויי בעהיימעס, איידער איין ציג.

* * *

קאַלזמאן די בעהיימע לאָזט זיך מעלקן, פירט מען זי ניט אין בוינע אוועק.

* * *

וואָס קומט ארויס פון דער גוטער בעהיימע, וואָס גיט אסאך מילך, אז זי שלאָגט דערנאָך דאָס שעפל ארויס.

* * *

פון א קאַרגן גוויר און א פעטן באָק, געניסט מען ערשט נאָכן טויט.

* * *

ווען א קאָץ האָט פליגל, וואָלט זי אַלע פייגעלעך אינדערלופטן דערוואָרגן.

* * *

נישטאָ קיין גוטער הונט – א הונט בלייבט א הונט.

* * *

ניט פון בלאָזן זיך ווערט דער הינדיק פעט.

* * *

אז עס ברענט באַם שאָכן, ביסטו אויך אין סאַקאָנע.

* * *

א באָכער טאָר קיין שאַדכן ניט זיין, א הונט טאָר קיין קאַצעוו ניט זיין.

* * *

אז מע לייגט אריין, געמט מען ארויס.

* * *

אזוי ווי די טויטע עסן, אזא פּנעם האָבן זיי.

* * *

קריעך געפינט מען אין דער שיסל.

* * *

טרייב ניט דאָס פערד מיט געשריי, נאָר מיט האָבער און היי.

* * *

אז מע לייגט זיך שלאָפן אָן וועטשערע, איז נידריק צוקאָפּנס.

* * *

איינער האָט ניט קיין אַפּעטיט צום עסן, דער צווייטער האָט
קיין עסן צום אַפּעטיט.

* * *

וואָס פאר א קלעזמער, אזא כאסענע.

* * *

צוליב דעם האָט גאָט געגעבן דעם מענטשן צוויי אויערן און
איין מיל ער זאָל מער הערן, ווי ריידן.

* * *

די זון שײַנט פֿאַר אַלעמען אומזיסט.

* * *

פֿון זען איז נאָך קײנער ניט בלינד געװאָרן.

* * *

דאָס אױג איז קלײן דאָך זעט עס די גאַנצע װעלט.

* * *

ער האָט אַ שװערע אױג אַז ער קוקט אױף די הינער פֿײגערן די גענדז.

* * *

אױב אים איז ליב, איז מיר ניכע.

* * *

צען מאָל טראַכטן, אײן מאָל פֿאָרן.

* * *

זעקס מאָל מעסטן, אײן מאָל שנײַדן.

* * *

פֿריער געמאַכט און דערנאָך געטראַכט האָט שױן ניט אײנעם פֿיל צאָרעס געבראַכט.

* * *

אז מע בריט זיך אָפּ מיט הייסן, בלאָזט מען אף קאלטן.

* * *

ווער עס פרעגט, יענער בלאָנדזשעט ניט.

* * *

פרעגן קאָסט קיין געלט ניט.

* * *

עס איז א רייע פון דער אלטער באבע כייע.

* * *

ווען די באָבע וואָלט געהאָט א בארד, וואָלט זי געווען א זיידע.

* * *

די קאַץ זאָל לייגן אייער, וואָלט זי געווען א הון.

* * *

אזוי ווי מע שפּילט, אזוי טאנצט מען.

* * *

ווי מען האקט דאָס האָלץ, אזוי שפרינגען די שפּענער.

* * *

מע דערקענט דעם פויגל לויט די פעדערן.

* * *

מע דערקענט לויט די באקן, ווי די ציינער קנאקן.

* * *

ער איז א באָקי אין קליינע אויסיעלעך. ער שרייבט נויאך מיט זיבן גרייזן

* * *

א מיטלמעסיקער פארשוין – ניט קיין גרויסער כאָכעם, ניט קיין קליינער נאר.

* * *

ער איז א גרויסער קענער – ער קען גוט עסן.

* * *

ער לערנט שטענדיק און קען מאקעס.

* * *

פון ליידיקע פעסער איז דער טומל גרעסער.

* * *

וואס דער מענטש פארשטייט ווייניקער איז פאר אים געזנטער.

* * *

א שפריך וואָרט, א כאָכמע איז גוט, ווען עס איז צום אָרט.

* * *

די גרעסטע כאָכמע איז ניט ריידן קיין נארישקייט.

* * *

כאפט זיך ארויס א נארישקייט, ווערסטן עס צוריק ניט כאפן.

* * *

נישקאָשע, דער קאָפ איז אים נאָך ניט אויסגעדארט.

* * *

צוויי קלוגע מאכן דעם דריטן צום נאר.

* * *

ווו מע דארף האָבן מויעך, העלפט ניט קיין קויעך.

* * *

די נויט שאצט דעם סייכל.

* * *

מיט פרעמדן סייכל קאָן מען זיך ניט אויסלעבן.

* * *

פֿאַרבּרענט זאָל ווערן דער סייכל, וואָס קומט צו שפּעט.

* * *

מיט כאָכמע אַליין גייט מען ניט אין מאַרק אַרייַן.

* * *

וואָס טויג דער גוטער קאָפּ, אַז די פֿיס קאָנען אים ניט טראָגן?

* * *

אַלע קלוגע גייען צופֿוס, אַלע נאַראָנים פֿאָרן אויף קאַרעטעס.

* * *

אַז מע האָט מאַזל, דאַרף מען קיין כאָכעם ניט זייַן.

* * *

אַז מע וויל זייַן צו קלוג, באַנאַרעשט מען זיך.

* * *

אַ כאָכעם באַלייַלאָ, אַ מיפּעש באַטאָג.

* * *

ווען גאָט האָט פאַנאַנדערגעטיילט מענטשן סייכל, ביסטו ניט געווען אינדריים.

* * *

א שיקער קאָן זיך אויסשלאָפן, נאָר א נאר קאָן ניט קלוגער ווערן.

* * *

בעסער א קרומער פוס, איידער א קרומער קאָפּ.

* * *

א קאָפּ אָן סייכל איז ווי א לאָמפּ אָן פייער.

* * *

אז מע האָט ניט קיין סייבל, זאָל מען ניט געבוירן ווערן.

* * *

דעם קלוגן העלפט א וואָרט, דעם נאר העלפט אפילע קיין בייטש ניט.

* * *

האָסטו געטאָן א נאר גוטס, וועט ער עס דיר קיינמאָל ניט מויכל זיין.

* * *

דאָס גוטס, וואָס טוסט דעם מענטשן, געדענקט ער לאנג, דאָס שלעכטס נאָך לענגער.

* * *

פארוואָס פארמאכט דער האָן די אויגן, ווען ער קרייעט? זאָל די וועלט מיינען, אז ער ווייסט עס אויסוויייניק.

* * *

מע איז געפאָרן אף דער כאסענע און פארגעסן דעם כאָסן אינדרהיים.

* * *

אלע מעכוטאָנים האָט מען גענומען אף דער כאסענע, נאָר די קאלע פארגעסן אין דער היים.

* * *

אן איינרעדעניש איז ערגער פון א קרענק.

* * *

וואָס דער מענטש קאָן איבערטראכטן, קאָן דער גרעסטער סוינע ניט אנווינטשן.

* * *

פאר א ווייב איז קיין סאָד נישטאָ.

* * *

זאָג דער ווייב א סאד און שנייד איר אָפּ די צונג.

* * *

וואָס בא א ניכטערן אף דער לונג, איז בא א שיקערן אף דער צונג.

* * *

אז מע עסט ניט קיין קנאָבל, שטינקט ניט פון מויל.

* * *

אז מע האָט ניט אין קאָפּ, מוז מען האָבן אין די פיס.

* * *

מיט א קאַץ שיקט מען ניט קיין שאלעכמאָנעס.

* * *

א הונט שיקט מען ניט אין יאַטקע אריין.

* * *

א קאַץ טאָר מען פאר קיין סאַרווערן ניט שטעלן.

* * *

א בוים בויגט זיך, ווען ער איז יונג.

* * *

א יונג ביימעלע בייגט זיך, אן אלטס ברעכט זיך.

* * *

גוט איז זיך לערנען גאָלן אף יענעמס באָרד.

* * *

אַז מע רייבט זיך אויס, ווערט מען א שמאטע.

* * *

א שאמעס בא א גוטן ראָוו, קען אויך פאסקענען שיילעס.

* * *

ער האָט א צונג אָן ביינער.

* * *

ער זאָגט נאָר צוויי מאָל אין יאָר ליגן – זומער און ווינטער.

* * *

אירע אויערן הערן ניט, וואָס דאָס מויל רעדט.

* * *

וואָס ער זאָגט, דאָס מיינט ער ניט, וואָס ער מיינט, דאָס זאָגט ער ניט.

* * *

בעסער איז א מיעסער עמעס, איידער א שיינער ליגן.

* * *

בעסער אן ערלעכער פּאטש, איידער א פאלשער קוש.

* * *

אן אקשן זיין איז די גרעסטע קרענק.

* * *

פאר אקשאָנעס איז קיין רעפוע נישטאָ.

* * *

אז מע דארף דעם גאנעף, נעמט מען אים פון דער טליע.

* * *

אָפּערואשן קאָן מען בלויז דעם גוף, נאָר ניט די נעשאָמע.

* * *

אז מע איז געזונט, איז מען שוין רייך.

* * *

איידער דריי יאָר קראַנק זיין, איז בעסער דריי יאָר געזונט.

* * *

דער שוואַרציאַר נעמט אים ניט.

* * *

ווער עס האָט ניט קיין סייכל, דאַרף קיין יאָרן ניט האָבן.

* * *

מיט סייכל וועסטו אַפילע אַ לייב קענען פאַנגען.

* * *

אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן און שוואַכער פון אַ פליג.

* * *

אַ שטערן ליגט מען אין דער ערד אַרייַן.

* * *

ער איז אַליין איבער זיך אַ גאַזלען.

* * *

דער מענטש איז שוין מערער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער וועלט.

* * *

ער שטעקט שוין מיט איין פוס אין קבֿר.

* * *

אן איינגערעדטע קרענק איז בעסער, ווי אן עמעסע.

* * *

בעסער א געזונטער אָרעמאַן, איידער א קראנקער נאָגיד.

* * *

א צעבראָכענע קיילע קאָן מען ניט צונויפקלעפּן.

* * *

איינער ווערט קראנק פון איבערעסן, דער צווייטער פון ניטדערעסן.

* * *

עס איז נישטאָ קיין ערגערס, ווי ציינווייטעק.

* * *

א צעבראָכענע קיילע קאָן מען ניט מאכן גאנץ.

* * *

גוט איז די דאָקטוירים – זייערע פעלערן דעקט צו די ערד.

* * *

ווי זאָל דאָס שעפעלע רויק עסן, אז באנאנד שטייט דער וואָלף.

* * *

דער וואָס טרינקט זיך כאַפּט זיך אָן פאַר א שטרוי.

* * *

ווו דער שטריק איז דיק, דאָרטן רייסט ער זיך.

* * *

איך האָב ליב ריידן מיט א פּאַסקודניאַק – זאָגט מיר, ווי פילט איר זיך?

* * *

א געראָטענער – אים איז גוט שיקן נאָכן מאַלכּהאַמאָוועס.

* * *

ער וויל, אז געבראָטענע פייגעלעך זאָלן אים פליען אין מויל אריין.

* * *

די שווערסטע מעלאָכע איז ליידיק גיין.

* * *

ארבעט ברענגט ברויט. פוילקייט – נויט.

* * *

אָרעמקייט און פוילקייט זיינען ווי צוויי ברידער.

* * *

אז מע איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.

* * *

די קאַץ האָט ליב פיש, נאָר זי פוילט זיך די פיס איינעצן.

* * *

שפּיי ניט איז ברונעם, וועסט נאָך פון אים דאַרפן טרינקען.

* * *

וואַרף ניט אַוועק די ברעקלעך, איידער דו האָסט ברויט.

* * *

געבענטשט איז דער גראָשן, וואָס איז מיט שווייס באַגאָסן.

* * *

מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שאַרן.

* * *

ער האָט שוין געפּאַקט און געמאָזלט.

* * *

ניט לאנג געטראכט און גוט געמאכט.

* * *

עס טראָגט אים, ווי דער רועך דעם מעלאמעד.

* * *

קאָלזמאן מע לעבט, איז אלץ קיין צייט נישטאָ.

* * *

פון גרויס איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס.

* * *

גיי פּאוואָליע ועסטו גיכער קומען.

* * *

דער קרוג טראָגט אזוי לאנג וואסער, ביז ער בלייבט אָן אויערן

* * *

פאלן פאלט מען אליין, אבער קעדיי אופשטייך, ראָרף מען די האנט פון א גוטן פריינט.

* * *

אומעטום איז גוט האָבן הילף, נאָר ניט בא דער שיסל.

* * *

צווישן צוויי, וואָס שלאָפֿן אױף איין קישן, טאָר זיך דער דריטער ניט מישן.

* * *

סיי די ציג איז גאַנץ, סיי דער וואָלף איז זאַט.

* * *

אויף שאָלעם שטייט די וועלט.

* * *

א שלעכטער שאָלעם איז בעסער, ווי א גוטער קריג.

* * *

דער ערגסטער שאָלעם איז בעסער, ווי די בעסטע מילכאָמע.

* * *

מע טאָר ניט בעטן אױף קיין בעסערן נייעם קייסער.

* * *

א שטוב אָן א בעלעבאָסטע איז ווי א וואָגן אָן רעדער.

* * *

אז דער קאַצעוו גייט אוועק פונעם קלאָץ, שפרינגט ארויף דער הונט.

* * *

די גרינגסטע זאַך איז געבן יענעם אַן אייצע. די שווערסטע – זיך אַליין.

* * *

באַראַט זיך מיט וועמען די ווילסט, נאָר טו מיט דיין אייגענעם סייכל.

* * *

פרעג אַן אייצע בא דיין סוינע און טו פאַרקערט.

* * *

נע דאַי באָג ז איוואַנאַ פאַנאַ.

* * *

ווען דער כאַזער וואָלט געהאַט הערנער, האָלט די וועלט קיין רו ניט געהאַט.

* * *

בעסער איין קו אין שטאַל, איידער צען אין פעלד.

* * *

בעסער אַן האָן אין דער האַנט, איידער אַן אָדלער אין הימל.

* * *

בא אסאך ניאנקעס ווערט דאָס קינד דערשטיקט.

* * *

ווו עס זיינען דאָ אסאך קיכנעס, דאָרט איז דאָס עסן רוי.

* * *

א קראנקן פרעגט מען, א געזונטן גיט מען.

* * *

א געשאָנקענעם פערד קוקט מען ניט אין די ציין.

* * *

אויב די טיר עפנט זיך ניט פארן אָרעמאן, וועט זי זיך עפענען פארן דאָקטער.

* * *

דער ווייטסטער וועג איז צו דער קעשענע.

* * *

בעסער איין מאָל נעמען, איידער צוויי מאָל געבן.

* * *

בעסער א קאָשערער גראָשן, איידער א טרייפער רובל.

* * *

ער איז נאָך געווען א גאַנעף אין דער מאַמעס בויך.

* * *

ער איז דעם אלטן גאַנעפס אַן אוראייניקל.

* * *

א שיינער איכעס – זיין עלטער זיידע איז נאָך געווען א גאַנעף

* * *

דאָס איז שוין א געשמיסענער.

* * *

ער האָט זיין אייגן אומזיסט בעט אין טורמע.

* * *

נאָך איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט ריידן, האָט ער שוין געקאָנט גאַנווענען.

* * *

די הענט האָבן אים אָף די פיס געשטעלט.

* * *

קיין טאַנץ גייט ניט פאַרן עסן.

* * *

אריין – איז דער טויער אין טורמע גאנץ ברייט, ארויס – מעסוקן שמאָל

* * *

אז מע לייגט אריין קאדאָכעס, נעמט מען ארויס קרענק.

* * *

אז עס איז נישטאָ אין טאָפּ, איז נישטאָ אין טעלער.

* * *

דעם גאנצן קעז לייגט מען ניט אריין אין איין קרעפּל.

* * *

ווילסטו פאָטער ווערן פון א פריינט – אנטליי אים א גמילעס כעסעד.

* * *

אז מע אַנטלייט עמעצן געלט, קויפט מען זיך א סוינע אפן גאנצן לעבן.

* * *

עלטערן קענען אלץ געבן זייערע קינדער, אָבער ניט קיין מאזל.

* * *

די לעצטע קאפּאָטע פאַרזעצן, נאָר א נאָגעד זאָל מען זיין.

* * *

עס גייט אים דורך טיר און טויער.

* * *

בעסער געהאַקטע לעבער, איידער געהאַקטע צאָרעס.

* * *

עס גייט אים מיט דער פּוטער אראָפּ.

* * *

א גרויסער וואָלקן און א קליינער רעגן.

* * *

מע קאָן שוין נאָך אים זאָגן קאדעש.

* * *

גיי זוך דעם פאראיאָריקן שניי, דעם נעכטיקן טאָג.

* * *

עפּן ברייטער אויף די טיר – דער שלימאזל גייט.

* * *

ער האָט א גוט אויג. ער זאָל א קוק טאָן אין טייך, וואָלטן געפייגערט אלע פיש.

* * *

ער איז א שלימאזל. זאָל ער אָנהייבן האנדלען מיט טאכריכים, וואָלט מען אופגעהערט שטארבן.

* * *

אז א שלימאזל גייט טאנצן, צעררייסן זיך בא די קלעזמער די סטרונעס.

* * *

ווען מע ווייסט, אז מע וועט פאלן, וואָלט מען זיך אונטערגעלייגט שטרוי.

* * *

פאלן איז אסאך גרינגער, ווי זיך אופהייבן.

* * *

די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט זיינען יידן. פאר אלעמען צעצאָלן זיי זיך.

* * *

אז מע גאנוועט ארויס די פערד, פארשליסט מען די שטאל.

* * *

אים איז גוט, ווי בא דער אייגענער מאמען.

* * *

אז דאָס לעבן איז זיס, איז די וועלט הפקר.

* * *

די נויט מאַכט דעם מענטשן בעסער. דאָס גליק מאַכט אים ערגער, שלעכטער.

* * *

אז עס קומט צום לעבן, דאַרף מען שטאַרבן. (סטייען ניט קיין יאָרן)

* * *

א גאָלדענער שליסל עפנט אַלע טירן.

* * *

ווער עס האָט די מיי, דער האָט די דיי.

* * *

פאַר געלט באַקומט מען אַלץ, אָבער ניט קיין שׂכל.

* * *

פאר געלט קריגט מען אלץ, נאָר ניט טאטע - מאמע.

* * *

די לעצטע פאָר הויזן פארזעצן, נאָר א געוויר זיין.

* * *

מע זאָגט אָרעמע לייט, ווייל קיין רייכע זיינען קיין לייט ניט.

* * *

וואָס מער קאפצן מער הוליאקע, וואָס מער נאָגיד - מער סאָבאקע

* * *

דער גאָגיד טראָגט זיין גאָט אין קעשענע, דער קאפצן - אין הארצן.

* * *

דער נאָגיד האָט ליב קאָוועד, ווי א קאץ סמעטענע.

* * *

פון קישן דעם גוויר אין הינטן האָט מען שיינע קאדאָכעס.

* * *

אָרעם און רייך זיינען אין קייווער גלייך.

* * *

דער דאלעס פייפט פון אלע שפּאָרונעס.

* * *

עס איז בא אים הענג אין קעשענע.

* * *

ער האלט שוין זייער שמאָל.

* * *

ער איז נעבעך בלינד - ער זעט ניט קיין גראָשן.

* * *

זאָל דאָס אונדז צוקומען, וואָס אים פעלט.

* * *

ער האָט אזויפיל געלט, וויפל א ייד כאזיירעם.

* * *

די וועלט איז פול מיט צאָרעס, אָבער יעדערער פילט נאָר זיינע.

* * *

קיינער ווייסט ניט ווּעמען דער שיך קוועטשט.

* * *

אבי יאָרן, קיין צאָרעס איז מען ניט זשעדנע.

* * *

פון גליק ביז אומגליק איז איין שפאַן. פון אומגליק ביז גליק איז א מייל.

* * *

וואָס דער מענטש טוט זיך אמאל אליין, ווּעלן אים קיין צען סאָנים ניט טאָן.

* * *

א מענטש קאָן אף זיך מער דערטראָגן, וויפל צען אָקסן קענען דערשלעפן.

* * *

אז מע קאָן ניט איבערוואַרטן דאָס שלעכטע, קאָן מען ניט דערלעבן דאָס גוטע.

* * *

דאָס גוטע און דאָס שלעכטע איז ניט אף אייביק.

* * *

עס איז נישטאָ קיין רויז אָן דערנער.

* * *

בעסער געפּילטע פיש, איידער געפּילטע צאָרעס.

* * *

ווען צאָרעס לייגן זיך ניט אפן פּאָנעם, לייגן זיי זיך אפן הארצן.

* * *

דאָס גוטע געדענקט זיך לאנג. דאָס שלעכטע נאָך לענגער.

* * *

וואָס א אָרעמאן רייסט ניט אָפּ מיט גוואלד, האָט ער ניט.

* * *

ווען אָרעמע מיידלעך גייען טאנצן, הערן אוף די קלעזמער שפּילן.

* * *

באם רייכן מערן זיך די רינדער, באם קאפּצן מערן זיך די קינדער.

* * *

אז אַ קאַפּצן הוליעט זיך פֿאַנאַנדער איז בײַ אים אַ גראָשן קיין געלט ניט.

* * *

דער נגיד עסט ניט קיין גאָלד און דער אָרעמער עסט ניט קיין שטיינער.

* * *

ווען פֿרייט זיך דער קאַפּצן – ווען ער פֿאַרלירט און געפֿינט.

* * *

ווינטער ווערסטו בײַ אים קיין שטיקל אײַז אומזיסט ניט קריגן.

* * *

ווען ער גיט דעם אָרעמאַן אַ נדבֿה, ציטערן בײַ אים די הענט.

* * *

אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס.

* * *

אין די אויגן קאָן מען ארײַנקוקן, ניט אין האַרצן.

* * *

די שטוב ברענט און דער זייגער גייט.

* * *

אז מע איז אינקאס אפן כאזן, שפרינגט מען ניט קיין קדושע?

* * *

אז א קו ווערט אין קאס, טוט זי א בריק און קערט אום די דויניצע.

* * *

טרעט אָן אף א קאָטשערע, וועט זי איך אָפּשפרונגען.

* * *

א שוועבעלע צינדט זיך גלייך אָן און ווערט גיך פארלאָשן.

* * *

ער פרייט זיך, וואָס די מאמע האָט אים געהאט און ניט קיין פרעמדע יידענע.

* * *

בעשאס מע וויינט זעט קיינער ניט, בעשאס מע לאכט זעען אלע.

* * *

אייביק לעבט מען ניט, צוויי מאָל שטאַרבט מען ניט.

* * *

טשעפּעט אים ניט. עס שטייט אים שוין דער וואַסערפירער אין די אויגן.

* * *

בעסער א לאָך אין קעשענע, איידער א לאָך אין האַרצן.

* * *

א כעסאָרן – די קאַלע איז צו שיין.

* * *

ער איז שיין און איך בין קלוג.

* * *

א שיין מיידל איז אַן האַלבער נאַדן.

* * *

ניט דאָס שיינע פּאָנעם איז דעריקער, נאָר דאָס שיינע האַרץ.

* * *

כּאָטש שוואַרץ, נאָר אַ גוט האַרץ.

* * *

אַז די מויד איז מיעס זאָגט זי, אַז דער שפּיגל איז שולדיק.

* * *

בעסער אַ מיעס ווייב פאַר זיך, איידער אַ שיינע פאַר אַנדערע.

* * *

בײַ אים איז אַ גלאַטער קאָפּ. כאָטש נעם און קאַטשע אויף אים אַ בלאַט לאָקשן.

* * *

בעסער אַ מיעסע לאַטע, איידער אַ שיינער לאָך.

* * *

ווען נייט אַ שניידער אומזיסט? ווען ער פאַרגעסט מאַכן אַ קניפּל.

* * *

פון זייך מויל אין גאָטס אויערן.

* * *

אף גאָט דאַרף מען האָפן, אָבער אַליין אויך ניט שלאָפן.

* * *

אָט האָסטו דיר – די צווייטע טעג יאָמטעוו!

* * *

אַז מע ריכט זיך אויף א גרויסן אוילעם, קומט קיין מעשוגענער הינט ניט.

* * *

זיינע טעג זיינען געציילטע.

* * *

אַז דאָס איז ניט קיין מענטש. א בעהיימע בעצייראָס פערד.

* * *

א העלד – עס קלאַפּט בא אים א צאָן אָן א צאָן.

* * *

ער שרייט "הוראַ!" אין האַרבל אַריין.

* * *

האָסט מוירע, לייען קרישמע.

* * *

מע האָט געמאכט אן אנאליז: דער מענטש פארמאָגט אכט און צוואנציק פראָצענט פאכעד, דריי פראָצענט צוקער, און זיבעציק פראָצענט כוצפע.

* * *

פאר א צאפ האָט מען מוירע פונפאָרנט, פאר א פערד – פון הינטן, פאר א נאר – פון אלע זייטן.

* * *

אז מע קאָן ניט בייסן, זאָל מען די ציין ניט ווייזן.

* * *

אז מע האָט ניט קיין פינגער, קאָן מען קיין פייג ניט ווייזן.

* * *

פאר פאכעד איז אף אים דאָס העמד ווייס געוואָרן.

* * *

מע האָט נאָך דעם בער ניט געשאָסן, און מע טיילט שוין זיין פעל.

* * *

ווער עס וואגט ניט, דער האָט ניט.

* * *

קאַלזמאַן מע לעבט, איז אלץ צו ווייניק.

* * *

אז דער מענטש האָט ברויט וויל ער קוילעטש.

* * *

א מעגטש האָט גרויסע אויגן – אלץ איז אים ווייניק.

* * *

ווען מע וואָלט אים געלאָזט נעמען פון דער וועלט, וואָס זיין הארץ גלוסט, וואָלט ער א צווייטן גאָרניט ניט איבערגעלאָזט.

* * *

קריך ניט צו הויך, וועסטו ניט דארפן נידריק פאלן.

* * *

אז מע פליט צו הויך, פאלט מען צו נידריק.

* * *

אז מע קוקט צופיל ארוף, פארפאָראָשעט מען די אויגן.

* * *

צוליב אמביציע גייט מען אָפט פון גאניידן אין גענעם.

* * *

דיר געפעלט ניט, וועסטו מיט מיר קיין שידעך ניט טאָן.

* * *

ער מאכט זיך גרויס, מיינט, אז ער איז ראָטשילדס א אייניקל.

* * *

אז מע האלט זיך צו נידריק, טרעט יענער אפן קאָפּ.

* * *

אז גאָט טוט א טויווע, בארימט ער זיך ניט פאר קיינעם.

* * *

זוך דיר נייע פריינט, נאָר פארגעס ניט די אלטע.

* * *

אף א צעריסענער פריינאשאפט וועסטו קיין לאטע ניט לייגן.

* * *

א גוטן פריינט באקומט מען אומזיסט, א סוינע מוז מען זיך קויפן.

* * *

בעסער איין גוטער פריינט, איידער צען סאָנים.

* * *

אף יענעמס סימכע האָט מען א גוטן אפעטיט.

* * *

וואָס קלענער דער אוילעם, איז גרעסער די סימכע.

* * *

ער האָט אסאך געדוויכערט, געמיינט, אז ער האָט ווייניק ביטערקייט אף זיין לעבן פארזוכט.

* * *

אהין, ווו מע האָט דיך ליב, גיי ווייניק. אהין, ווו מע האָט דיך פיינט, גיי אינגאנצן ניט.

* * *

זאָל נאָר זיין דער טיש געדעקט, געסט וועלן זיך געפונען.

* * *

דריי טעג איז מען א גאסט, שפעטער ווערט מען א לאסט.

* * *

אן אומגעבעטענער גאסט איז ערגער, ווי א בלאָטער.

* * *

אז דער אוירעך הוסט, הייסט עס, סיפעלט אים א לעפל.

* * *

אז מע פרייט זיך מיט א גוטער וועטשערע, טראָגט דער רועך
אָן א אומגעבעטענעם גאסט.

* * *

א מענטש מיט גוטע מאנירן שלאָגט זיך דורך אלע טירן.

* * *

ניט מיט שעלטן, ניט מיט לאכן קאָן מען די וועלט איבערמאכן.

* * *

איין האָר פון א מיידלס קאָפ שלעפט שטארקער פון צען אָקסן.

* * *

אן אלטע ליסע זשאווערט ניט.

* * *

מיט זאבאָבאָנעס כאפּט מען פייגעלעך און מיט מאטעס –
מיידעלעך.

* * *

גאנאָווים און פארליבטע האָבן ליב פינצטערניש.

* * *

א טראָפּן ליבע ברענגט אמאָל א יאם טרערן.

* * *

פון א פאלשער ליבע באקומט ער קאָפּווייטעק און זי –
בויכווייטעק.

* * *

צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט.

* * *

מיט וואָס שמעקט א כאָסן נאָך דער כאסענע? מיט דער נאָז.

* * *

פון אן אלטער מויד איז געוואָרן א יינג ווייבל.

* * *

זיי האָבן זיךביידע שטארק ליב. ער - זיך און זי - זיך.

* * *

פרי אופשטיין און פרי כאסענע האָבן - שאט ניט.

* * *

אז מע טוט א שידעך, דארף מען זעען מיט וועמען מע וועט זיך דערנאָך דארפן צעגיין.

* * *

אן אָקס מיט קיין פערד שפאנט מען ניט אין איין וואָגן.

* * *

וואסער מיט פייער איז קיין שידעך ניט.

* * *

א מענטש איז געגליכן צו א שוסטער - א שוסטער דארף האָבן א ווייב און א מענטש אויך.

* * *

גאָט זיצט פונויבן און פאָרט פון אונטן.

* * *

דער שענקער האָט ליב דעם שיקער, אבער זיין טאָכטער וועט ער אים ניט געבן.

* * *

בעסער א יונגע האלמאָנע, איידער אן אלטע מויד.

* * *

פון פארטריקנטע ביימער קומען קיין פיירעס ניט ארויס.

* * *

שלעכטס טאָן א מענטשן – טויזנט מאָל באטראכט זיך. גוטס – פארטראכט זיך ניט!

* * *

קוק אפן מיידל, ניט אפן קליידל.

* * *

אז גאָט וויל כויזעק מאכן פון א מענטשן, נעמט ער בא אים אף דער עלטער אָפּ דאָס ווייב.

* * *

א ווייב שטעלט אף די פיס און ווארפט פון די פיס.

* * *

ווייבער זיינען געבילדעטע. זיי קענען צוויי שפראכן – פאר דער כאסענע און נאָך דער כאסענע.

* * *

א קליין ווייבעלע קען אייך האָבן א גרויס מויל.

* * *

דאָס ערשטע ווייב איז פון גאט, דאָס צווייטע פון מענטשן, דאָס דריטע פונעם טייוול.

* * *

דאָס ערשטע ווייב איז ווי א הונט, דאָס צווייטע, ווי א קאץ, דאָס דריטע ווייב איז ווי א כאזער.

* * *

ווען אן אלטער מאן נעמט א יונג מיידל, איז ער ווי א הונט אף א וואָגן היי.

* * *

אז מע דאַרף אַן אַלטן מאַן שטעלן פּיאַוּקעס, זאָל ער נעמען אַ יונג ווייב.

* * *

אַ יונגע פרוי און אַלטער ווײַן – פון ביידן פאַרלירט מען דעם סייכל.

* * *

אַ יונג ווייבעלע איז ווי אַ שײַן פייגעלע – מע מוז עס האַלטן אין אַ שטייגעלע.

* * *

אז אַ יינג מיידל נעמט אַן אַלטן מאַן, בלייבט זי אַ יונגע האַלמאָנע.

* * *

מע טאָר ניט גלייבן דעם פערד אין וועג און דער ווייב אינדרהיים.

* * *

יענעמס ווייב איז אַזויווי אַ סייפער טוירע. עס איז אַ מיצווע זי אַ קוש טאָן.

* * *

א ווייב באַגראָבן איז אַזוי ווי ציבעלע עסן. די אויגן וויינען, אָבער דאָס האַרץ לאַכט.

* * *

זיי ניט צו זיס, מע זאָל דיך ניט אויפֿעסן, זיי ניט צו ביטער מע זאָל דיך ניט אויסשפּייען. זיי פּאַשעט אַ גוטער מענטש.

* * *

דער מענטש איז אַ גוטער ביז דער קעשענע.

* * *

באַדיי זיך אַרויסנעמען אַן אויג אַבי יענעם צוויי.

* * *

מער ווי מיט אַ זיפֿץ, קען איך אים מיט גאָרניט העלפֿן.

* * *

ער איז אַ גוטער אויף יענעמס קעשענע. (כעזשבן)

* * *

ער איז אַ דימענט – מע קאָן מיט אים שניידן גלאָז.

* * *

ער איז א גוטער מענטש, נאָר דער בייזער הונט לאָזט צו אים ניט צו.

* * *

ביסטו שוין א הונט, זיי זשע ניט קיין כאזער.

* * *

רוף מיך בער, נאָר טרייב מיך ניט אין וואלד אריין.

* * *

בעסער אן אומרעכט לײדן, איידער אן אומרעכט טאָן.

* * *

אף קיין ווונד טאָר מען קיין זאלץ ניט שיטן.

* * *

ווער עס גראָבט א גרוב אף יענעם, פאלט אליין אריין.

* * *

פון א הונט קאָן מען אפילע קיין רעכטן פעלץ ניט מאכן.

* * *

א הונט, וועלכער בילט, בייסט ניט.

* * *

אף א שלאנג טאָר מען קיין ראכמאָנעס ניט האָבן.

* * *

דער וואָס זיצט באם בוך, שרייבט זיך אָן א גוט יאָר.

* * *

א דאנק וועסטו אין קעשענע ניט ארייינלייגן.

* * *

פון קינע קומט סינע.

* * *

בא אים - וואָס אף דער לונג, דאָס אף דער צונג.

* * *

אזוי זיך א מענטשל: ניט צו גאָט און ניט צו לייט.

* * *

מיט צען וואסערן וועסטן דאָס ניט אָפוואשן.

* * *

ער איז ניט ווערט קיין גוט וואָרט.

* * *

ער איז ניט ווערט, וואָס די זון ווארעמט אים.

* * *

וועסט זיך אָנהייבן מיט דעם גאַרניט, וועסטו ענדיקן מיטן.
מאַלכהאַמאָוועס.

* * *

אַזעלכע זאָל מען געדיכט זייען און שיטער זאָלן זיי אופגייען.

* * *

דאָס איז אַ קאָשערע נעשאָמע מיט אַ טרייפענעם גוף.

* * *

ער איז אַ שיינער פאַרשוין - אַף דער מאַציייווע.

* * *

ער איז אַזוי זיך - ניט צו גאָט און ניט צו לייט.

* * *

א גוט מענטשעלע. ער וועט מיט זיין טויט ניט שטארבן.

* * *

מע דארף זיי אלעמען אופהענגען אף איין שטריק.

* * *

זיין טאטע זאָל אופשטיין פונעם קייווער און א קוק טאָן וואָס פון דעם בענאָקל איז געוואָרן, וואָלט ער זיך גלייך אומגעקערט אהין.

* * *

קראָפּעווע וואקסט אָן א רעגן.

* * *

דאָס בעסטע שטיקל כאפּט אויס דער הונט.

* * *

פון קיין כאזערישן עק קאָן מען קיין שטריימל ניט מאכן.

* * *

קאָווער איז פונקט, ווי א שאָטן. וואָס מער מע לויפט אים נאָך, אלץ ווייטער אנטלויפט ער.

* * *

יאָג זיך ניט נאָך קאָוועד, וועט ער אַליין צו דיר קומען.

* * *

שאַנד איז ניט קיין רויעך – זי עסט ניט די אויגן.

* * *

בעסער א שאַנד אין פּנים, איידער א קרענק אין בויך.

* * *

בעסער א ווייטעק אין האַרצן, איידער א כאַרפּע אין פּנים.

* * *

א פּאַטש פאַרגייט, א וואָרט באַשטייט.

* * *

אָדעם א מענטש, ציפּויר א פויגל, קאַטשקע רוק זיך.

* * *

ער איז ווערט א מעדאַל און א פּוד אייזן.

* * *

ער איז ווערט א מעדאַל פון קאַרטאָפליעס און פון ציבעלע.

* * *

די וועלט האָט פֿיינט דעם מאָסערניק און דעם מוסערניק.

* * *

דער מענטש האָט גרויסע אויגן און זעט ניט זיינע אייגענע פֿעלערן.

* * *

כעסרוינעס זעט מען בלויז בא יענעם.

* * *

יעדערער זעט נאָר יענעמס אויקער, אָבער ניט זיין אייגענעם.

* * *

א בייזע צונג איז ערגער, ווי א שלעכטע האנט.

* * *

די מעסירע האָט מען ליב, דעם מאָסער האָט מען פֿיינט.

* * *

אז מע קען ניט שרייבן זאָגט מען, אז די פֿען איז א שלעכטע.

* * *

וויאזוי מע שמירט, אזוי פֿאָרט מען.

* * *

ווייך געבעט, אבער הארט צו שלאָפֿן.

* * *

אפֿן גאנעף ברענט דאָס היטל.

* * *

אז מע קלאפּט אין טיש רופֿט זיך אָפּ דאָס שערל.

* * *

סייכל און כאראָטע קומען שטענדיק צו שפּעט.

* * *

ער ווערט שיקער פֿון א בולקעלע.

* * *

פֿון א שטיקל קעז איז ער שיקער געוואָרן.

* * *

גערעכט ביסטו, אָבער שמייסן דארף מען דיך, זאָלסט וויסן,
ווער עלטער עס איז.

* * *

רעבוינאָשעלווילאָם, שרעק מיך, נאָר שטראָף מיך ניט.

* * *

א גוטן העלפט א וואָרט, א שלעכטן העלפט קיין שמיץ ניט.

* * *

דאָס בעסטע שטיקל כאפט אויס דער כאזער.

* * *

גאָט איז דער בעסטער דאָקטאָר.

* * *

רעבוינאָשעלווילאָם א וועלט האָסטו באשאפן - אזא יאָר אף מיר, פירן פירט זי זיך, די וועלט, - אזא יאָר אף מיינע סאָנים!

* * *

גאָט לעבט אויבן און מיר מוטשען זיך אונטן.

* * *

ווען מע זאָל קענען צו גאָט זיך ארופדראפען, וואָלט מען אים אויסגעהאקט אלע פענצטער.

* * *

דער גענעם איז ניט אזוי *שלעכט*, ווי דאָס קומען צו אים.

* * *

א ראָוו א *שלימאזל*. - ווו ער זאָל ניט ווערן ראָוו, ברענט אָפּ דאָס *שטעטל*, ווו ער זאָל ניט ווערן ראָוו - *שמאדט* זיך אָפּ די קעהילע.

* * *

לויטן פאָנעם - דארף ער זיין א כאזן, לויט דער *שטימע*, דארף ער זיין א גרויסער כאָכעם.

* * *

אז מע האָט ניט וואָס צו טאָן, געמט מען זיך צו קאָהאָלשע זאכן.

* * *

צו קאָהאָל דערלייגט מען ניט.

* * *

דער גאבע האָט דאָס בעסטע ביסל מילכיקס - ער מעלקט די גאנצע קעהילע.

* * *

א כאַזן נעמט געלט פֿאַר שרייען און אַ ראָוו פֿאַר שווייגן.

* * *

אַז מע איז אײַנקאַס אַפֿן כאַזן, שרײַט מען ניט קיין "אָמיין!?"

* * *

א כאַזן אָן א קאָל איז ווי א שאָף אָן וואָל.

* * *

אף דריי זאכן שטייט די וועלט - אף טוירע, אף טפילע און אף גמילעס - כעסעד.

* * *

אף פיר זאכן דארף א מענטש בעטן: אף גוטן מעלעך, אף א גוטער ווייב, אויף א גוט יאָר, און אף א גוטן כאַזן.

* * *

יעדערער בעט אף א שטיקל ברויט און מיינט א טרינק בראנפן.

* * *

שריי ניט אזוי! קאָנסט, כאָלילע, אופוועקן דעם אייבערשטן.

רעבוינאָשעלוילאָם, גיב מיר נאָר דאָס שטיקל ברויט, א טרונק בראמפן וועל איך זיך שוין יאקאָס אליין געפינען.

* * *

גאָטעניו, הייב מיך ניט הויך אוף, און ווארף מיך ניט נידריק אראָפּ.

* * *

רעבוינאָשעלוילאָם, גיב מיר ברויט אזוי לאנג, ווי איך האָב ציין.

* * *

פורים איז ניט קיין יאָמטעוו, קאדאָכעס (פיבער) איז ניט קיין קרענק.

* * *

א גאסט אף א ווייל זעט אף א מייל.

* * *

א הונט זאָל זיין הארץ אויסכאפן, וואָלט ער מעשוגע געוואָרן.

* * *

אף א יונגן בּים שפרינגען אלע ציגן.

* * *

אומזיסט איז נאָר דער טויט, און דאָך קאָסט ער דאָס לעבן.

* * *

אין גערעסט איז גוט, נאָר אין דער היים איז נאָך בעסער.

* * *

אז מע איז פויל, האָט מען ניט אין מויל.

* * *

אז מע איז צו קלוג, ליגט מען אינדרערד.

* * *

אז א פרוי וויינט זיך אויס, ווערט איר גרינגער אפן הארצן.

* * *

אז מע זוכט א באַנדער, געפינט מען א קוימענקערער.

* * *

ווו מע דאַרף האָבן מויעך, העלפט ניט קיין קויעך.

* * *

דער בעסטער ביסן קומט אָן דעם ערגסטן הונט.

* * *

דער סייכל קומט נאָך די יאָרן.

* * *

די צונג פאַרפירט דעם מענטשן צום גליק און צום אומגליק.

* * *

ווענט האָבן אויערן, די גאַסן האָבן אויגן.

* * *

וואָס צופיל איז אומגעזונט.

* * *

ווייבער האָבן לאַנגע האָר און קורצן סייכל.

* * *

טו א הונט גוטס, בילט ער נאָך.

* * *

מוישע ראַבייני האָט מיט די יידן אויך ניט געקאָנט אויסקומען.

* * *

ניט אזוי גיך טוט זיך, ווי עס רעדט זיך

* * *

פאר א געשלאָגענעם הונט טאָר מען קיין שטעקן ניט ווייזן.

* * *

א כאָכעם עסט, קעדיי ער זאָל לעבן, א נאר לעבט, קעדיי ער זאָל עסן.

* * *

אין פריידן איז א יאָר א טאָג, אין ליידן איז א טאָג א יאָר.

* * *

אלע איווורים ווילן ריידן און די צונג שטעלט מען ארויס.

* * *

אלע קלוגע גייען צופוס, אלע נאַראָנים פאָרן אף קארעטעס.

* * *

א פערד אף פיר פיס ספּאָטיקעט זיך, ביפראט א מענטש אף צוויי.

* * *

גיי רעד, אז די צונג איז אין גאָלעס.

* * *

וואָס קומט ארויס פון דעם זילבערנעם בעכער, אז ער איז פול מיט טרערן?

* * *

נאראָנים און קראָפּעווע וואקסן אפילו אָן א רעגן.

* * *

ווייניקער א ווארט, אבי עמעס.

* * *

צווישן אלע שוסטער איז דער בעסטער שניידער יאָסל דער סטאָליער.

* * *

צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט.

* * *

אפילו קרעפּלעך ווערט אויך נימעס צו עסן.

* * *

דאָס איז א מענטש אָן א גאל.

* * *

אויב ער וועט זיך אזוי פירן, קאָן ער קומען צו גאָט א באָרוועסער.

* * *

ער לייקנט שטיין און ביין.

* * *

ער לייגט איין וועלטן. ער וויל זי פארזשעברעווען.

* * *

ער האָט אָפּגעלעקט א פעט ביינדל.

* * *

עס שלאָגט מאמעש צו דער גאל.

* * *

ער האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער.

* * *

דאָס הארץ זעט בעסער פונעם אויג.

* * *

קאס מאכט א קלוגן צום נאר.

* * *

בעסער געהאקטע לייבער, איידער געאקטע צאָרעס.

* * *

דער דאלעס פייפט פון אלע לעכער.

* * *

מיט געדולד קען מען אויסשעפּן א קוואל.

* * *

מיט רויגעז וועסטו ווייט ניט פאַרפאָרן.

* * *

אָפּוואשן קאָן מען בלויז די הענט, די פיס, דעם נוף, נאָר ניט די נעשאָמע.

* * *

לייג ניט אָפּ אף מאָרגן וואָס דו קאָנסט מאכן היינט.

* * *

אז מע קלאָפּט דעם קאלטן שטיין, פליט ארויס א הייסער פונק.
מיט כאָכמע אליין גייט מען ניט אין מארק.

* * *

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט ארויס.

* * *

אן איינרעדעניש איז ערגער פון א קרענק.

* * *

אן איינשפּאָרער איז בעסער ווי א פארדינער.

* * *

וואָס טויג די כאָכמע, אז די נארעשקייט גילט.

* * *

נאָר באם אייגענעם טיש קאָן מען זיין זאט.

* * *

אין באָד זיינען אלע גלייך.

* * *

א באָקסער איז שווארץ, אָבער זיס, ווי צוקער.

* * *

עס האָט זיך בא אים אויסגעלאָזט א בוידעם.

* * *

אז מע באַרגט עמעצן געלט, קויפט מען זיך א סוינע.

* * *

אז די נאסע ביימער ברענען, וואָס זאָלן שוין זאָגן די טרוקענע?„

* * *

א יינג ביימעלע בויגט זיך, אן אלטער בוים ברעכט זיך.

* * *

אז אן אלטער באָכער שטארבט, האָבן א נעקאָמע מיידלעך.

* * *

אז מע קאָן ניט בייסן, זאָל מען די ציין ניט ווייזן.

* * *

בעסער א ייד אָן א באָרד, איידער א באָרד אָן א ייד.

* * *

ברויט אונטערוועגס איז ניט קיין שווערע מאָסע.

* * *

שפיי ניט אין קרענעצע, וועסט נאָך דארפן טרינקען פון איר וואסער.

* * *

גאָט טראָגט ניט אראָפּ פון אויבן, אז מע ליגט אפן אויוון.

* * *

וואָס צו גאָט איז צו גאָט, וואָס צו לייט איז צו לייט.

* * *

ער מיינט, אז ער האָט שוין אָנגעכאפּט גאָט פאר דער באָרד.

* * *

ער האָט אין זיך קיין גאָט ניט.

* * *

מיט דער צייט לערנט מען א בער אויך אויס טאנצן.

* * *

מאָל דיר אויס דעם טאם פון סמעטענע.

* * *

ער איז היינט אופגעשטאנען פון דער לינקער זייט.

* * *

אז דער אומגליק דארף דיך טרעפן, וועט ער דיך טרעפן אפן גלייכן וועג.

* * *

װעסט עס זען, װי דײַנע אױערן אָן אַ שפּיגל.

* * *

מיט צאָרעס דאַרף מען נאָר איבערנעכטיקן.

* * *

אַז מע זיצט אין דער הײם, רײַסט מען ניט די שטיװל.

* * *

דאָס װאָרט אין מױל איז אַ האַר, פֿונעם מױל – אַ נאַר.

* * *

אַ װאָרעם קריכט אַרײַן אין כרײן און מײנט, אַז קײן זיסערס איז אױף דער װעלט ניטאָ.

* * *

פֿון זאָגן װערט מען ניט טראָגעדיק.

* * *

ער איז ניט װערט, װאָס די ערד טראָגט אים.

* * *

דער זאַטער גלײבט ניט דעם הונגעריקן.

* * *

ער זיצט אין געהאקטע ווונדן.

* * *

א סאך זמירעס און ווינציק לאָקשן.

* * *

אז מע כאפּט, בריעט מען זיך אָפּ.

* * *

ארום א פעטן טאָפּ איז זיך גוט צו רייבן.

* * *

אין א גרויסן טייך כאפּט מען גרויסע פיש.

* * *

אזא יאָר אויף מיר, ווי צוקער איז זיס.

* * *

פאר א גאנעף איז נישטאָ קיין שלאָס.

* * *

פאר אן איימישן גאנעף קאָן מען זיך ניט איינהיטן.

* * *

אז מע גייט גלייך, פאלט מען ניט.

* * *

זיי לעבן צווישן זיך, ווי טויבן און רייסן זיך, ווי די הונט.

* * *

עס איז גוט, מע לעקט דערפון די פינגער.

* * *

אלץ איז בא יידן צו ווייניק, אָבער כאָכמע האָט יעדערער גענוג.

* * *

אלע יידן קאָנען זיין כאזאָנים, נאָר דאָס ראָוו זיינען זיי
אייזעריק.

* * *

ווו עס פאלט א שטיין, טרעפט ער דעם יידן.

* * *

א קאץ קאָן אויך קאליע מאכן.

* * *

א קאץ שיקט מען ניט אין יאטקע נאָך פלייש.

* * *

אז א נאַר וואַרפֿט אַרײַן א שטיין אין ברונעם, װעלן אים קיין צען קלוגע ני אַרויסשלעפּן.

* * *

ווען איז א נאַר א כאָכעם? ווען ער שווייגט.

* * *

אז מע שיקט א נאַר אין מאַרק אַרײַן, פֿרייען זיך אַלע קרעמער.

* * *

מעשוגע, מעשוגע, נאָר פֿאַר זיך איז ער קלוג.

* * *

א מעשוגענער, נאָר די פֿענצטער שלאָגט ער אויס יענעם.

* * *

אָדעם א מענטש. שקאַרפּעטקע – א בעגעד.

* * *

נויט ברעכט אײַזן, דאַלעס ברעכט שלעסער.

* * *

קוק אַראָפּ ווּעסטו זען, ווי הויך דו ביסט.

* * *

בעט א נאר צום אָמעד, ווערט ער בא זיך גרויס.

* * *

דער מענטש איז אריין אין די פעדערן.

* * *

ניט יעדער ווער עס זיצט אין אויבנאָן איז א פאן.

* * *

ווען מע דערמאנט זיך אין טויט, איז מען זיכער מיטן לעבן.

* * *

ריידן איז זילבער, שווייגן איז גאָלד.

* * *

לאכן איז געזונט. דאָקטוירים הייסן לאכן.

* * *

דאָרטן ווו מע דארף צוקער, טויג ניט קיין זאַלץ.

* * *

מע האָט אים צוגעשטעלט א בענקעלע.

* * *

א מאָדנע פאַרשויך – מ'עס שפּייט אים אין פּנים און ער זאָגט, אַז עס גייט אַ רעגן.

* * *

אַז אַ קאַרגער צעהוליעט זיך איז בײַ אים אַ פרעמד קערבל בלאָטע.

* * *

קינדער זײַנען קלײנערהייד קלוג, לײדער בלײַבן זיי בײַם קינדערשן סייכל.

* * *

קלײנע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע קינדער לאָזן ניט לעבן.

* * *

קלײנע קינדער – קלײנע צאָרעס, גרויסע קינדער – גרויסע צאָרעס.

* * *

ער קיצלט זיך אַלײן און לאַכט אַלײן. אַ כאָכעם.

* * *

ער האָט א קישקע אָן א דנאָ.

* * *

ער נעמט אראָפּ די סמעטענע און לאָזט איבער זויערמילך.

* * *

דער אוילעם איז ניט קיין גוילעם.

* * *

אבי א שטעקן, א הונט וועט זיך שוין געפינען.

* * *

אז מע קלינגט אין קלויסטער איז א כאָגע.

* * *

א קניפּ אין באק – די פארב זאָל שטייען!

* * *

ווען יעדער באלעבאָס קערט צו בא זיין שוועל, וואָלט
אומעטום געווען ריין.

* * *

אריין איז אלע מאָל גרינגער, ווי ארויס.

* * *

אז מע קען ניט שרייבן, זאָגט מען – די פען טויג אף קאפּאָרעס.

* * *

ער האָט זיך געריסן אף די גלייכע ווענט.

* * *

צעברעכט זיך א רינג, צעפאלט זיך די גאנצע קייט.

* * *

דער מענטש רעדט פאר פייער און פאר וואסער.

* * *

אזוי ווי ער הערט ניט, אזוי זאָל אים ניט שאטן.

* * *

אז מע שערט די שאָף, ציטערן די לעמעלעך.

* * *

א פארשיווע שאָף מאכט קאליע די גאנצע אָטארע.

* * *

פאר א שטילן הונט און פאר א שטילן סוינע דארף מען זיך היטן.

* * *

א שטעקן האָט צוויי עקן און א מאטבייע – צוויי זייטן.

* * *

צום שלימאזל דארף מען אויך האָבן מאזל.

* * *

שלימאזל, ווו שלפסטו זיך? צום אָרעמאן.

* * *

אז מע שעמט זיך, האָט מען ניט כעסענע. (קיין קינדער)

* * *

ער שעמט זיך, ווי די קאָבילע, וואָס קערט איבער דעם וואָגן.

* * *

זי שעמט זיך, ווי די קאץ, וואָס האָט אופגעגעסן דאָס קריגל סמעטענע.

* * *

קויפסטו שיך פאר זיך, מעסט זיי ניט אף פרעמדע פיס.

* * *

א בעהיימע און א ווייב פון איין שטעטל זאָל מען ניט נעמען.

* * *

בא א שאדכן זיינען נישטאָ קיין מיעסע קאלעס.

* * *

ווער עס שלאָפט לאַנג האָט קורצע טעג.

* * *

אף שאָלעם שטייט די וועלט.

* * *

באם ברעג קאָן מען אויך דערטרונקען ווערן.

* * *

וואָס פאר א "גוטמאָרגן" אזא "גוטיאָר".

* * *

די אייער ווילן קליגער זיין פון זי הינער.

* * *

מיט איין היי קאָן מען א גאנצן שיסל באָרשטש פארווייסן.

* * *

ער זעט אויס ווי אן אָפגעשלאָגענע אוישיינע.

* * *

ער האָט א פּאָנעם פון אן אויסגעווייקטן הערינג.

* * *

כמעלניקער מיידלעך לאכן נאָך איידער מע הייבט זיי אָן קיצלען.

* * *

א ציג האָט אויך א באָרד, נאָר איז ניט מער, ווי א ציג.

* * *

ניט יענץ איז שיין, וואָס שיין, נאר דאָס, וואָס געפעלט.

* * *

א זייגער איז בעסער, ווי מעזומען געלט. מעזומען געלט גייט אוועק און א זייגער שטעלט זיך אָפּ.

* * *

איין טאטע קאָן אויסהאלטן צען קינדער, צען קינדער קאנען קיין איין טאטן ניט אויסהאלטן.

* * *

א בעהיימע האָט א לאנגע צונג און קאָן ניט ריידן.

* * *

פעטער, איר זיינט ניט פון קאָביליאקע? איר זיינט אליין א גאנעף!

* * *

דער שליטן רועט זומער, דער וואָגן ווינטער. דאָס פערד קיינמאָל ניט.

* * *

אויף קיין מייסע פרעגט מען ניט קיין קאשע.

* * *

ער איז גוט, כאָטש לייג אים צו א מאקע.

* * *

א קאָהאָלשן באָק וועסטער פון שטאָטישן גאָרטן ניט ארויסטרייבן.

* * *

אז מע קוקט ארויס אפן שווערס שטיוול, גייט מען באָרוועס.

* * *

באדיי די טאָכטער זאָל שטארבן. אבי א מאקע דעם איידעם.

* * *

מע דארף ניט זיין הויך, מע זאָל זיין גרויס.

* * *

קיינער איז ניט אזוי טויב, ווי יענער, וואָס וויל ניט הערן.

* * *

א טאפ טאָן אין וואָגן שאדט קיינמאָל ניט.

* * *

ווען אַלע מענטשן זאָלן ציען אף איין זייט, וואָלט די וועלט זיך שוין לאנג איבערגעקערט.

* * *

אז א נאר האלט די קן פאר די הערנער, קאָן זי א קלגער מעלקן.

* * *

איין נאר איז א גרויסער מייוון אפּן צווייטן.

* * *

אן אייזל דערקענט מען לויט די לאנגע אויערן, א נאר לויט דער לאנגער צונג.

* * *

אז מע *שיקט* א נאר די לאָדן פארמאכן, פארמאכט ער זיי אין דער גאנצער *שטאָט*.

* * *

דער קלוגער באהאלט זיין סייכל, דער נאר ווייזט זיין נאַרעשקייט ארויס.

* * *

אז דו ווילסט זיך הענגען, הענג זיך אף א גרויסן בוים

* * *

אז די טיר איז אָפן, דארף מען ניט קריכן דורכן פענצטער.

* * *

הינקט מען אף איין פוס, זאָל מען שוין הינקען אף ביידע.

* * *

טאקע א הונט, אָבער אָן ציין.

* * *

דער הונט איז ווערט דעם שטעקן.

* * *

דאָס היטל איז גוט, נאָר דער קאָפּ איז צו קליין.

* * *

ווען פרייט זיך אַ הויקער, ווען ער באגעגנט א צווייטן.

* * *

אז אָך און ווי איז דעם געדעכטן.

* * *

מיט א לעפל וועסטו דעם יאם ניט אויסשעפן.

* * *

פרעג ניט דעם רויפע, פרעג דעם כוילע.

* * *

אז דער קראַנקער גייט צום דאָקטער, ווערט געהאָלפן דער דאָקטער?

* * *

דאָס בעסטע פערד דאַרף האָבן אַ בייטש און דער קלוגסטער מענטש דאַרף האָבן אַן אייצע.

* * *

פון "אַל-כעט" ווערט מען ניט פעט.

* * *

אַ נייער בעזים קערט ריין.

* * *

אַ גוטער באַלמעלאָכע שטאַרבט ניט פון הונגער.

* * *

אַ מענטש דערקענט מען לויט דעם גאַנג.

* * *

אַ גליקלעכער מענטש איז געווען אָדעם האָרישן – ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

* * *

זאלץ איז פאראן אסאך אין די קראָמען און ווייניק אין פעליטאָנען.

* * *

א סויכער טאָר קיין הונט ניט זיין און א הונט קיין סויכער.

* * *

ווען דו האָסט אפילע פאר וואָס, פארייס ניט די נאָז.

* * *

אז מע האָט מאזל, דארף מען קיין כאָכעם ניט זיין.

* * *

דעם פאָרעץ דערקענט מען לויט די כאָליעוועס.

* * *

פאר געלט האָט מען סיי די וועלט, סיי יענע וועלט.

* * *

יענער וואָס גייט אין שפאן, באקומט מיט דער בייטש.

* * *

א בעזעם ווען ער איז ניי, איז ער געטריי.

* * *

ער איז געפאלן אפן סייכל און זיך צעשלאָגן די נאָז.

* * *

זאָג מיר ווער זיינען דיינע פריינט, וועל איך דיר זאָגן ווער ביסטו.

* * *

ווהין די נאָדל, אהין דער פאָדעם.

* * *

אן האָזעס – פּאָנעם קומט גלייך אין גאניידן אריין.

* * *

געפרעגלט אין האָניק, איז רעטעך אויך א מייכל.

* * *

א דארער פארשוין לעבט איבער צען פעטע.

* * *

ער האָט דערצו דערלייגט דער באבעס יערושע.

* * *

אז צוויי גאנאָווים קריגן זיך, קומט ארויס דער עמעס.

* * *

איך שטוב פון א געהאנגענעם, דערמאן ניט דעם שטריק.

* * *

היט מיך גאָט פון מיינע פריינט, פון מיינע פיינט וועל איך זיך אליין אויסהיטן.

* * *

די אויגן זיינען גרעסער פונעם מאָגן.

* * *

לאָז דעם הונט זיך אויסבילן, וועט ער אליין אנשוויגן חערן.

* * *

אז מע וויל א הונט געבן א זעץ, געפינט מען א שטעקן.

* * *

יאָג זיך ניט נאָך קאָוועד, וועט ער אליין צו דיר קומען.

* * *

א שטומער האָט ליב אסאך ריידן.

* * *

שיין שווייגן איז שווערער, ווי שיין ריידן.

* * *

א נאר איז שטענדיק א באַלגייווע.

* * *

בייס דער האָן קרייעט, פארמאכט ער די אויגן. ער וויל מע זאָל מיינען, אז ער ווייסט עס אף אויסווייניק.

* * *

א מענטשן, דארף מען מיט אים אופהעסן א פוד זאלץ. קעריי דערקענען.

* * *

א ליגנער גלויבט קיינעם ניט.

* * *

רעם ליגנער גלויבט מען ניט אפילע, ווען ער זאָגט שוין דעם עמעס.

* * *

וואָס מע כאַפּט אַריין אין דער יוגנט איז דאָס אָף דער עלטער, ווי געפֿונען.

* * *

וואָס דו האָסט צו עסן, עס מאָרגן, וואס דו האָסט מאָרגן צו טאָן, טו היינט.

* * *

ער נעמט זיך אָן גאָטס קריוודע.

* * *

ווער עס לעבט אין א גלעזערן הויז, טאָר קיין שטיינער ניט וואַרפֿן.

* * *

וואָס מער דו ווערסט פֿון זיך בלאָזן, אַלץ מער וועלן דיך מענטשן פֿאַרלאָזן.

* * *

מיט שרייען הויך, באַווייזט מען ניט קיין קויעך.

* * *

ווען די פּאווע זאָל ניט האָבן קיין שיינע פֿעדערן, וואָלט זיך אַף איר קיינער ניט אומגעקוקט.

* * *

יעדער האָט ליב דעם עמעס, אָבער ניט יעדער זאָגט אים.

* * *

ווייניקער אַ וואָרט, אבי עמעס.

* * *

ווען קלאָגט דער אָרעמאַן – ווען ער האָט צוויי כאַסענעס אין איין טאָג.

* * *

אייגענע זינד פֿאַרגעסט מען געשווינד.

* * *

געבאָרגענער סייכל טויג אַף קאַפּאָרעס.

* * *

מיט פֿרעמדן סייכל קאָן מען לאַנג ניט לעבן.

* * *

ווען די פּאווע האָט ניט אַזעלכע שיינע פּעדערן, וואָלט זיך אַף איר קיין מעשוגענער הונט ניט אומגעקוקט.

* * *

באַשולדיק ניט יענעם, קאַלזמאַן דו וועסט ניט זיין אין זיין שטאַנד.

* * *

סטאַרע זיך שטענדיק זיין אַ מענטש.

* * *

דאָס וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט יענעם.

* * *

וואָס קאָנסטו מאַכן, אַז די מעמשאָלע איבער דער וועלט איז פֿאַרטרויט טויגעניכצן.

* * *

דער בוך און די שווערד איז געשאַפֿן געוואָרן איינצייטיק.

* * *

דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט איז דאָך שאָלעם.

* * *

דער נעשאָמע פון א פרוי איז ליבלעכער א יונגער באָכער, איידער א רייכער זאָקן.

* * *

ווייִ איז דער שיף, וואָס איז געבליבן אינעך צעבושעוועטן יאם אָן א רודער.

* * *

ווייִ איז יענעם דאָר, וואָס זיינע ריכטער זיינען פארקריפטע מענטשן.

* * *

טייער איז יענער גאסט; וואס קומט צו דער צייט.

* * *

אָדער נאַרניט ניט טאָן, אָדער טאָן אלץ ראיעל.

* * *

א כאָכעם איז דער, וואָס זעט פאָר די צוקונפט.

* * *

פון א קריגעריי, און א מילכאָמע איז נישטאָ וואָס ווארטן אף גוטס.

* * *

רייך איז דער, וואָס איז צופֿרידן מיט זיין גורל.

* * *

אפילע א מאלעך קאָן איינצייטיק ניט אויסשפילן צוויי ארבעטן.

* * *

הערן און זעען איז נאָך ניט דאָס זעלבע.

* * *

ער שעמט זיך, ווי די קאָבילע, וואָס קערט איבער דעם וואָגן.

* * *

ער שעמט זיך ווי די קאץ, וואָס האָט אופגעגעסן דאָס טעפל מיט סמעטע נע.

* * *

ווער עס שלאָפט לאנג, האָט קורצע יאָרן.

* * *

קרויוים דערקענט מען, ווען זיי זייַנען רייך.

* * *

זאָלסט ניט גראָבן קיין גרוב פאַר יענעם, קאָנסט אַליין אַהין אַריינפאַלן.

* * *

די וועלט איז אַזוי שיין, נאָר ווו נעמען זיך די לייט, וואָס מאַכן פון איר אַן האַנטשערקע.

* * *

פרעגן אָן אייצע בא יענעם און האָב אַליין דיין סייכל.

* * *

אַ צעבראָכענעם טאָפּ וועסטו ניט צונויפקלעפּן.

* * *

גיב דעם בער אַ קליפּע אַ ווייב, וועט ער אויך אויפהערן טאַנצן.

* * *

ער האָט ניט געשריבן קיין בריוו – ניט געוואָלט מע זאָל זען זיינע גראַמאַטישע פעלערן.

* * *

רוף אַ פּאַרך צום מיניען, ווערט ער בא זיך גרויס.

* * *

אז מע קען ניט און מע ווייסט ניט, נעמט מען זיך ניט אונטער.

* * *

זיך געיאָוועט א נייער ציצעראָן: רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער און קען זיך ניט אָפּשטעלן.

* * *

אַזוי ווי דו הערסט ניט, אַזוי זאָל דיר ניט שאַטן.

* * *

פרעג אָן אייצע בא יענעם, נאָר האָב אַלייך א קאָפּ אף די פּלייצעס.

* * *

ער האָט איינגעלייגט די וועלט.

* * *

ער וועט איינעמען־א מיעסע מעשונע.

* * *

ער האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער.

* * *

ער קען אָפּטאָקן א ליגן.

* * *

ער האָט אָפּגעלייקנט שטיין און ביין.

* * *

ער האָט אָפּגעלעקט א ביינדל.

* * *

מע קען דאָס ניט הערן. עס שלאָגט צו דער גאָל.

* * *

ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דייע.

* * *

גאָט האָט אָדעמען געקלעפּט פון ליים און וואסער. פאר איין טאָג. דעם זיבעטן טאָג פון וואָך, עס געמאכט גיך, בעכעפּאָזן. דערפאר, זאָגט מען, איז דער מענטש מיט אסאך כעסרוינעס.

* * *

דאָס הארץ זעט בעסער פונעם אויג.

* * *

מיט געדולד בויערט מען דורך אפילו קיזלשטיין.

* * *

מיט רויגעז פֿאָרט מען ניט ווייט.

* * *

ער היט עס אָפּ, ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

* * *

ער האָט אים אָפּגעטאָן אויף טערקיש.

* * *

לייג ניט אָפּ אויף מאָרגן, וואָס דו קענסט היינט באזאָרגן.

* * *

ער קאָן איינעם איינריידן א קינד אין בויך.

* * *

אז מע שטעלט ניט איין, נעמט מען ניט ארויס.

* * *

די אכילה איז די בעסטע טפילה.

* * *

אף יענעמס קעשענע איז יעדער א באל-צדאָקע.

* * *

א געפאלענעם, א געבונדענעם שלאָגט מען ניט.

* * *

אין באָד זיך שעמען איז נישטאָ פאר וועמען.

* * *

אויף א פרעמדער באָרד איז גוט זיך לערנען שערן.

* * *

פון אלע גליקן האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידעם.

* * *

ווי דער באלאגאָלע וויל, אזוי דרייט ער דעם דישעל.

* * *

צו ברויט געפינט מען שוין א מעסער.

* * *

דריי טעג איז מען א גאסט, שפּעטער ווערט מען צו לאסט.

* * *

אז מע איז צו גוט, צערייסן די הינט.

* * *

עס איז נישטאָ מיט וועמען גיין צום טיש.

* * *

אז מע האָט ניט וואָס צו טאָן, קלאָפּט מען זיך קאָפּ אין וואַנט.

* * *

גיי זוך א נאָדל אין א וואָגן היי.

* * *

גאָט זיצט פון אויבן און פּאָרט פון אונטן.

* * *

ער האָט געהאָט האָמענט סאָף. (מאפּאָלע)

* * *

עס העלפט, ווי א טויטן באַנקעס.

* * *

שטיל וואַסער גראָבט טיף.

* * *

דער וואָרעם קריכט אריין אין כריין און מיינט, אז קיין זיסערס דערפון איז אף דער וועלט נישטאָ.

* * *

אז מע לייגט זיך ניט געגעסן, שטייט מען אוף ניט געשלאָפן.

* * *

זיבן – איז א ליגן.

* * *

ער זיצט אין געאקטע וווּנדן.

* * *

אז מע כאפט, בריעט מען זיך אָפּ.

* * *

אז דער ייד איז גערעכט, כאפט ער ערשט קלעפּ.

* * *

אז מע גייט גלייך, פאלט מען ניט.

* * *

א ייד איז יעדן גרויס אין די אויגן.

* * *

בעסער א ביסל און רעכטס, איידער אסאך און שלעכטס.

* * *

ער איז מיוון, ווי א קאץ אף אייוון.

* * *

אז א מאמע שרייט אף איר קינד "מאמזער", מעג מען איר גלייבן.

* * *

דאָס בעסטע מילכיקס איז דאָך א טיקל פליישׁ.

* * *

מעלאָכע איז מעלוכע.

* * *

א מענטש איז ווי א סטאָליער – היינט לעבט ער, מאָרגן שטארבט ער.

* * *

וועגן איבערגעקומענע צאָרעס איז גוט צו דערציילן.

* * *

ער איז געקאָוועט אף אלע פיר.

* * *

איידער שטארבן פון הונגער, איז שוין בעסער עסן געבראָטנס.

* * *

דער ערגסטער מאָנער איז דער אייגענער מאָגן.

* * *

אן אָדלער כאפט ניט קיין פליגן.

* * *

א נאר, א נאר, און טוט צו זיך א שאר.

* * *

א נאר וואקסט אָן א רעגן.

* * *

ווען דער נאר וואָלט ניט געווען מיינער וואָלט איך אויך געלאכט.

* * *

אז מען איז פויל האָט מען ניט אין מויל.

* * *

דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פונעם ביימעלע.

* * *

אָרעמע קרויווים זעצט מען הינטערן אויוון.

* * *

וואָס ווייניקער מע רעדט, אַלץ געזונטער איז.

* * *

אזוי ווי ער הערט ניט, אזוי זאָל אים ניט שאטן.

* * *

געשוויגן איז אויך גערעדט.

* * *

דאָס ברויט פאַלט אים שטענדיק מיט דער פּוטער אַראָפּ.

* * *

אז א ביסל איז גוט, איז א סאך נאָך בעסער.

* * *

פרעגן קאָסט קיין געלט ניט.

* * *

אן איבערגעזעסענע מויד איז ווי א פאראיאָריקער לועך.

* * *

דער "וויאָ" העלפט ניט, ווען די פערד זיינען פייגירעס.

* * *

היט זיך פאר פייער און גלייב ניט דעם וואסער.

* * *

אף אן אייגן קינד זיינען די עלטערן בלינד.

* * *

בא א מאמען זיינען אירע קינדער די געראָטנסטע.

* * *

בא א באבען איז נישטאָ קיין מיעס קינד.

* * *

ער איז א גוטער – כאַטש לייג אים צו א מאקע.

* * *

שיט ניט קיין זאלץ אף די ווונדן.

* * *

ווייבער ריידן אלע מיטאמאָל – זיי ווייסן, אז סייאיז נישטאָ וואָס הערן.

* * *

אלץ קאָן א מענטש פארגעסן, אָבער ניט עסן.

* * *

קויעך געפינט מען אין שיסל.

* * *

באַדיי דער זון זאָל שטארבן, אבי א מאקע דער שנור א מאן.

* * *

גווירים בלאָזן זיך און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן.

* * *

אז א טויבער הערט א גראגער, מאכט ער א בראָכע איבער א דונער.

* * *

זאָל אים צוקומען וואָס אים פעלט.

* * *

איין נאר איז א מייוון אפן אנדערן.

* * *

וואָס קומט מיר ארויס פון מיין פויליש ריידן, אז מע לאָזט מיך אין הויף ניט אריין.

* * *

א מוטער מוז האָבן א גרויסן פארטוך, די כעסרוינעס פון די קינדער פארדעקן.

* * *

טאקע א הונט. אָבער אָן ציין.

* * *

ווען טהילעם וואָלט געווען א רעפוּע, וואָלט מען עס פארקויפט אין אָפּטייק.

* * *

אז מע באגראָבט לעבעדיקערהייד קאָן מען טכיאַסהאַמייסים ניט אופשטייך.

* * *

דער גליקלעכסטער מענטש אף דער וועלט איז געווען אָדאָם האָרישוֹנער האָט ניט געהאָט קיין שוויגער.

* * *

א ווייב און א פערד אנטלייט מען ניט.

* * *

ווילסטו פאָטער ווערן פון א פריינט, אנטליי אים א פּאָר רובל.

* * *

גוטע סכוירע לויבט זיך אליין.

* * *

אלע סאָכרים זיינען גאנאָווים, אָבער ניט אלע גאנאָווים זיינען סאָכרים.

* * *

וואָס *שפּעטער* די זון גייט אויף – אלץ העלער *שיינט* זי.

* * *

אז מע באַקומט *שווין* דאָס ברויט, קומט דער טויט.

* * *

אז מע איז רייך איז מען אי *שיין*, אי קלוג, אי מען קען זינגען.

* * *

דער גוויר האָט דעם סייכל אין טייסטער.

* * *

ווילסט רייך זיין – זיי זיבן יאָר א כאַזער.

* * *

אין די אויגן הייסט געערדט, אונטער די אויגן – באַרעדט.

* * *

אין די אייגן קאָן מען אריינקוקן, נאָר ניט אין הארצן.

* * *

די שווערסטע מעלאכע איז ליידיקגיין.

* * *

ווילסט קנײדלעך, זאָג זשע די אגאָדע.

* * *

א שיקסע בא א ראָוו קען אויך פאסקענען שיילעס.

* * *

ער איז געפאלן אפן סײכל און זיך צעשלאָגן די נאָז.

* * *

עמעצע פריינט כאַנפענען ניט.

* * *

זאָג מיר ווער זיינען דיינע כאווײרים, וועל איך דיר זאָגן ווער ביסטו.

* * *

מיט וואָס פאר א אויגן מע קוקט איינעם אָן, אזא פּאָנעם האָט ער.

* * *

פאר דעם נאָענטסטן קאָרעוו זאָל מען ניט זיין אָרעוו.

* * *

א גוט מאָרגן ברענגט א גוט יאָר.

* * *

א מיידל דאַרף זיך פּוצן פאר פרעמדע באָכערים, א ווייב פאר׳ן אייגענעם מאַן.

* * *

ווייבער פירן צום גוטן, אָדער צום בייזן – סיי ווי סיי פאַרפירן זיי.

* * *

אז מע זאָגט דעם עמעס, פאַרשפּאַרט מען צו שווערן.

* * *

מיט די יאָרן אַלץ שוואַכער די ציין דער זיקאָרן.

* * *

וואָס מע כאַפּט אַרײַן אין דער יוגנט, איז אויף דער עלטער ווי געפונען.

* * *

אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזעם אויך.

* * *

אַ קללָה איז ניט קיין טעלעגראַמע – זי קומט ניט אָן אַזוי גיך.

* * *

מיט שרײַען הויך באַווײַזט מען ניט קיין קריגן.

* * *

אַז דער סוף איז גוט איז אַלץ גוט.

* * *

עמעס איז בלויז בײַ אונדזער גאָט און בײַ מיר אַ ביסל.

* * *

וואַרף אַרויס דעם אָרעמאַן, איך קאָן דעם רחמנות ניט צוזען.

* * *

אייגענע זינד פֿאַרגעסט מען געשווינד.

* * *

געבאָרגטער סייכל טויג ניט.

* * *

מיט פֿרעמדן סייכל קאָן מען ניט לעבן.

* * *

דער שווערסטער פֿעלץ איז ווינטער גרינג, ווי א פֿעדערל. דאָס לייכסטע העמדל איז זומער שווער, ווי א שטיין.

* * *

אין פֿריידן איז א יאָר געגליכן צו א טאָג. אין ליידן – א טאָג צו א יאָר.

* * *

ווען דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן – שרייב.

* * *

פּרוּוו ניט זיין קיין פּעסימיסט, אויב דו ביסט אן אָפּטימיסט.

* * *

אפֿן שפּיץ פֿון אָן הויכן באַרג ציִעט איינעם דעקלאַמירן, אַ צווייטן שפּייען אַראָפּ.

* * *

איין פֿאָטער קען האָדעווען צען קינדער, צען קינדער קענען ניט האָדעווען איין טאַטן.

* * *

זאָגט נאָר, זייט מיר מוחל, איר זייט ניט פֿון אָדעס? איר זייט אַלײן אַ זשוליק!

* * *

אַן אָדלער כאַפּט ניט קיין פֿליגן.

* * *

גיב אַ קוק אַראָפּ ווען סטו זען, ווי הויך דו שטייסט.

* * *

פֿאַר אַן אַקשן איז קיין שום רעפֿואַ נישטאָ.

* * *

אויף אַ פֿרעמדן וואָגן וועסטו ווייט ניט אָוועקפֿאָרן.

* * *

א פויגל דערקענט מען לויט די פעדערן.

* * *

ניט יעדער, וואָס זיצט הויך – איז א פּאָרעץ.

* * *

די צייט איז דער בעסטער רויפע.

* * *

ווען א קאָרגער צעהוליעט זיך, איז בא אים קיין פרעמד קערבל קיין געלט ניט (בלאָטע)

* * *

וואָס ווייניקער מע רעדט, איז געזונטער.

* * *

מע וואָלט געקענט לעבן, נאָר די קינדער און אייניקלעך לאָזן ניט.

* * *

פאַר א שטילן הונט און א שטילן סוינע דאַרף מען זיך היטן.

* * *

די קאַפּאָטע פאַרזעצן, נאָר אַ נאָגעד זאָל מען זיין!

* * *

באָד זיך, נאָר ניט אין פרעמדן בלוט.

* * *

מיט האָפענונג ווערסטו זאט נישט זיין.

* * *

מע האָט דערמאנט דעם טייוול און עס האָט זיך געיאווועט דער פּאָליציי.

* * *

דער אָדלער איז דעם הינדל ניט קיין כאַווער.

* * *

אַ פרוי אַן אויסבערענגערן – פאַר איין פרימאָרגן קאָן זי אויסנוצן אַזויפיל בייזע קלאָלעס, וואָס אַן אַנדערער קאָן דאָס קלעקן אויף אַ גאַנץ יאָר.

* * *

דער שלימאַזל גייט אים נאָך פּיסטראָט דאָס גאַנצע לעבן.

* * *

אלץ עלטער דער בוחיי, אלץ שטארקער ויינען בא אים די ערנער.

* * *

א רייכן טאָר מען ניט אנטלייען קיין קליין געלט, אן אָרעמאן – קיין גרויס געלט.

* * *

ביזוואנען די בעהיימע מעלקט זיך, פידט מען זי ניט אין ברינע.

* * *

אויב די טיר עפנט זיך ניט פארן אָרעמאן, עפנט זי זיך פארן דאָקטאָר.

* * *

אף קיין ניסים איז נישטאָ וואָס אויסרעכענען.

* * *

א דארער מענטש וועט איבערלעבן צען גראָבע מענטשן.

* * *

ווען גאנאָווים קריגן זיך, קומט ארויס דער עמעס.

* * *

זיך אָפּגעבריעט אף הייסן בלאָזט מען אף קאלטן.

* * *

די אויגן זיינען גרעסער בא אים פונעם מאָגן.

* * *

א דולער קאָפּ ווערט קיינמאָל ניט גרוי.

* * *

מע דאַרף ניט זיין קיין הויכער, מע זאָל זיין א גרויסער.

* * *

שיט ניט קיין זאַלץ אף די וווּנדן.

* * *

א פערד פאָרט אַרום די גאַנצע וועלט און קערט זיך אום א פערד.

* * *

ניט קיין מענטש – א דימענט. מיט אים קען מען גלאָז שניידן.

* * *

א גאָלדענע נעשאָמע – דאָרטן, ווו ער איז דורכגעגאַנגען, וואַקסט ניט קיין גראָז.

* * *

ער האָט אַזויפיל געטרונקען פאַרן געזונט פון אַנדערע, ביז ער איז אַליין קראַנק געוואָרן.

* * *

אַן האַלבער עמעס איז אַ גאַנצער ליגן.

* * *

זאָג דעם עמעס, ער וועט דאָך אַלציינס אַרויסקומען, ווי בוימל אויפן וואַסער.

* * *

רייך איז דער, וואָס באַנוגנט זיך דערמיט, וואָס ער פאַרמאָגט.

* * *

באַשולדיק ניט ריין כאַווער, קאָלזמאַן דו וועסט ניט זיין אין זיין שטאַנד.

* * *

דאָרטן, ווו עס זיינען נישטאָ קיין מענטשן, זיי כאָטש דו א מענטש!

* * *

א מענטש זאָל מען זיין!

* * *

דאָס, וואָס דיר איז ניט ליב, טו ניט יענעם.

* * *

וואָס קאָנסטו מאכן, אז אָנפירן מיט דער וועלט איז אָפט פארטרויט טויגעניכצן.

* * *

דאָס וויכטיקסטע אין דער וועלט איז שאָלעם.

* * *

ווייי איז דער שיף, וואָס איז געבליבן אינעם צעכושעוועטן יאם אָף א רודער.

* * *

ווייי איז יענעם דאָר, וואָס זיינע ריכטער זיינען פארקויפטע מענטשן.

* * *

אָדער טו גאָרניט, אָדער טו אַלץ ראיעל.

* * *

א כאָכעם איז יענער, וואָס זעט פאָר די צוקונפט.

* * *

פון א קריגעריי, פון א מילכאָמע איז נישטאָ וואס ווארטן אף גוטס.

* * *

אפילע א מאלעך קאָן איינצייטיק ניט אויספילן צוויי ארבעטן.

* * *

הערץ און זען איז נאָך ניט דאָס זעלבע.

* * *

ווערסטו זיין צו זיס ווערט מען דיך איינשלונגען, ווערסטו זיין צו ביטער ווערט מען דיך אויסשפייען.

* * *

געגאנגען אף א כאסענע און געטראָפן אף א לעווייע.

* * *

א העלד איז דער, וואָס קען באהערשן זײַנע לײַדנשאַפֿטן.

* * *

דאָרטן, וווּ עס זײַנען נישטאָ קיין מענטשן, סטאַרע זיך דו זײַן א מענטש.

* * *

וואָס סײַ איז באַשאַפֿן געוואָרן – דאָס איז צום גוטן.

* * *

די גאַנצע וועלט איז – א שמאָלע בריק. (sic) 

* * *

ביזן לעצטן אָטעם דאַרפֿסטו זאָרגן וועגן שאָלעם.

* * *

אָדער אהער, אָדער אהין.

* * *

מע זאָגט דער בין: ניט מיט דײַן האָניק, ניט מיט דײַן גיפֿט.

* * *

דער הונט האָט געבילט, זיך געריסן פון דער קייט, געוואָרן מאמעש אויס מענטש.

* * *

מע האָט געוואַרט אַפּן מאַלכהאַמאָוועס, און עס האָט זיך געיִאָוועט דער פּאָליצייסקע.

* * *

אַן אומגליקלעכער מענטש – דער שלימאַזל גייט אים נאָך פּיסטראָט.

* * *

ווילסטו שטראָפן אַ צווייטן – וואַש פריער אויס די אייגענע הענט.

* * *

אַז אַן אַלטער נעמט אַ יונגע מויד, ציטערט אַף אים די הויט.

* * *

בעסער צען מאָל איבערפרעגן איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

* * *

די אויערן מוזן הערן, וואָס דאָס מויל רעדט.

* * *

ער איז געבליבן מיטן בייטשל און האַלט זיך נאָך אלץ פאר א שטיקל באלאגאַלע.

* * *

גאָטעניו, א וועלט האָסטו געשאפן אזא יאָר אף מיר. נאָר פירן פירט זי זיך – אזא יאָר אף אונדזערע סאָנים.

* * *

אז מע כאפט, בריעט מען זיך אָפּ.

* * *

וואָס קלענער דער אוילעם, איז גרעסער די סימכע.

* * *

ווער עס שלאָפט לאנג האָט קורצע יאָרן.

* * *

איין פארשיווע שאָף קאָן קאליע מאכן די גאנצע טשערעדע.

* * *

ווענט און וועלדער האָבן אויערן.

* * *

בייס דעם עסן, רעדט מען ניט.

* * *

מע דארף ניט צונויפמישן צוויי יאָמטויורים.

* * *

אף ניסים רעכנט מען ניט אויס.

* * *

"הערך" און "זעעך" איז נאָך ניט דאָס זעלבע.

* * *

מישפּעט ניט לויט די טעלער, נאָר לויט דעם, וואָס אין טעלער.

* * *

אז ס'איז נישטאָ קיין ווייִנגאָרטן, צוליב וואָס איז דער פּלויט?

* * *

אז עס זיינען נישטאָ קיין שאָף, צוליב וואָס דאַרפסטו א פּאסטעך?

* * *

אײב זיך הענגען, איז אף א נדיסן רעמב.

* * *

אײב שוין יאָ פאלן, איז פון א גוט פערד.

* * *

די וועלט איז פארטודיט אין די הענט פון מעשוגוים.

* * *

א טריגעניכץ איז ארײנגעפאַלן אין דער אָגפידונג און קאָרטשעט פון זיך א העלד.

* * *

א פרדי – איד גאנץ קלײדײק איז מיט איד.

* * *

שעם זיך ניט אָבבײגן צו דײן פרדי און זיך אריסאײצענען מיט איד, אריב די איז קלענער. פון דיך.

* * *

האָסטו זיך אופֿגערעגט – ביסטו דערגאן א פעלער.

* * *

ווארף ניט קיין שטיין אין יענעם ברונעם פון וועלכן דו האָסט זיך אָנגעטרונקען.

* * *

צווישן דער געווינערן און דער בובע איז אומגעקומען דאָס קינד.

* * *

א קליינע מאטבייע מאכט א גרויסן רויש.

* * *

באנאכט איז דאָס א לייכט - זשוקל, באטאָג - פּאָשעט א ווערעמל.

* * *

אף קיין צעריסענער פריינשאפט, קאָן מען ניט לייגן קיין לאטע.

* * *

אין דער יוגנט איז ער געווען א בעהיימע, אף דער עלטער - א פערד.

* * *

גיט דעם בער א מאכעשייפע א ווייב וועט ער אויך אופהערן טאנצן.

* * *

אז מע קען ניט טאגצן, זאָגט מען אז די קלעזמער טוען גיט.

* * *

פרעג אן אייצע בא יענעם, נאָר האָב אליין א קאָפּ אף די פלייצעס.

* * *

פון איין אָקס, וועסטו קיין צוויי פעלן ניט שינדן.

* * *

וויאזוי מע בעט זיך אויס, אזוי שלאָפט מען.

* * *

א בעהיימע האָט א לאנגע צונג און קאָן קיין שויפער ניט בלאָזן.

* * *

א שאמעס בא א ראָוו קאָן אויך פאסקענען שיילעס.

* * *

רויזן דינען ווינטערשיין און שמעקן גוט, די האָבן אָבער איין כעסאָרן - זיי שטעכן זיך.

* * *

א נעמער איז לאַכלוטן ניט קיין גיבער.

* * *

זאָל זיין די גרעסטע צאָרע, נאָר ניט קיין בייז ווייב.

* * *

וואָס איז דעם הינדיק פאַר א נאַפקעמינע, צי מע קוילעט אים אויף פורים צו דער סודע, צי אויף פייסעך צום סיידער.

* * *

אז דער אומגליק דאַרף עמעצן טרעפן, טרעפט ער אים אפן גלייכן וועג.

* * *

א בער קען מען אויך אויסלערנען טאַנצן.

* * *

גיי פאַוואָליע, וועסטו גיך קומען.

* * *

א בייז וואָרט איז אמאָל ערגער פון א פּאַטש.

* * *

אז מע לייגט זיך אָן וועטשערע, איז נידריק צוקאָפּנס.

* * *

גראָבע יונגען, וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ ברוטאַלער ווינען זיי.

* * *

געלערנטע וואָס עלטער זיי ווערן, אַלץ קלוגער ווינען זיי.

* * *

סיי פון ווייסע, סיי פון שוואַרצע ציגן איז די מילך ווייס.

* * *

פאַרמאַך שטאַרקער דאָס מויל, און אייל זיך ניט ענטפערן.

* * *

א נאַר האַלט אַלעמען פאַר נאַראָנים.

* * *

דיינע אויערן זאָלן הערן, וואָס דיין צונג רעדט.

* * *

ווען באָם זון זײַנען קיין שיך נישטאָ, דערמאָנט ער זיך אין דעם פּאַטערס היים.

* * *

ווען די ליבע איז געווען שטאַרק, האָט די בעט געדינט די שאַרף פון דער שווערד. ווען די ליבע איז אַדורך, איז אַ ברייט בעט שמאָל.

* * *

אַ ליגנער, אַז ער זאָגט שוין דעם עמעס, גלייבט מען אים אויך ניט.

* * *

ווער עס יאָגט זיך נאָך קאָוועד – דערווייטערט זיך דער קאָוועד פון אים.

* * *

ניט שטענדיק איז פורים. ניט טאָמיד איז יאָמטעוו.

* * *

ניט אַלע מאָל טרעפט זיך אַ נעס.

* * *

ניט דאָס אָרט באַשיינט אַ מענטשן, נאָר דער מענטש דאָס אָרט.

* * *

וווהין דאָס האַרץ, דאָס אויג, אַהין די פיס.

* * *

בלויז דער, וועמען עס האָט פֿאַרזוכט דאָס מיכל, קאָן זאָגן וועגן געשמאַק.

* * *

נאָך נישטאָ יענע זאַלץ, מיט וועלכער מע זאָל קענען איינזאַלצן דאָס געלט.

* * *

אַז די זאַלץ ווערט קאַליע, מיט וואָס זאַלצט מען זי איין?

* * *

עס האָט זיך דיר אונטערגערוקט אַ פֿײַן געשעפֿט – מאַריניר עס ניט.

* * *

אַ בריליאַנט איז אויף יעדן אָרט אַ בריליאַנט.

* * *

עס איז גרינג זיך אופהייבן אף דער טריבונע, נאָר שווער אראָפּגיין פון דאָרטן.

* * *

עס איז גרינג זיך דערשלאָגן א סינעקורע — א פריינט — שווער.

* * *

וואָס איז בוא א ניכטערן אפן געדאַנק, איז בוים שיכורן אף דער צונג.

* * *

פאַרן ליכטל איז אלציינס ליכטן — פאַר איינעם, אָדער פאַר הונדערט.

* * *

פרויען פאַרמאָגן ניין מאָס ווייד.

* * *

א ווידעו אין שטוב איז א מאָראַקע, א באבע — אן אוריצער.

* * *

ביז פערציק יאָר איז נוצלעך עסן, נאָך פערציק — טרונקען.

* * *

כאפט דעם וואָלף פאר דעם, ווי ער וואַרפט זיך אױף די שאָף.

* * *

גיסט אונטער בוימל אין לאָמפּ, ביז דעם, ווי ער ווערט פאַרלאָשן.

* * *

ביסטו געקומען אין שטאָט, לעב לויט אירע געזעצן.

* * *

אין א פרעמדן טעמפּל קריך ניט מיט דיינע געזעצן.

* * *

א קליינע מאַטבייע מאכט מען ניט פון גאָלד.

* * *

א נאַר איז אומעגלעך אויסצוהיילן.

* * *

פיר סיבעס רופן אַרויס פריצייטיקע עלטער – שרעק, צאָרעס פון קינדער שלעכטע (בייזע) ווייב און מילכאָמעס.

* * *

שפּאָר איין אין דער אכילע און באַשיין דיין ווינונג.

* * *

די וועלט קאָן זיך באַניין אָן ווייַן, נאָר ניט אָן וואַסער.

* * *

אַ קליין ביסעלע וויין איז נוצלעך, אַ גרויסע איז שעדלעך.

* * *

ווער עס נערט זיך מיט זיין שטיקל, האָט פאַרגעניגן. גאָר אַנדערש איז מיטן שטיקל פון די עלטערן, קינדער, ניט ריידנדיק פון פרעמדע.

* * *

גיט איז שעפע, אויב דאָס קומט פון דיין האָרעוואַניע.

* * *

ווער עס לערנט ניט זיין זון אַ מעלאָכע, דער גרייט אים צו רויבעריי.

* * *

האָסטו ניט קיין געלט, אינטערעסיר זיך ניט מיט די פרייזן.

* * *

א בייזע ווייב איז ווי א רעגנדיקער טאָג.

* * *

א בייזע ווייב איז די סיבע פון פריצייטיקער אלטקייט.

* * *

שטענדיק באַצי זיך זאָרגעוודיק צו דער ווירדע פון דיין ווייב.

* * *

א פרוי איז אייגנטימלעך אריינקוקן אינעם טעפל פון איר שכיינע, א קוק טאָן, וואָס דאָרטן קאָכט זיך.

* * *

ניט אייגנטימלעך איז דער פרוי גאָרניט ניט טאָן. פוסטעפאסעווען.

* * *

ניט יענער איז א טאטע, וועלכער האָט געבוירן, נאָר ווער עס האָט אויסגעכאוועט.

* * *

"האָב ליב דיין נאָענטן, ווי זיך אליין—" דאָס איז די גאנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט.

* * *

ניט קיין אויסגעווייטעקטע ליבע – איז קיין ליבע ניט.

* * *

שאנעווע יענעם, וואָס קריטיקירט דיך, ליב ניט דעם וואָס כניפּעט פאר דיר.

* * *

לייג ניט אָף דיין קאָפּ קיין לאָרבער – קראַנץ, זאָלן דאָס טאָן אנדערע.

* * *

אפילע ווען דו זאָגסט דעם עמעס, מייד אויס זיך שווערן.

* * *

יעדער זייטל פונעם קאלענדאר נעמט צו באם מענטשן א טאָג לעבן.

* * *

די רייכסטע מענטשן אין דער וועלט זיינען, פארשטענדלעך, יידן – פאר אלעמען צעצאָלן זיי זיך.

* * *

האָב ניט צוטאָן מיט א קליין מענטשעלע. א קליין מענטשלע וועט דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין. וואָס דו ביסט מיט א פּאָר ווערשקעס העכער פון אים.

* * *

איך וואל גלאַנצן אָן א שיך פּליכעס. נאָר קיין קעפּ וועט מען ניט.

* * *

דאָס איז געווען אן אינוואליד פון געדאנק, א מיני - פּאָעט און א מאַקסי פּאַסקודניאַק.

* * *

פאַרוואָס איז דער קאַרגער אזוי דאַר? ווייל ער וואַלעוועט זיך דעם ביסן.

* * *

א גוטע דערציילונג דאַרף זיין קורץ. א שלעכטע - נאָך קירצער.

* * *

היט אייער געזונט. איך קריגט עס ניט אין קראָם פאַר קיין שום געלט!

* * *

דאַכט זיך, קלוגע מענטשן ווייסן גוט וואָס איז אַזוינס נאַרישקייט, דאָך באַנאַרעשן זיי זיך אויך גאַנץ אָפט.

* * *

אַבי געזונט. דאָס לעבן קאָן מען זיך אַליין נעמען.

* * *

אַ באַדכן מאַכט דעם עולם פֿריילעך און אַליין ליגט ער טיף אין דער ערד.

* * *

די אויגן זיינען בא אים גרעסער, ווי דאָס מויל.

* * *

הייב מיך ניט הויך און וואַרף מיך ניט נידריק.

* * *

ווען דער קאַצעוו גייט אָפּ פֿונעם קלאָץ, שפּרינגט אַרויף דער הונט.

* * *

ווי דו וועסט זיך אויסבעטן, אַזוי וועסטו שלאָפֿן.

* * *

טו א הונט גוטס, בילט ער נאָך.

* * *

קאָוועד איז ווי א שאָטן, וואָס מער דו לויפסט נאָך אים, אלץ
ווייטער אנטלויפט ער.

* * *

ער פילט זיך, ווי א פיש אפן האטשיק.

* * *

פון גליק צום אומגליק איז איין שפאן, פון אומגליק צו גליק –
א מייל.

* * *

שיין שווייגן איז טייערער, ווי שיין ריידן.

* * *

בעסער מיט כאכאמים שטיינער טראָגן, איידער מיט נאראָנים
טרינקען וויין.

* * *

דעם הונט, וואָס האָט פארלאָזט זיין באלעבאָס און גייט נאָך
דיר, פארטרייב מיט א שטעקן!

* * *

פֿאַרפֿיר ניט קיין ליבע מיטן ווייב פֿון דיין פֿריינט. קעדיי מע זאָל ניט פֿאַרפֿירן קיין ליבע מיט דיין ווייב.

* * *

דאָס ווייב טראָגט פֿונעם מאַן זיין כאַראַקטער און דער מאַן טראָגט פֿון זיין ווייב דאָס גאַנצע לעבן.

* * *

וואַרף דעם הונט א ביין, זאָל ער ניט בילן.

* * *

זאָל זיין די ערגסטע צרה, נאָר ניט קיין בייז ווייב.

* * *

פֿאַר א ליכט איז אַלצייַנט פֿאַר ווערמען שיינען - פֿאַר איינעם אָדער פֿאַר הונדערט.

* * *

ווען באַם זון איז נישטאָ קיין שיך, דערמאַנט ער זיך אין די עלטערן.

* * *

די באַפּרצונג בא א מענטשן איז די באַשיידנקייט.

* * *

באפריינדע זיך מיט דיינע באלעבאטים, וועט מען זיך אויך פאר דיר בוקן.

* * *

אן איידעלע מיט לאנגע אויערן, איז אפילע אין טאמעז קאלט.

* * *

האָך און ווייַ איז דעם דאָר, וועמענט פידער איז א פרוי.

* * *

א טיפּעש רעכנט אלעמען פאר טיפשים.

* * *

ווען די ליבע איז געווען שטארק, איז אפילע די שארף פון א שווערד געווען א געלעגער. ווען די ליבע איז אריבער, איז אפילע א ברייט בעט צו שמאָל.

* * *

א הונט אינדערפרעמד, וועט זיבן יאָר ניט בילן.

* * *

אויב בא א קאלע זיינען שיינע אויגן, איז בא איר אלץ שיין.

* * *

ער איז געווען און פארבליבן א קאפצן אין זיבן פאָלעס.

* * *

דער נאר איז אים געליגן אפן פּאָנעם.

* * *

דער נאר איז אים נאָכגעגאנגען פיסטראָט.

* * *

קאָלזמאן דער קוואל וועט ניט אויסגעטריקנט ווערן, וועט איר זיך ניט דערוויסן די פרייז פון וואסער.

* * *

א הארץ איז ווי גלאָז – צעברעכט זיך עס, וועסטו עס ניט צונויפקלעפן.

* * *

צען מאָל איז דאָס אייזל געווען אין ירושאָלאים און געבליבן דאָס זעלבע אייזל, וואָס איז געווען.

* * *

פון אן אויסגעטריקנטן קוואל וועסטו זיך ניט אָנטרינקען.

* * *

אין איין אויער אריין אין צווייטן ארויס.

* * *

א בייזער מענטש עלטערט זיך גיך.

* * *

א נאָענטער שאָכן איז בעסער פון א ווייטן קאָרעוו.

* * *

בעסער שטארבן שטייענדיק, איידער לעבן אף די קני.

* * *

רייך גאָלד זשאווערט ניט.

* * *

בא א שעמעוודיקער פרוי ווערן קיין קינדער ניט געבוירן.

* * *

אין שטוב בא א געהאָנגענעם זאָלסטו וועגן קיין שטריק ניט ריידן.

* * *

מיט בלוט ווערסטו קיין בלוט ניט אָפּוואַשן.

* * *

בעט בא גאָט. נאָר דעם זאַסטופּ זאָלסטו פון די הענט ניט אַרויסלאָזן.

* * *

מיט פייער און וואַסער שפּאַסט מען ניט.

* * *

נישטאָ קיין רויך אָן פייער.

* * *

ניט יעדערער ווער עס האָט באַזוכט יערושאָלאַים איז א כאָכעם.

* * *

ווען בא דיין מומע וואָלטן געוואָקסן וואָנצעס, וואָלט זי געווען א פעטער.

* * *

ווען איך די האָר וואָלט געווען א קריעך, וואָלט א צאָפּ געוואָרן א נאָווי.

* * *

א שלעכטער שפּאַס איז יענער, ווו עס איז נישטאָ קיין האַלב עמעס.

* * *

טרייבסטו אים דורך דער טיר, אוּן ער קריכט אין פענצטער.

* * *

בעסער אַליין זיין קראַנק, איידער אַרומגיין אַרום אַ קראַנקן.

* * *

מיט כאַכמע אַליין גייט מען ניט אין מאַרק אַריין.

* * *

אַז מע באָרגט איינעם געלט, קױפט מען זיך אַ סױנע.

* * *

אַ גאַסט אויף אַ ווייל זעט אויף אַ מייל.

* * *

די אויערן מוזן הערן, וואָס דאָס מויל רעדט.

* * *

קאס מאכט א קלוגן צום נאר.

* * *

בעסער צען מאָל איבערפרעגן, איידער איין מאָל בלאָנדזשען.

* * *

פאר געלט באקומט מען אלץ, אָבער ניט קיין סייכל.

* * *

אריין איז אלע מאָל גרינגער, ווי ארויס.

* * *

ניין כאכאָמים קאָנען קיין מיניען ניט מאכן, צען שוסטערס - יאָ.

* * *

ער שעמט זיך, ווי די קאָבילע, וואָס קערט איבער רעם וואָגן.

* * *

באם ברעג קאָן מען אמאָל אויך דערטרינקען ווערן.

* * *

דאָס לעצטע העמד פארזעצן, נאָר א מענטש זאָל מען זיין!

* * *

אָן אָקס האָט א לאנגע צונג, און קאָן קיין וואָרט ניט ארויסברענגען.

* * *

די וועלט איז אזוי שיין, נאָר ווו נעמען זיך די מענטשן, וואָס מאכן פון איר אן האנטשערקע?

* * *

א נארישער קאָפּ ווערט קיינמאָל ניט גרוי.

* * *

אין דער יוגנט איז לייבל געווען א בעהיימע, אף דער עלטער – א פערד.

* * *

בעסער מיט א קלוגן אין געגעם, איידער מיט א נאר אין גאניידן.

* * *

ווען קאָן זיך געפינען בא א יידן אין שטוב א הונט? ווען איינס פון דיביידע – אדער דער ייד איז קיין ייד ניט, אָדער דער הינט איז קיין הונט ניט.

* * *

ער האָט ניט ליב געהאָט שרייבן בריוו – ניט געוואלט מע זאָל זען זיינע גראמאטישע פעלערן.

* * *

רוף א נאר צום מיניען, וועט ער בא זיך גרויס.

* * *

ער זעט אויס, ווי אן אָפּגעשלאָגענע הערשיינע.

* * *

דעם קלוגן העלפט א וואָרט, קיין נאר העלפט קיין בייטש אויך ניט.

* * *

וואָס קומט ארויס פונעם שיינעם עפּל, אז סע האָט א ווערעמדיקן הארץ.

* * *

א מיידל איז ווי א זיידן טיכל – אז עס ווערט אף דעם א פלעק, וועסטו עס מיט זיבן זייפן ניט אויסוואשן.

* * *

דעם ליגנער גלייבט מען ניט, ווען ער זאָגט אפילע דעם עמעס.

* * *

בעסער זאָל דאָס קינד וויינען, אײדער די עלטערן.

* * *

פון פוסטע פּעסער איז דער טומל א גרעסערער.

* * *

די עלטערן לערנען אויס זייערע קינדער ריידן, די קינדער לערנען דערנאָך אויס די עלטערן שווייגן.

* * *

מיט א קליין ביינדל קאָן מען זיך אויך דערשטיקן.

* * *

דער גאַבע האָט דאָס בעסטע מילכיקס – ער מעלקט דאָס גאַנצע שטעטל.

* * *

א פּאָר טעג איז מען א גאַסט – שפּעטער ווערט מען א לאַסט.

* * *

פון אומקאָווען אנטלויף וואָס ווייטער, אָבער דעם קאָווען לויף ניט נאָך.

* * *

גיי פּאַוואָליע, וועסטו גיך קומען.

* * *

אַז מע איז געזונט, איז מען שוין רייך.

* * *

טרעט אָן אויף אַ קאָטשערע, וועט זי אייך אָפּשריגגען.

* * *

דאָס האַרץ זעט אַמאָל בעסער פון דעם אויג.

* * *

פון איילעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס.

* * *

דער ווייטסטער וועג – צו דער קעשעניע.

* * *

בעסער אַ ייד אָן אַ באָרד, איידער אַ באָרד אָן אַ ייד.

* * *

אַז מען דאַרף דעם גאַנעף, נעמט מען אים אַראָפּ פון דער טליע.

* * *

דאָס גוטע געדענקט זיך לאנג, דאָס שלעכטע – נאָך לענגער.

* * *

קיינער ווייסט ניט ווענמענס מאָרגן עס איז.

* * *

וווּ עס פאלט א שטיין, טרעפט ער דעם יידן.

* * *

וועגן איבערגעקומענע צאָרעס איז גוט צו דערציילן.

* * *

וואָס צופיל איז אומגעזונט.

* * *

די צייט איז דער בעסטער דאָקטער.

* * *

דאָס גרינגסטע איז געבן יענעם אן אייצע, דאָס שווערסטע – זיך אליין.

* * *

וואָס קלענער דער אוילעם, איז גרעסער די סימכע.

* * *

פון קרומע שידוכים קומען אָפּט ארויס גלייכע קינדער.

* * *

א שעמעוודיקער. ער שעמט זיך, ווי די קאַץ, וואָס האָט אופגעגעסן דאָס טעפל מיט סמעטענע.

* * *

אויף יענעמס סימכע האָט מען שטענדיק א גוטן אפעטיט.

* * *

פאלן פאלט מען אליין, אָבער צום אופהייבן זיך, דארף מען די האנט פון א פריינט.

* * *

דער גוזיר האָט דעם סייכל אין בייטל.

* * *

ווער עס האָט א ברייט מויל, האָט א שמאָל הארץ.

* * *

לויף ניט נאָך קאָווער, וועט ער אליין צו דיר קומען.

* * *

קעדיי צו דערקענען א מענטשן, מוז מען מיט אים אופעסן א פוד זאלץ.

* * *

מיט די יאָרן ווערט אלץ שוואכער די ציין און דער זיקאָרן.

* * *

וואָס מער דו ווערסט פון זיך בלאָזן, אלץ מער ווערן מענטשן דיך פארלאָזן.

* * *

בעסער געפילטע פיש, אײדער געפילטע צאָרעס.

* * *

דער כאראקטער פון מענטשן אנטפלעקט זיך אין קאס, אין גלעזל, אין דער קעשעניע.

* * *

אָדער די געמיינדע, אָדער דער טויט.

* * *

אָדער אהער, אָדער אהין.

* * *

דאָס אייגענע העמד איז נעענטער צום קערפּער.

* * *

דעם הארצן פון א פרוי איז ליבער א אָרעמער יונג, איידער א רייכער זאָקן.

* * *

די שטיינער, אף וועלכע מיר זיינען געזעסן אין דער יוגנט, האָבן אונדז געמאָלדן א מילכאָמע אף דער עלטער.

* * *

ווי איז דער שיף, וואָס האָט פאַרלוירן איר פּירער.

* * *

ווי איז דעם דאָר, וועלכער האָט געהאָט פאַלשע ריכטער.

* * *

בעסער איז זיין הינטער א לייב, איידער הינטער א פרוי.

* * *

אָדער אינגאנצן ניט מאכן אָדער מאכן, ווי עס דארף צו זיין.

* * *

א שלאכטמאן איז ניט קיין שרייבער, א שרייבער איז ניט קיין שלאכטמאן.

* * *

א העלד איז יענער, וואָס באזיגט זיין ליידנשאפט.

* * *

א כאָכעם איז יענער, וואָס זעט פאָר די צוקונפט.

* * *

ניט שיין איז א גאסט זאָל פירן מיט זיך א גאסט.

* * *

פון א קריגערייַ ווארט ניט קיין גוטס.

* * *

רייך איז דער, וואָס איז צופרידן מיט זיין גורל.

* * *

נישטאָ קיין מענטש אָן יעסורים (צאאר, ווייטעק)

* * *

אפילע קיין מאלעך קאָן ניט אויספילן איינצייטיק צוויי ארבעטן.

* * *

מע דארף ניט צונויפמישן קיין צוויי יאָמטויודים.

* * *

אף קיין ניסעם לייגט מען ניט קיין האָפענונג.

* * *

אן אָנקלאָגער קאָן ניט זיין קיין פארטיידיקער.

* * *

מע קאָן ניט פארגלייכן איינעם, וואָס האָט זיין שטיקל ברויט
מיט א צווייטן, וואָס האָט גרויסע צאָרעס.

* * *

א זאטער פילט ניט מיט דעם הונגעריקן.

* * *

וועסט ניט אָפּהאָרעווען דעם זומער, וואָס וועסטו עסן ווינטער?

* * *

אויב ניט איך פאַר זיך, איז ווער זשע פאַר מיר? אויב איך בין בלויז פאַר זיך, איז וואָס בין איך?

* * *

אויב פאַלן איז פון א גוט פערד.

* * *

די וועלט איז איבערגעגעבן אין די הענט פון נאַראָנים.

* * *

מיט דער וועלט פירן אָן מעשוגוים.

* * *

ביסטו א דאָקטער, הייל זיך פריער אליין אויס.

* * *

א רויז צווישן שטעכלקעס איז אלציינס א רויז און רופט זיך אָן רויז.

* * *

פון אומזיסטער היילונג ווארט ניט זאָלסט נעזונט ווערן.

* * *

אן אופגעקומענער קנאקער איז ארייך אין דער אָנפירונג און קאָרטשעט פון זיך א העלד.

* * *

שעם זיך ניט זיך אנבויגן און זיך אן אייצע האלטן מיט דיין פרוי, אויב זי איז קלענער פון דיר.

* * *

א געקומענעם צו דיר מיט א קיוון דיך הארגענען, - הארגע אים פריער.

* * *

דער מענטש איז דער שעפער פון זיין גליק.

* * *

צווישן דער געווינערן און דער בובע איז אומגעקומען דאָס קינד.

* * *

א קליינע מאטבייע מאכט א גרויסן טימל. (א סאך טומל פון גאָרניט)

* * *

אף מייך שטייגל ביסטו מיר מעקאנע, נו און אף מייך קנעכטשאפט?

* * *

דאָרטן וווּ עס זיינען נישטאָ קיין מענטשן, באמי זיך אליין זיין א מענטש.

* * *

אייניקלעך דאָס זיינען ראָך דיזעלבע קינדער.

* * *

האָט זיך פארוואָלט יאקאָוון לעבן רויק, האבן אים פארפלייצט די דייגעס וועגן זיין זון יאָסיפן.

* * *

אויב דער אורטיל האָט איבערגענעכטיקט ניט קיין געמאלדענער, איז ער שוין ניט גילטיק.

* * *

אויב דער ערשלינג איז א מיידל – איז דאָס א גוטער סימען פאר די קומענדיקע קינדער.

* * *

ארבעט מאכט דעם מענטשן דערויבענער, ראפינירטער.

* * *

א שאנרע דעם לייב וויינען פארן פוקס.

* * *

וואָס פארא דאָר, אזא איז דער פידער.

* * *

נאָך דעם ביס פון א שלאנג, איז דער שטריק שרעקלעך.

* * *

די דאָזיקע וועלט איז ענלעך אף א באלאגאן.

* * *

באפרײַנדע זיך מיט דער נאטשאלסטווא, און אלע וועלן זיך פאר דיר בוקן.

* * *

די באשיינונג פאר גאלאנטקייט – איז באשיידנקייט.

* * *

האָסטו צוגעגעבן מעל, גיב צו וואַסער.

* * *

ווען עס גייט, יענעם איז קאָווער.

* * *

נאָכן געשלעג פאָכעט מען ניט מיט די פויסטן.

* * *

מאַכט פאַרניכטעט אידע באַזיצער.

* * *

דער געדאַנק אַליין וועגן דער אָווירע, איז געפערלעכער, ווי די אָווירע אַליין.

* * *

וויכטיקער פון אַלץ דאָס איז שׂכל.

* * *

האָסטו אָנגעהויבן אָן איניען – ענדיק!

* * *

פון אַלע זייטן – איינע צרות.

* * *

לויב א מענטשן אָן זיין אָנוועזנהייט.

* * *

געלערנטע, אלץ עלטער זיי ווערן, אלץ קלוגער זיינען זיי.

* * *

א קאָמפּאניע פון פריינט און א מישפּאָכע איז ענלעך אַף א פּיראמידע פון שטיינער: געוויג עס זאָל איין שטיין ארויספאלן, און די גאנצע פּיראמידע פאלט זיך פאנאנדער.

* * *

אייל זיך אָנעסן און אָנטרינקען קאַלזמאן דו לעבסט אין דער וועלט פון דעם שענקל.

* * *

געלערנטע זייט פאַרזיכטיק אין אייערע ארויסטרעטונגען.

* * *

באגעגענישן מיט טויבע, נארישע אָדער קליינינקע קינדער ברענגט האָפטלעך צו אומאנגענעמלעכקייטן.

* * *

פארמאך דיינע ליפּן און אייל זיך ניט מיטן ענטפער.

* * *

ווײ איז יענעם דאָר, וווּ דער פֿידער איז אַ פּרוי.

* * *

דעם בעסטן פֿון די שלענג, צעברעך דעם קאָפּ.

* * *

לײזער איז באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן און אַרן דאַרף פֿאַראַנטוואָרטלעך זײַן דערפֿאַר.

* * *

אַ משוגענער רעכנט אַלעמען פֿאַר משוגעים.

* * *

די יוגנט – דאָס איז אַ בוטאָן פֿון רויזן, די עלטער – אַ בוטאָן פֿון שטעכלקעס.

* * *

זאָל דער געזעץ כאָטש דורכעקבערן דעם באַרג, נאָר אַ געזעץ בלײַבט ער.

* * *

שײך זאָגט ער צו, נאָר שלעכט פֿילט ער אויס.

* * *

ווי שווער איז דאָס לעבן אין די גרויסע שטעט!

* * *

דיינע אויערן זאָלן הערן, וואָס דיין צונג רעדט.

* * *

די טאַכטער איז ענלעך אָן דער מאַמען, די מאַמע איז ענלעך אָן דער טאָכטער.

* * *

ווען עס ענדיקט זיך די טוווע אין שפּייכלער, הייבט זיך אָן א קריגעריי אין שטוב.

* * *

לויט דעם דאַר א פּירעד, לויט דעם פּירעד א דאַר.

* * *

געננג עס זאָל אומפּאַלן אייך ווענטל פונעם פּלויט, דער גאַנצער ווייננאָרטן זאָל ווערן פוסט.

* * *

אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן – איז גוט.

* * *

אלץ, וואָס איז איבעריק איז שעדלעך.

* * *

יעדער יידנסוינע הייבט זיך אוף הויך.

* * *

יעדער אָנהייב איז שווער.

* * *

א קאָפּקע היט אָפּ דעם רובל.

* * *

זאָל זיין דאָס גרעסטע בייז, נאָר ניט קיין בייז ווייב.

* * *

הייב ניט אָן א מילכאָמע דער ערשטער, נאָר טרעט אין איר אריין דער לעצטער, ווען פון איר דער לעצטער ארויסגיין.

* * *

ניט יעדער שאָ טרעפט א נעס.

* * *

א שעמעוודיקער קאָן זיך ניט לערנען דערפאָלגרייך, און א אלטגעבאקענער, א נודניק – זיין א לערער.

* * *

דאָרטן האט מען ניט געזען ניט קיין וואלד, ניט קיין בערג.

* * *

ניט דאָס אָרט באשיינט דעם מענטשן, נאָר דער מענטש באשיינט דאָס אָרט.

* * *

פאר א קלוגן איז גענוג א ווונק, פאר א נאר – א קולעק.

* * *

ביזן לעצן אָטעם דארף דער מענטש זאָרגן וועגן שאָלעם.

* * *

אף אלץ געפינט זיך א פארבייט, כרץ דעם ווייבס יוגנט.

* * *

וווהין דאָס הארץ – אהין די פיס.

* * *

בלויז יענער, וועלכער האָט פאַרזוכט דאָס עסן, קאָן מישפּעטן וועגן דעם געשמאַק.

* * *

די שנעלקייט פונעס אייזל איז אָפּהענגיק פון דער צאָל אופגעגעסענעם האָבער.

* * *

זיך דערהאָבערן א סוינע איז גאַנץ גרינג, שווערער איז געפינען א פריינט.

* * *

ביסטו געקומען אין א שטאָט, טאָ לעב לויט זיינע געזעצן.

* * *

מאַך פאַשעטער די שאַבעסדיקע סודע און קום ניט אָן צו פרעמדער הילף.

* * *

דער אייפערזיכט פון שרייבער, פאַרברייטערט די כאָכמע.

* * *

צוויי פרויען אין שטוב איז א אייביקע קריגעניש.

* * *

אז מע שווייגט איז א גוטער סימען, אז מע איז איינשטימיק.

* * *

ווער עס נערט זיך מיט דעם אייגענעם שטיקל ברויט באקומט פארגעניגן, גאָר אנדערש איז מיטן שטיקל פון די עלטערן, קינדער, שוין ניט ריידנדיק פון פרעמדע.

* * *

די וועלט קאָן זיך באגיין אָן ווייך, נאָר ניט אָן וואסער.

* * *

האָסטו ניט קיין געלט, דארפסטו זיך ניט אינטערעסירן מיט די פרייזן.

* * *

א בייזע ווייב איז ווי א רעגנדיקער טאָג.

* * *

א פרוי איז אייגנטימלעך ארייגקוקן אין טעפל פון איר שכיינע, זען, וואָס בא יענער קאָכט זיך.

* * *

ניט יענער איז דער פאָטער, וואָס האָט געבוירן דאָס קינד, נאָר יענער, וואָס האָט עס אויסגעכאָוועט.

* * *

פארשליס ניט די טיר פון דיין שטוב בייס דעם עסן.

* * *

באגעגן הארציק יעדן מענטשן.

* * *

באגעגענען הארציק א מענטשן אפילע גאָרניט ניט גיבנדיק אים, הייסט באלוינען אים מיט די בעסטע געשאַנקען פון דער וועלט.

* * *

שאָלעם פאר דער וועלט איז ווי אייוון פאר דעם טייג.

* * *

בעסער הערן" הייב זיך אוף" איידער " לאָז זיך אראָפּ"

* * *

לייג אָפּ זיך ניט ארוף קיין לאָרבער קראַנץ, זאָלן עס טאָן אנדערע.

* * *

אפילע פאר אפוקס דארף מען זיך אמאָל פארנייגן.

* * *

קוק ניט קרום אף קיין קליין מענטשעלע. א קליין מענטשעלע קאָן דיר העלפן זיך אופהייבן העכער.

* * *

זאָלסט ניט האָבן צוטאָן מיט א קליין מענטשעלע - א קליין מענטשעלע וועט דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין, וואָס דו ביסט מיט עטלעכע סאנטימעטער העכער פון אים.

* * *

פארוואָס האָבן ליב ווייבער ריידן אלע מיטאמאָל? זיי ווייסן, נעבעך, אז עס איז נישטאָ וואָס צו הערן.

* * *

יונגערמאן, וואָס שרייס איר אזוי שטארק, מע זעט גלייך ניט, סייארא פאסקודניאק איר זיינט.

* * *

איך ווייס ניט ווי איר, נאָר איך וואָלט א באלן געוועזן האָבן א ווייב, ווי די לעוואָנע - באנאכט זאָל זי אופגיין, און גאנצפרי זאָל זי ניט ווערן.

* * *

אונדזער שאָכן קאָן אָפשלאָפן צוויי מעסלעס נאָכאנאנד. ער זאָגט, אז דורך שלאָפן פארלענגערט ער זיך די יאָרן.

* * *

א מאָדנע זאַך דער מענטשישער זיקאָרן, – טוסטו אים גוטס, וועט ער עס דיר קייגמאָל ניט מוחל זיין.

* * *

בעסער האָבן צוטאָן מיט איין פריילעכן מענטשן, איידער מיט צען נודניקעס.

* * *

בעסער איז צען מינוט לאכן איידער דאָס גאנצע לעבן וויינען.

* * *

א מאדנע פרוי – די יוגנט שיינקייט איז שוין לאנג פארשוונדן און דער קינדערשער סייכל איז נאָך פארבליבן.

* * *

דער מענטש טראכט און דער מאלכמאָוועס לאכט.

* * *

די טייערסטע זאך אין דער וועלט איז דער עמעס – דערפאר זיינען פאראן א סאך מענטשן וואָס נוצן זיך זייער זעלטן מיטן עמעס.

* * *

אויב עס איז א זאַקן נימעס נעוואָרן דאָס לעבן, גײט ער זיך מיט זײַן ווייב און האָט כּאַסענע פאַר א יונגער מאַכעשייפע, וואָס איז דרײַ מאָל יינגער פאַר אים.

* * *

עלטערן לערנען אויס זייערע קינדער ריידן און די קינדער לערנען דערנאָך אויס זייערע עלטערן שווייגן.

* * *

ווען פרייט זיך א קליין מענטשעלע? א קליין מענטשעלע פרייט זיך, ווען עס באַגעגנט נאָך א קלענערס פון זיך, א קאַרליקל.

* * *

דאָס מיידל איז געווען אַזוי פויל, אַז זי האָט זיך אַפילע געפוילט כּאַסענע האָבן.

* * *

פאַרוואָס רויכערן אַזופיל מענטשן? זיי דאַכט זיך, אַז זיי האָבן נאָך ווייניק ביטערקייט פאַרזוכט אין זייער לעבן.

* * *

וואָס הערט זיך בא אייך, פעטער זייליק? גאָרניט. איך לייג זיך שלאָפן מיט צאָרעס און שטיי אויף מיט ווייטעקן.

* * *

א קינד איז אמאָל ערגער פון א גאזלען און מע מוז נאָך טאנצן אף זיין כאסענע.

* * *

אף דעס מענטשנס פּאָנעם איז געליגן אזא ביטערע גרימאסע, גלייך ווי ער וואָלט אָקאָרשט אופגעשטאנען פונעס בענקל בא ציינדאָקטער, וועלכער האָט בא אים ארויגעריסן אנשטאָט איין קראנקן צאָן צוויי געזונטע.

* * *

אייך לעץ ברענגט אמאָל די מענטשן מיט זייערע כאָכמעס און שטיק מער געזונט, ווי צען אפטייקן מיט זייערע רעפועס.

* * *

נאָך דעם, ווי גאט האָט באשאפן דעם מאנצבל, האָט ער זיך אָפּגערוט, נאָך דעם, ווי גאָט האָט באשאפן די פרוי – האָבן אלע אָנגעוווירן זייער רו.

* * *

די סאמע שענצטע פרויען זיינען בלאָנדע, די סאמע ליידנשאפטלעכע – שווארצכיינעוודיקע, די סאמע ערלעכע – גרויע...

* * *

א פולע קעשעניע קאָן ניט פארפולן קיין פוסטן קאָפּ.

* * *

עס איז בעסער הערן א רעדע אָן אן אָנהייב איידער אָן א סאָף.

* * *

עס איז בעסער געהאקטע לעבער, איידער געהאקטע צאָרעס.

* * *

אן עכטער שרייבער איז יענער, וואָס קאָן אין א פּאָשעטן שטעקן דערזען א גאנצן וואלד.

* * *

" א רענדל א וואָרט!" האָט אויסגעשריגן דער שרייבער יוקלזאָן און אינגיכן ארויסגעלאָזט פון אונטער זיין פען א נודנע געשיכטע אין פינף הונדערט זייטלעך, וואָס מע קאָן אין מויל ניט נעמען.

* * *

די קליפּע האָט א קוק געטאָן אף דעם באָכער מיט אזעלכע ראָצכישע אויגן אז דער מאמעס מילך איז בא אים זויער געוואָרן.

* * *

די מאנצבלען האקן אונטער בא די פרויען די פליגל און זאָגן דערנאָך, אז יענע זיינען ניט קיין מאלאָכים...

* * *

ווען א פרוי צינדט אָן דרייסיק ליכט צו איר פופציקיאָריקן געבורטס טאָג, דאָס איז לאבלוטן ניט פון צעשטרייטקייט.

* * *

בלויז זייער א שיינע פרוי קאָן זיך פארגינען זיין א לייכטזיניקע.

* * *

דערפון, וואָס מע פארקירצט זיך די יאָרן, ווערט מען ניט יינגער.

* * *

צוליב דעם מע זאָל ווערן אומשטערבלעך, דארף מען אָפּגעבן דאָס לעבן.

* * *

דער פאַרשוין איז זייער אסאך געשלאָפן, געמיינט, אז דערמיט פארלענגערט ער זיך די יאָרן.

* * *

קוק ניט קרום אף קליינע מענטשן – זיי קאָנען דיר העלפן זיך אופהייגן העכער.

* * *

ווען דער אייבערשטער לעבט כאָלילע אף דער ערד, וואָלטן מענטשן אים אויסגעשלאָגן אלע פענצטער.

* * *

ציי ניט אָן שטארק די סטרונע, זי קאָן פלאצן.

* * *

אמאָל איז ארײנשלעפן א מענטשן אין א בלאָטע גרינגער, ווי אים ארויסשלעפן פון דאָרטן.

* * *

אויך מיט קרומע פיס קאָן מען גיין אף א גלייכן וועג.

* * *

זיי ניט קיין נאר, וועט מען פון דיר ניט לאכן.

* * *

דער מענטש האָט זיך, דאנקען גאָט, בארויקט – מע האָט אים אָפגעגאָסן מיט א קאלטן עמער וואסער.

* * *

דאָס איז געווען אזא גוטער, אז מע האָט אים געקאָנט צולייגן צו א מאקע.

* * *

טשעפע ניט דעם עמעס – ער בייסט זיך.

* * *

דאָס איז שוין ניט קיין מענטש – אן אָפּגעשלאָגענע הורישיינע.

* * *

מיט קלונשאפט קאָן מען אמאָל פאנגען א לייב, מיט קויעך וועסטו קיין פליג אף דער וואנט ניט הארגענען.

* * *

דער מענטש האָט אזויפיל געטרונקען פארן געזונט פון אנדערע, אז ער איז אליין קראנק געוואָרן.

* * *

די שטרעבונג זיין קליגער פון דער גאנצער וועלט, איז די גרעסטע נארישקייט.

* * *

אויך א זעעוודיקער קאָן אמאָל זיין בלינד.

* * *

א גוט מענטשעלע – דאָרטן, ווו ער איז דורכגעגאַנגען, האָט דאָס גראָז אופגעהערט וואַקסן.

* * *

פון זייַן פלאַפּלערייַ קאָן מען טראָגעדיק ווערן.

* * *

טאַנץ ניט אייַנצייַטיק אף צווייַ כאַסענעס.

* * *

א טאַלאַנטפולער שרייַבער איז בא גאָט אַן אויסדערוויילטער, ווי א מאַלעך, דערפאַר טראַכט ניט גאָט וועגן באַזאָרגן אים מיט ברויט.

* * *

א גוטן בוך שעצט מען ניט לויט די טעוועלעך, ווי א קלוגן מענטשן לויט דעם שניפּסל.

* * *

ער האָט מוירע געהאָט זיך נעמען אין די הענט, מוירע געהאָט זייַ, כאָלילע, אויסשמירן.

* * *

דער גליקלעכסטער מענטש אף דער וועלט איז געווען אָדאָם – האָרישן – ער האָט ניט געהאַט קיין שווינער.

* * *

גוטסקייט טאָן א מענטשן – פארטראַכט זיך ניט. שלעכטס אים טאָן הונדערט מאָל פארטראַכט זיך.

* * *

די פרוי האָט זעלטן געלאַכט – זי האָט מוירע געהאַט קיין קנייטשן זאָלן זיך ניט זעצן אף איר פּאָנעם.

* * *

דער באָכער פארמאָגט א קליין נעשאָמעלע און א גרויסן אווטאָמאָביל.

* * *

אויך צווישן נאראָנים געפינט זיך אמאָל א קלוגער – דער, וואָס שווייגט.

* * *

טייל פאנאנדער דייך יערושע באם לעבן, וועט קיינער ניט וואַרטן אף דייך טויט.

* * *

ער האָט נאָך אפילע ניט אויסגעבויט קיין פונדאמענט און דראפעט זיך שוין אף די גלייכע ווענט.

* * *

די שרעק פאר דער עלטער, פארקירצט אמאָל די יאָרן.

* * *

מיט די עלנבויגן קאָן מען זיך אמאָל דורכשלאָגן א וועג, נאָר ווייט וועסטו ניט אוועקגיין.

* * *

גיב אים די האנט, נאָר גלייך זאָלסטו איבערציילן, צי האָט ער דיר איבערגעלאָזט אלע פינגער.

* * *

רוף אים ניט פערד. א פערד וועט אזעלכע נארישקייטן קיינמאָל ניט טאָן.

* * *

ער האָט זיך נאָך ניט פאַרגעשטעלט געניי, וואָס עס טוט זיך מיט אים אף דער ערד און פליט שוין אין די הויכע הימלען.

* * *

האָפּטלעך פאַרגעסן מענטשן, ווער עס האָט זיי געשטעלט אַף די פּיס און קריכן שוין אַפן קאָפּ.

* * *

אפילע א בוים קרעבצט בייסן פאַלן.

* * *

א באל - גייווע איז געגליכן צו א האָן - לייגן אייער קאָן ער ניט, נאָר קוקאַרעקען ווילט זיך אים שטאַרק.

* * *

דערמיט וואָס איר וועט בא א אייזל אָפּשניידן די אויערן, וועט ער קלוגער ניט ווערן.

* * *

א מוטער מיט אירע לאַנגזאַמע טריט קומט צו אירע קינדער האָפּטער, ווי די קינדער קומען צו דער מאַמען אַף זייערע גיכע אווטמאָבילן.

* * *

ער וואָלט ניט געווען אזוי נאַריש, ווען ער סטאַרעט זיך ניט אַרויסווייזן זייך כאָכמע.

* * *

א קויטיק מויל העלפֿן אפֿילע ניט די גאָלדענע צייון.

* * *

יעדער בלעטעלע אפֿן קאַלענדאַר נעמט אָפּ באַם מענטשן א טאָג לעבן.

* * *

די יוגנטלעכע שיינקייט איז באַ איר שוין לאַנג אוועק און דער קינדערשער סייכל איז פֿאַרבליבן.

* * *

דער באָכער איז געוואָרן אף א יאָר עלטער, נאָר ניט אף קיין רעגע קליגער.

* * *

אַן אעראָפּלאַן אין הימל האָט דאָרטן א געסערן גרונט, ווי א לופֿטמענטש אף דער ערד.

* * *

אז דן אַנטלויפֿסט פֿון א שלאַנג, זוך ניט קיין רעטונג באַ א וואָלף.

* * *

א דאנק זיין קאפעליוש געדענקט ער, אז ער האָט נאָך א קאָפּ אף די פּלייצעס.

* * *

בוי ניט דיין גליק אף יענעמס אומגליק.

* * *

ער באָדט זיך מאמעש אין גאָלד און איז ניט ווערט קיין צעבראָכענעם גראָשן.

* * *

ער האָט זיך נאָך ניט ארופגעכאפּט אפן פערד און שרייט שוין "וויאָ!"

* * *

א שיין פּאָנעם ענדערט זיך מיט דער צייט – א שיין הארץ – קיינמאָל ניט.

* * *

זאָלסט קיינעם ניט מעקאַנע זיין – קינע עסט אוף פאַדנווייז געזונט.

* * *

ווען מוישע ראַביינו האָט גערעדט מיט גאָט אױפן באַרג סיני
האָט ער אָנגעטאָן אַ מאַסקע. איצט זײַנען אַלע, וואָס רעדן מיט
גאָט פאַרמאַסקירט.

* * *

עמעצער הייסט זיך דיר אָנבייגן. מאַנעסטאַמע וויל ער אויף דיר
פאָרן רייטנדיק.

* * *

די פּעטשייעוועער מײַרעלעך הייבן אָן לאַכן נאָך איידער מע
הייבט זיי אָן קיצלען.

* * *

אַ ציג האָט אויך אַ באָרד, נאָר דערפון הערט זי ניט אויף זײַן אַ
ציג.

* * *

קליינע קינדער לאָזן ניט שלאָפן, גרויסע קינדער לאָזן ניט
לעבן.

* * *

קיינער איז ניט אַזוי טויב, ווי מענטשן וואָס ווילן אייך ניט
הערן.

* * *

אז מע לאָזט זיך שווימען, דארף מען האלטן דאָס מויל פארמאכט, זעט אויס, דערפאר קענען קיין פרויען ניט שווימען.

* * *

פאר וואָס פארמאכט דער האָן די אויגן, ווען ער קרייעט, קעדיי די וועלט זאָל זען, אז ער ווייסט עס אויף אויסווייניק.

* * *

ווען גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט ער בא אים אָפּ דעם סייכל.

* * *

איין האָר פון א מיידלס קאָפּ שלעפּט שטארקער ווי צען אָקסן.

* * *

א טראָפּן ליבע ברענגט האָפט א יאם טרערן.

* * *

אין א ברייט צעעפנטער טיר איז גרינג ארייננגיין, נאָר שווער ארויסגיין.

* * *

בעסער איז א ניט שיינער עמעס, ווי א שיינער ליגן.

* * *

אז מע גאנוועט ארויס די פערד, פארמאכט מען די שטאל.

* * *

קראנקע מענטשן קאָנען לעבן אָן דאָקטוירים, דאָקטוירים אָן קראנקע מענטשן – בעשום אויפן ניט.

# אינהאלט

חעגן אריצער . . . . . . . . . . . . . . 5
כעלעמער כאכאָמים . . . . . . . . . . 9
הערשעלע אָסטראָפּאָליער . . . . . . . . . . 89
געזען, געהערט און פארשריבן... (פונעם. פאלקס - אריצער) . 129

*Літературно-художнє видання*

**Полянкер Григорій Ісаакович**

# СКАРБ

## Веселі та сумні історії

(Мовою їдиш)

Відповідальна за випуск *Т.В. Мизгаєва*
Художній редактор *Ж.Г. Присяжна*
Технічний редактор *З.С. Бурдейна*

Оригінал-макет підготовлено до друку на ПЕОМ у Головній спеціалізованій редакції літератури мовами національних меншин України

Підписано до друку 12.03.96. Формат 60×90 1/32. Папір книжково-журнальний. Гарнітура Hebrew. Друк офсетний. Ум. друк. арк. 10,5. Обл.-вид. арк. 7,53. Тираж 1000 пр. Зам №6-61 Свідоцтво № 19241137 від 22 липня 1994 р.

Головна спеціалізована редакція літератури мовами національних меншин України, 254025, Київ, Десятинна, 4/6.

Київська книжкова друкарня наукової книги, 252030, Київ, Б.Хмельницького, 19.

1-00